מקום מיוחד ושמור היה ביום השוק כמו בכל ימות החול, לתגרנים (״זיצערס״) ירקנים, אשר כל אחד מהם היה יושב מאחורי דוכנו, המורכב ממיספר לוחות־עץ המונחים על שני ארגזים. על הדוכן — מאזניים ומישקלות ולידו סלי־נצרים ובהם פירות וירקות. בין הרוכלים היו שמכרו דגים לשבת.

גם למכירת ביצים ועופות היה מקום מיועד בשוק. נשות האיכרים היו ישובות על הארץ ולפניהן ביצים, עופות וכן חמניות, גרעיני דלעת לפיצוח בשבת וכל מיני תבלינים.

נשים מהכפר פראַדאנשט היו מספקות חלב בבקבוקים וחמאה עטופה בעלי־כרוב — ללקוחות בעיירה שלא היתה להם עז או פרה.

היו גם יהודים, אשר החזיקו מיספר פרות וסיפקו חלב לאניני־טעם ולמהדרין בכשרות. גבינות אפשר היה להשיג אצל גדליה הבריזנאר (עושה הגבינות).

מרבית בני העיירה התפרנסו ממיסחר עם הכפריים של הסביבה, אשר נוסף לפירות וירקות, היו מביאים מתבואות הקיץ כמו: תירס, חמניות, חיטה, שעורה וכן מכרו באביב עורות של טלאים ובחורף — עורות של חיות שנצודו.

תמורת תוצרתם היו האיכרים קונים לתצרוכת ביתם; כלי־בית, מכולת, בדים, בגדים מוכנים, נעליים וכן מקבלים את שירותם של בעלי־מלאכה שונים; חייטים, סנדלרים, פחחים, נפחים, נגרים וכד׳.

שירות מיוחד קיבלו האיכרים מבתי־הבד לעצירת שמן ומלווים את הייצור עד קבלת השמן החם מתוצרתם שלהם.

בתי־הבד היו מוכרים את תוצרתם לערים הגדולות. הגפת (מאקוך), שימש מזון לבהמות ולחזירים וכן להסקה. קליפותיהן של החמניות, לאחר הפרדתן מהגרעינים, שימשו בימות־החורף הקרים — להסקה ולחימום הבתים.

טחנות־הקמח פעלו בלא הרף, ובזכותם הותקנו פנסי־חשמל שהאירו את האפילה ברחובות העיירה.

השוק המיועד לבהמות וסוסים, שימש לא־פעם מקום להסתה אנטישמית, בעיקר בתקופה של ערב־בחירות. תגובתם של צעירי קאפרשט, לכל התעוררות מעין זו, היתה מיידית וזה הרתיע את המסיתים והמוסתים כאחד.

בצד מערב של העיירה השתרעה בקעה עמוקה אשר בשתי גדותיה היו פזורים סלעים ואבנים למכביר. עמוק עמוק בגיא זרם נהר הריאוט.

בימות הקיץ, בשעות אחרי הצוהריים, היו בני העיירה נוהרים בהמוניהם לטבול במים הצוננים של הריאוט. המרחק לנהר היה כ־2 ק״מ כולל הירידה התלולה. את הדרך היו עושים ברגל, בעגלה רתומה לסוסים וגדושה נוסעים — שכנים, חברים או

סתם נילווים. גם כרכרה רתומה לסוס לא נעדר מקומה ואפילו ברכיבה על סוס היגיעו. כל האמצעים, להגיע לריאוט, כשרים. מקומות הרחצה היו מתמלאים בהמון אדם. הגברים — בלא כסות לעורם, ואילו הנשים, במרחק מה משם — לבושות כותנות־לילה או חלוק לעורן — מעינא בישא.

גם הסוסים היו בקהל המתרחצים — בלא בושה מטילים גלליהם במים, מבלי שירגישו צורך אפילו "להתנצל"; המים הזורמים נשאום הלאה הלאה.

סביבת הריאוט הייתה מקום־משיכה לרבים, בעיקר בימי שבת אחר הצהרים. בחורף, עת שיכבת קרח עבה כיסתה את פני הנהר, שימש הנהר להחלקה. ואילו בקיץ — לטיולים ולמקום מיפגש של נוער. בייחוד חיבבו את המקום חניכי תנועות הנוער בעיירה; השומר הצעיר, גורדוניה, דרור וכן גם נוער לא־ציוני, אשר פעולותיו במחתרת.

מקור מי־השתיה לתושבי העיירה, היו שני מעיינות לייד הריאוט. אחד מהם, שנודע בפי־כול בכינויו ה"איזוואר" (המעיין), מימיו היו שופעים וצלולים. לכאן היו באים "מובילי־המים", כל אחד עם עגלה רתומה לסוסים, אשר עליה מותקנת חבית כרסתנית ולצידה תלויים שני דליים מעץ. קשה ומפרכת היתה עבודתם של מובילי המים, בייחוד בימות החורף, עת סופות שלג סוערות משתוללות, משבשות את הדרכים ומכבידה על ההליכה, בפרט כשהדליים מלאים מים.

עם הפשרת השלגים, כאשר הנהר היה גואה וסוחף כל אשר נקרה בדרכו; דרכים משתבשות, הבוץ בדרכים וברחובות העיירה עמוק, הפכה הנסיעה ונשיאת הדליים לסיוט.

אולם אספקת המים לא פסקה, כי מיצרך חיוני הוא. פרנסה קשה "בחרו" לעצמם מובילי המים מחוסר ברירה: — בבית אישה וילדים, ויש להביא לחם לפיהם ומיספוא לבהמות־העבודה העוזרות לפרנסה.

ו ל ס י ו ם : הקשר שלנו עם עיירתנו, ככל שלא יהיה, הוא ריגשי בלבד. שם נולדנו, גדלנו, חונכנו ולמדנו לדעת ולהבין כי המקום יקר לנו; אולם זר לנו כיהודים, כמו כל מקום אחר בעולם. אין אנו יכולים להתעלם מזכרונות־העבר, כי באיזשהו מקום קיים קשר בין העבר לעתיד. למרות ששרפנו את הגשרים עם מה שהיה לנו בגולה — ההווה והעתיד שלנו כיהודים הוא כאן בארץ־ישראל.



אריה קופרוב

כי אזכור את עיירתי קאפרשט

מדי פעם מנקרת במוחי תמיהה: הן עיירתי — ככל העיירות שבגולה היא; מדוע זה זכו מרבית הערים והעיירות בביסאראביה, כי שמם יופיע בספרים ובעיתונים שונים, ואילו קאפרשט — איתרע מזלה, ושמה לא ייזכר ולא ייפקד?

עובדה היא. השם "קאפרשט" נמחה מעל המפה הגיאוגראפית; הוא הוסב ל"פרודאנשט" — על שמו של הכפר השכן. מכיוון שכך, שומה עלינו — הדור, אשר ראה במו עיניו והרגיש על בשרו את חורבנה — להעלות זיכרה של העיירה — בה נולדנו, בה חונכנו ובה עוצבה דמותנו הרוחנית.

שנים רבות חלפו מאז נעקרתי מעיירתנו, ותוך מסכת של נדודים וסבל נשאתי בליבי געגועים ודאגה לגורלה של ערש־מולדתי. גם כיום, כאשר היגעתי סוף סוף אל ארץ־כיסופיי והתעריתי בה, אני נושא בקרבי את דמותה של קאפרשט. חרותים במוחי רחובותיה, בתיה, מוסדותיה ואנשיה; אני רואה אותם בעיני־רוחי בכל פרטיהם ופרטי־פרטיהם.

יהודי העיירה, מרביתם היו פשוטי־עם, לבושים מעילי פרווה, לראשם — כובע של עור־טלה (קוטשמע), ולרגליהם — מגפי־עור גבוהים (טיב העור לפי הישג ידו של האיש) או נעליים נתונות בערדליים. אנשים בעלי השגות מצומצמות, אשר דרישותיהם מהחיים היו מוגבלות לדאגות פרנסה, לענייני משפחה ולחינוך ילדיהם.

מה שנוגע לחינוך עצמו, לא היו השאיפות מרקיעות שחקים. מספיק ודי לדעת להתפלל, להבין מקצת חומש ורש"י, לכתוב מיכתב ביידיש, ואם אפשר — גם בשפת המדינה. וכל זאת למה? שלא להימנות, חלילה, עם מעמד הבורים והעמי־ארצים...

חלק ניכר מן האוכלוסיה התפרנס מעבודת אדמה: מהם שהיו חוכרים מה"פריצה" שטחי־קרקע ומגדלים תבואה או מיקשאות של אבטיחים ומלונים; מהם שנטעו כרמים על מדרון ההר ממיזרחה של העיירה, וכן היו שגידלו עצי־פרי. כמעט שלא היה בעל בעמיו, אשר לא גידל פרה או לפחות עז או שתיים. כנראה, צודקים הטוענים כי שמה של העיירה בא לה על שום המיספר הרב של עיזים שמילאו את רחובותיה של העיירה ואף טיפסו על הגגות.

אבל את המרכיב העיקרי של תושבי קאפרשט היוו בעלי־מלאכה, חנוונים וסוחרים, אשר התפרנסו מאיכרי 20 הכפרים שבסביבה, שהיו מזדמנים אל העיירה בכל ימות־השבוע ובמיוחד בימי־השוק — ה"יריד".

שישה רחובות היו בעיירה וסימטאות מיספר. הרחוב הראשי — הארוך שבהם — ריכז בתוכו את מרבית החנויות; הוא הגיע בקצהו הדרומי עד לגבולו של הכפר "פרודאנשט", ואילו קצהו הצפוני נמשך לכיוון דרך רוגוז'ני. מאחורי רחוב זה, עד לאופק המיזרחי, השתרע מידרון משופע של שטח חקלאי. מעבר לרחוב, בצידו המערבי, היה מיגרש רחב־ידיים, בו נערך כל יום חמישי בשבוע שוק הבהמות, אשר היה הומה מאלפי האיכרים שנהרו לתוכו.


באותו היום עצמו התקיים, לאורכו ולרוחבו של הרחוב הראשי, ה"יריד" השבועי, אליו נשאו עיניהם כל תושבי קאפרשט מקטון ועד גדול. ביום זה שררו בעיירה שימחה

וששון. כבר עם עלות השחר ואף שעות לפני כן לאורם של פנסים, היו רוכלים, חנוונים ובעלי־מלאכה מקדימים לתפוס לעצמם "מיגרש" לאורך הרחוב (על פי רוב היה כל אחד מקפיד שלא לתפוס מיגרש אחר, השמור לבעליו מיריד ליריד). על המיגרשים הוקמו, כמו באורח־פלא, סככות מיוטה או מברזנט, במיסגרתן סידר כל אחד את מרכולתו לראווה, כך שעם הגיע האיכרים ליריד, עם הנץ החמה, אפשר היה למצוא כאן מכל הדרוש להם: להלבשה, להנעלה, למשק הבית, לחצר ולשדה. בימות־החורף הקרים היו המוכרים מצטיידים בסיר מלא גחלים לוחשות, כדי לחמם את הידיים האוחזות במטר ובמישקולת.

לא עברה שעה קלה והרחוב היה למרקחה, רעש והמולה נישאו מכל עבר: קריאות של חנוונים וירקנים המכריזים על מרכולתם; קולותיהם של קונים העומדים על המיקח; מריבות של שיכורים וצחוקם של ילדים. ועל כולם — קירקורים של בני־כנף — תרנגולות, אווזים, ברווזים ותרנגולי־הודו, שהובאו לשוק כדי לעלות על שולחנם של יהודים בסעודת־השבת.

ואם בשבת עסקינן, אפשר לומר בלא שמץ של הגזמה, שזו היתה גולת־הכותרת של ימות־השבוע. נדמה כאילו כל הטירחה, בימות־החול, אינה באה אלא לכבוד שבת. יום השישי, היום בו הנשים עסוקות בבישול, באפיה, במירוק וניקיון, מתקרב לקיצו. יהודים חוזרים מבית־המרחץ, כשצרור לבנים מתחת בית־השחי; ילדים חפופי־ראש ולבושים בגדי־שבת מתכוננים ללכת עם אבא לבית־הכנסת. בעלת־הבית מעלה נרות, ואורות מנצנצים בעד לחלונות של כל בית. הגיעה שבת, הגיעה מנוחה.

לאחר סעודת־השבת יוצאים נערים ונערות לטייל ברחוב הראשי. נוער ציוני זורם אל ה"אולם" לשיחה, לערב שאלות ותשובות ולמישחקים. נוער זה היה פאר העיירה והדרה. תנועות הנוער חינכו את הילדים לאהבה את ארץ־ישראל ועם ישראל. בסופו של דבר, הן היו הגורם שמיספר רב של צעירים יצאו להכשרה ועלו ארצה.



ישראל ברנע

עו"ד ברוך ינוביץ

קופת מילווה וחיסכון בקאפרשט

קופת מילווה וחיסכון ("לייַ־און־שפאר־קאסע") בקאפרשט הייתה מוסד בעל־ערך חיוני ביותר. דיפדפתי בכל החוברות של "דאס קאאפעראַטיווע וואַרט", הנמצאות באוניברסיטה בירושלים, ולצערי לא גיליתי חומר המתייחס אל עברה של קופה זו בעיירה. לפי המובא ב"אנציקלופדיה של גלויות" — יהדות ביסאראביה" ע' 817, נוסדה "קופת מילווה וחיסכון" בקאפרשט בתאריך 8 ביולי 1908, בתור סניף של ברית הקואופראציה היהודית בביסאראביה.

שנים מיספר לפני מילחמת העולם הראשונה, שרר משבר כלכלי חמור בביסאראביה. גם קאפרשט נפגעה קשה. סבלו במיוחד היהודים, אשר פרנסתם התבססה על מיסחר זעיר או מלאכה. גורם חשוב במילחמת־הקיום, של כל מפרנס, היה האשראי הזול שקופת מילווה וחיסכון מספקת לחבריה. על כן טבעי היה כי באמצע שנת 1908 התארגנה קבוצה של תושבי קאפרשט וייסדה, בעזרת חברת יק"א, קופת מילווה וחיסכון בעיירתנו, לאחר שהצליחו להשיג משילטונות הצאר בקישינוב את הרשיון הדרוש. לאחר הפתיחה החגיגית של הקופה, נבחרה הנהלה ומועצה. הקופה קיבלה מיק"א הלוואה שאיפשרה לה להעניק הלוואות גדולות לניצרכים.

בעקב המילחמה בשנת 1914, הופסקה פעולתה של הקופה ונתחדשה אחרי מילחמת העולם הראשונה, תחת השילטון הרומני, בסיועם של ה"ג'וינט" וה"פונדיישן".


הקופה הקיפה את מרבית האוכלוסיה היהודית, ותפקידה העיקרי היה — מתן עזרה ליהודי־העיירה על כל שיכבותיהם: לסוחר הזעיר, לחנווני הקטן, לעובדי האדמה ולבעלי המלאכה, בהתאם לצורכיהם בעונות השונות.

כל חבר הקופה הכניס דמי־חבר וקיבל פינקס־חיסכון, בו נרשמו חסכונותיו, אשר הופקדו מדי שבוע או מדי חודש בחודשו — בהתאם לתנאים שנקבעו מראש. הקופה השתמשה בחסכונות, שהופקדו בה, בתור הון חוזר של הלוואות לחבריה.

בגלל חשיבותה של הקופה, היה מוסד זה קרוב לליבו של כל אחד. מתוך הפליטון של אליעזר הייסינר, אשר שימש במשך שנים מנהל של הקופה; ומתוך הכתבות של בוׂמה יוציס בעיתון היומי "אונזער צייט" (ראה להלן) — אנו למדים שהאסיפות השנתיות, של ה"באנק", היוו מאורע בעל חשיבות ממדריגה ראשונה. כימעט כל חברי הקופה היו מתכנסים לאסיפות אלה כדי לשמוע את הדו"ח של ההנהלה ולבחור בהנהלה חדשה.

האסיפות היו נמשכות, בדרך כלל, 2—3 לילות רצופים והיו, לעיתים, סוערות ביותר. על פי רוב היה פורץ ריב בין מעמד ה"בעלי־הבתים" (שנקראו בפי "עמך" בכינוי "פראסטאקעס") לבין בעלי־המלאכה, אשר התארגנו, בשלב מסויים, באירגון מיוחד "אוניאוניא" (="איחוד") — להגנה על האינטרסים שלהם. כל צד השתדל לקבל רוב בהנהלת הקופה ולשלוט בה. רבים, אשר ראו את עצמם מקופחים מצד ההנהלה, מצאו להם מקום לערוך באסיפה דין וחשבון נוקב איתה. למהומה הוסיפו גם סתם יהודים צעקנים, אנשי ריב ומדון, אשר ניצלו את ההזדמנות לשפוך את כעסם על הכול. בגלל הרעש והצעקות, ששררו באסיפה, אי אפשר היה כימעט לשמוע דבר מהוויכוחים, שהתנהלו סמוך לשולחן הנשיאות, בבית הכנסת הגדול.

אסיפה, מעין זו, הייתה מסתיימת רק לאחר שגרונם של הצעקנים ניחר וכאשר



ההנהלה, ועדת הביקורת והפקידים בקופת מילווה וחיסכון (ליי־און־שפאַר־קאסע) בקאפרשט (1 בנובמבר 1930).
עומדים (מימין לשמאל): יעקוב וולמן, מרדכי גולדנברג, לייב שטיין, יעקוב פוטיק, יוסף פורטנוי, לייבל דורפמן, יחיאל גוטווארג, ברל לייבזון.
יושבים (מימין לשמאל): שמואל לייברפארב, פרידה קליינמן, נציג המרכז בקישינוב, אליעזר הייסינר, יענקיש גיטלמן, לאַווא חייעס, מרדכי פק, אלעזר גרינשפון. שוכב קדימה: פייוול השרת.

ראשי המדברים הגיעו לאפיסת־כוחות. לאחר 3 לילות של ויכוחים, עד השעות הקטנות של הלילה, הגיעו סוף־סוף לפשרה, אשר לא הניחה את דעתו של צד כלשהו.

אחת הפעולות החשובות, נוסף על הפעולות הכלכליות־משקיות של הבאנק, הייתה העזרה שהיגישה לספרייה הציבורית ולחדר־הקריאה, אשר שכנו בתוך הבניין של קופת מילווה וחיסכון.

בשנת 1940, עם כניסת הצבא האדום לביסאראביה וגם לקאפרשט, מסרו המנהל אליעזר הייסינר וההנהלה את הבאנק כולו — על הרכוש, הכספים והפינקסים שבו — לנציגי השילטון הסובייטי.

דאס קאאפעראטיווע ווארט № 9 קעשענעוו סעפטעמבער 1926

די שפאר-איינלאגן אין די ליי-און שפאר-קאסעס

פאר די ערשטע 3 חדשים פונם יאר 1926.

1	אטאקער	10.790	6.516	6.930	24.236	253	396.179
2	איזמאאילער	30.439	42.188	39.484	112.111	426	909.062
3	אלקסאנדרענער	1.212	1.527	2.437	5.176	134	82.707
4	אקערמאנער	33.960	34.764	23.325	92.049	221	775.031
5	ארהיעווער 1־טע	36.803	17.115	11.219	65.137	596	879.427
6	״ 2־טע	18.891	17.103	16.501	52.495	460	783.739
7	באלגראדער	15.810	14.417	14.514	44.741	392	506.236
8	בייראמטשער	5.907	4.635	6.399	16.941	116	187.919
9	בעלצער	9.027	8.586	10.129	27.742	796	892.826
10	בענדערער	50.230	44.066	44.259	138.555	867	632.639
11	בריטשאנער	86.366	104.186	118.980	309.532	722	1.287.639
12	בריטשעווער	4.508	3.003	2.194	9.705	184	185.141
13	דאמבראווענער	2.357	2.452	4.297	9.106	243	147.009
14	האנטשעשטער	15.671	11.298	6.740	33.709	293	593.705
15	וואד־ראשקאווער	7.445	6.664	5.261	19.370	160	193.526
16	וואליא־לוי־וולאדער	3.509	4.248	4.943	12.700	210	141.506
17	ווערטוזשענער	33.384	26.455	19.589	79.428	544	1.169.898
18	זגוריצער	4.528	5.189	5.767	15.484	84	83.636
19	טארוטינער	17.1480	16.006	24.399	57.885	220	277.946
20	טעלענעשטער	3.874	4.028	2.448	10.350	297	376.761
21	כאטינער	98.372	86.289	107.651	292.312	692	1.806.617
22	ליפקאנער	64.029	47.643	44.340	156.021	432	768.310
23	לעאווער	16.336	12.558	17.195	46.089	333	207.206
24	מארקולעשטער	19.569	14.198	13.087	46.854	468	1.042.627
25	נאוואסעליצער	42.089	41.086	48.679	131.854	455	935.251
26	סאראקער	31.766	12.950	19.927	64.643	557	836.333
27	פעטראווקער	14.905	16.126	19.207	50.238	308	428.042
28	קאלאראשער	26.394	24.434	22.963	73.791	223	570.557
29	**קאפרעשטער**	4.246	2.143	2.377	8.766	360	557.706
30	קיליער	4.115	3.862	3.274	11.251	125	278.864
31	קעשענעווער ערשטע	12.875	16.998	16.693	46.566	855	793.517
32	״ צווייטע	5.722	7.073	7.902	20.697	239	406.448
33	ראמאנאווקער	25.846	17.584	19.034	62.464	569	681.550
34	רעזינער	5.789	7.385	6.537	19.711	326	319.334
		764.244	684.775	718.681	2.167.700	13.060	20.134.894

דרוקעריי ״אונזער צייט״ א. ג. קעשענעוו.
Tip. "Unser Zeit" S. A. Chisinau

וואס הערט זיך אין פראווינץ?

27.3.1928 — אונזער צייט — № 1670

קאפרעשט.

דעם 18־טן ד. ה. איז דא פארגעקומען די יערליכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ליי־און שפאר־קאסע מיטן אנטייל פון אינסטרוקטאר פון פארבאנד ה׳ שיראנד.

באלד ווי ס׳איז ערעפנט געווארן די פארזאמלונג, האט זיך תיכף אויפגעהויבן א "ויצעקו" אין ס׳זיינען, ווי געוועהנליך געפלויגן זידלערייען און סקאנדאלן פון אלע זייטן, אזוי אז ס׳איז נישט מעגליך געווען פארצוזעצן די פארזאמלונג און דער אינסטרוקטאר האט געמוזט ערקלערן די פארזאמלונג פאר געשלאסן און זי אפגעלעגט אויפן צווייטן טאג.

זונטאג 4 אזייגער נ. מ. ווערט ערעפנט די פארזאמלונג. די פארזאמלטע זיינען פיל רוהיגער, און איינעגע פשוט "מידע" פונם נעכטיגן אויפדערנאכט. דער בוכהאלטער ה׳ י. בערדיטשעווסקי לייענט פאר דעם באריכט פונם פאריגן יאר. ווען ה׳ שיראנד לעגט פאר דעם ביודזשעט צום קומענדן יאר, ענטשטעהט א סקאנדאל: עטליכע געצעהלטע מיטגלידער פון די געגנערס פאדערן צו פארקלענערן דאס געהאלט פונם קאסיר אויף 2000 לעי. נישט קענענדיג בארוהיגן די "שרייערס", לעגט פאר דער ראט, אז די געגנערס זאלן דערלאנגען דעם פארזיצער פון דער פארזאמלונג א צעטל פון חתימות פון 15 מיטגלידער — וועלן זיי שטעלן די פראגע צו דער אפשטימונג. ס׳ווערט דערלאנגט א צעטל מיט 15 חתימות און מ׳טרעט־צו צו דער אפשטימונג. נאר דא ווייזט זיך ארויס, אז צווישן די פופצן חתימות זיינען פאראן עטליכע פאלשע חתימות פון מיטגלידער, וועלכע די געגנערס האבן אליין אונטערנעחתמ׳עט. דאן ווערט די אפשטימונג איבערגעריסן און דאס געהאלט בלייבט ווי פריהער.

נאכן אויסארבעטן דעם ביודזשעט גיט דער ה׳ שיראנד ערקלערונגען ווענן איינעגע פראגן, וועלכע זיינען געשטעלט געווארן פון די מיטגלידער און מ׳טרעט צו צו די וואלן, עס ברעכט ווידער אויס א שטורם פון געשרייען, פיל מיטגלידער פאדערן ס׳זאל איבערגעקליבן ווערן דער גאנצער ראט, אין אנדערע פאדערן עס זאלן איבערגעקליבן ווערן די 3 מיטגלידער, וועלכע זיינען ארויסגעפאלן ע״פ גורל. נאך לאנגע באמיהונגען מצד דעם פארזיצער און דעם ה׳ שיראנד, געלונגט דאך צו בארוהיגן דעם עולם און ס׳ווערט באשלאסן איבערצוקלויבן דעם גאנצן ראט. מיט א מערהייט שטימען ווערן ווידער אויסגעוועהלט די פריערינע ראט־מיטגלידער אין רעוויז. קאמיסיע, א חוץ 3 ראט־מיטגלידער, וואס זיינען ארויסגעפאלן און אויף וועמעס פלאץ ס׳ווערן אויסגעוועהלט די ה״ה: מ. ל. יאנאוויטש, לייבשטיין און ש. לייבערפארב. אלס באפאלמעכטיגטער צו פארן קיין קעשענעוו אין די אינטערעסן פון דער ליי־און־שפארקאסע ווערן אויסגעוועהלט די ה״ה: א. הייסינער אין ה. ל. בערסאנסקי.

א. יו.

30.3.1929 — אונזער צייט —
№ 1970

קאפרעשט.

מיט אונגעדולד האט מען בא אונז ערוואַרטעט: די יערליכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ליי־און שפארקאסע, וועלכע איז באשטימט געווארן אויפן 23־טן ד. מ.

צום באשטימטן טאג, ד. ה. שבת אויפדערנאכט איז גערופן געווארן די אלגעמיינע פארזאמלונג מיטן אנטייל פון די אינסטרוקטארן פון פארבאנד ה״ה זיסמאן און מאגין. צווישן די פארזאמלטע האט מען געקענט באמערקן פיל מיטגלידער וועלכע זיינען גרייט געווען "ארויסצושיסן" בא דער ערשטער געלעגנהייט, און טאקע באם סאמע אנהויב ווען ס׳איז פארגעלעגט געווארן די קאנדידאטורן פון די ה״ה: ח. ל. בערסאנסקי, ל. חיות און ד. פידעלמאן אלס פארזיצענדערס פון דער פארזאמלונג

און נאך דער אפשטימונג (דורך הויבן די הענט) איז אויסגעוועהלט געווארן דער ערשטער — איז ענטשטאנען א גרויסער טומל. אומזיסט זיינען געווען די באמיהונגען פון די אינסטרוקטארן צו בארוהיגן דעם עולם. דער רעש איז געווארן וואס אמאל גרעסער, אזוי אז די פארזאמלונג האט געמוזט איבערגעריסן ווערן.

אויף מארגן, זונטאג דעם 24־טן, זיינען די פארזאמלטע שוין געווען פיל רוהיגער און ס'איז תיכף אויסגעוועהלט געווארן אלס פארזיצענדער פון פארזאמלונג א. איוועשער, וויצע פארזיצענדערס: לייב חיות און ד. פידעלמאן און סעקרעטארן — ב. יוציס און א. מרגלית. ס'טרעטן ארויס מיט לענגערע רעדעס די ה"ה: מאגין, זיסמאן און פארזיצענדער פון ראט ה' א. הייסינער. נאכדעם ווי דער בוכהאלטער ה' בערדי־טשעווסקי לייענט פאר דעם באריכט פון פאריגן יאר און מ'קומט צו צו דער פראגע פון ביודזשעט, ווערט ווידער א טומל. מ'לעגט פאר, אז מ'זאל אונבאדינגט פאר־קלענערן דעם געהאלט פון די אנגעשטעלטע, ווייל אויב נישט "וועט דאס געשעפט חלילה געהן צו גרונט". דא איז כדאי צו באמערקן, אז אין קיין שום לייי־און שפאר־קאסע באקומען נישט די אנגעשטעלטע אזא קליינעם געהאלט ווי בא אונז (צ. ב. דער קאסיר 5000 ל. א חדש, בוכהאלטער — 5000 לעי א מאנאט, די געהילפן 2000 לעי) און דא קומען נאך פארשלאגן מ'זאל פארקלענערן דעם געהאלט "כאטש" אויף א טויזנטער א חדש. ה' י. סקליאר ערק־לערט, "אז דער הימל איז נאך נישט בא דער ערד", בא א געוויסער אנשטרענגונג פון דעם ראט וואלט מען געקענט איינקא־סירן פיל חובות, אז מ'טאר בשום אופן נישט אפשלאגן דעם דעפיציט אויף די פלייצעס פון די אנגעשטעלטע.

ה' כערסאנסקי לעגט פאר מ'זאל לאזן דעם געהאלט אזוי ווי פאראיארן. דא ענ־טשטעהט ווידער א טומל און ס'הערן זיך פאדערונגען מ'זאל שטעלן דאס "קעסטל".

ס'רעדן נאך די אינסטרוקטארן און א פאר מיטגלידער און מ'טרעט צו צו דער אפשטימונג. מיט 148 שטימען קעגן 57 ווערט אנגענומען א רעזאלוציע לטובת די אנגע־שטעלטע. דאן ברעכט אויס א שטורם פון אפלאדיסמענטן צווישן דער מערהייט.

נאכדעם ווערן נאך ארומגערעדט א א פאר פראגן פונם סדר־היום און ה' זיסמאן לייענט פאר א באריכט פון דער טעטיגקייט פון אלע לייי־ און שפארקאסעס אין בעסא־ראביע, ווי אויך פונם פארבאנד און פאר־ענדיגט מיטן ווונש, אז איבער איאר זאל ער די לייי־ און שפאר־קאסע טרעפן אויף דער געהעריגער הויך און צווישן די מיט־גלידער זאל הערשן דער גייסט פון קאאפע־ראציע און אחדות.

אויף מארגן דעם 25־טן זיינען דורכ־געפירט געווארן די וואלן פונם ראט לויט ספעציעלע צעטלען — פון 9 א זיינער פריה בין 6 אוונט און ס'זיינען צוגעוועהלט געווא־רן אין ראט 4 מיטגלידער אין באשטאנד פון די ה"ה: יעקב גיטעלמאן, י. פארטנאי, ל. שטיין, און ד. לייבזאן, אין רעוויזיאנס־קאמיסיע מ. גאלדענבערג, ח.־ל. כערסאנסקי און י. פאטיק.

א. יו—.

עוזר ברונשטיין

קאפרעשטער "אבשע סאבראניעס"

(הומארעסקע)

דאס ווילפלטע לעכטל ס'איז געווען, קען איך אייך ניט זאָגן. אָבער אז ס'איז געווען חנוכה, דאָס געדענק איך גוט. כאָטש ס'איז געווען תחילת נאכט, האט מען אויף דער גאס ניט געזען קיין לעבעדיק באשעפעניש. די נייע לאמטערנס, די "פעטראָמאקסן", זענען געשטאנען פוסט או פאס. נישט האָבנדיק וועמען צו באלייכטן דעם וועג, זענען זיי נעבעך יוצא געווען מיטן באשיינען די טיפע בלאָטע, וואָס האָט זיך אין יענעם יאר

אוועקגעלייגט, תיכף נאָך שימחת־תורה, און דער ״וואס לעבט אייביק״ האָט אלעמאָל צוגעשפריצט מיט א ניי רעגנדל און האט זי ״געהעפט און געקרעפט״.

מיט אמאָל עפנט זיך אויף די טיר. ״ברוך הבא!״ — באַריס שמוישמאַן איז געקומען צוגרייטן מיין טאטן צו דער ״אבשע סאַבראַניע״, ״וועלכע וועט מירטשעם פאַרקומען מוצאי־שבת אויפדערנאכט, בלי נדר און אָן א מסקנה... גאָט זאָל נאָר העלפן, ס׳זאל נעמען א גוט פרעסטל, סע זאָל זיך צוטראכקען א סטעזשקע — מחמת לייזער גייסינער האָט פיינט אז מע טראָגט אים אריין בלאָטע אין באנק אריין״...

אזוי האָט באַריס שמוישמאַן געזאָגט אויף א קול, נאָכדעם האָט ער זיך געסודעט מיט מיין טאטן, אין משך פון עטלעכע גלעזער טיי. פאר׳ן אוועקגיין, שוין מיט דער האנט אויף דער קליאַנקע, האָט ער ווידעראמאָל איבערגעחזערט די חשובסטע דירעקטיוון. מיין טאטע האט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און באזאלצן זיין הסכמה מיט אנ׳אָפּגעריבענעם פיזמון.

— ״פארשטייט זיך... אוודאי, ווי דען?״

— ״אזוי־ווי מיר האָבן גערעדט! געדענקט זשע, רב יאַנקל: אז שיקע (ניט שיקל), בפירוש — שיקע, אז שיקע וועט זיך אויסשנייצן די נאָז, דארף מען שרייען ״זשעלייעם״; אָבער אויף א קול, נישט קיין שטילע ״שמונה־עשרה״! און אז ליאָווע (ניט ליאָווע דער מילנער), איר ווייסט שוין ווער, דער ימח־שמו׳ניק וועט פארדרייען א ציגייער טיטין, איז נאָך גאַרנישט. אָבער אז ער וועט אָנצינדן א שוועבעלע צו פארויכערן — דארף מען טופען מיט די פיס און שרייען ״דאלאָי״, אָבער אויף א קול און נישט קיין שטילע שמונה־עשרה!...

פארשטייט־זיך, אז ס׳האָט זיי גאַרנישט געהאָלפן, באַריס שמוישמאַנען מיט מיין טאטן מיט אלע זייערע גוטע־ברידער. אויף דער ״אבשע סאַבראַניע״ האָט מען געהערט סיי דעם פאָי, סיי די פראַצענטן, און ״גיי שריי חי־וקיים״...

נאָר גאַנץ גלאַט איז דאָס נישט אָפּגעגאַנגען. דער פעטער דויד׳ל האט געגעבן א קלאַפּ אין טיש און האָט אויסגעשריגן: — ״שאַט, ס׳זאָל זיין שטיל!״ אויב איר מיינט, אז די אלע באשלוסן מיט די זאקאָנעס וואָס איר האָט דא ״פּאָטווערדעוועט״, וועלן א קיום האָבן — האָט איר נעבעך א גרויסן טעות. אויב דער ידישער גלות וועט אזויפיל געדויערן וויפיל אייערע ״מאניפאַרגעס״ וועלן אויסהאלטן, קומט משיח איבעראכטאָג שבת. מזל האט איר, וואס מיין הערשל איז נישטאָ, נאָר אז גאָט וועט מיר העלפן, און מיין הערשל וועט זיך ״אָסוואבאָדיען״ פון גוישע הענט, וועלן דאָ ״פליען טראָלדן״. ער וועט אייך שוין ווייזן ״פּאָטשאָם רעטשקא פראָדאיאָטסא״. און דו, חכם גדול, דו מיינסט אוודאי אז ס׳איז ״קמח אחד״. אז מיין הערשל וועט אהיימקומען, וועסטו לאכן מיט יאשטשערקעס. און אויב דו וועסט נאך איינמאל סמייען קומען צו מיר נעמען געלט אויף צו פלאנצןביימער אין ארץ־ישראל, וועסטו ביי מיר עפענען מיטן קאָפּ די טיר און וועסט איינשלינגען אלע ציין; נישט ווייל איך וויל נישט געבן אויף ארץ ישראל; כ׳האָב תמיד געגעבן און וועל ווייטער גיבן, נאר דיך וויל איך אויף מיין פּאָדווירע ניט זען.

״הער א מעשה, רב דודאלע, דאָ שנײדט מען נישט קיין צוויי פּלייצעס. כאָטש דו האָסט ניקאָלייעווסקי וואָנציעס, דאָ איז נישטאָ אהרון שוחט, ער זאל גיין פאר דיר אין די הייזער, דאָ איז א באנק און אז מע נעמט אנ׳הלוואה — צאלט מען פראָצענט!״.

— ״סע זאָל דיך נעמען פון אינעווייניק! וואָס זאָגט איר ניט אויפן ״צדיק אין פעלץ״ ווי ער האט זיך צעשריגן? וואָס איז? די קוטשמע ברענט אויף־דיר?! וואָס שרייסטו? איך רעד דען צו דיר? איך רעד צו דער ״אבשע סאָרבראניע״, רעד איך. דו מיינסט אפשר, אז איך ווייס ניט וויאזוי דו מעסט אפן ארשין? מילאָ, א גוי א כפרה׳ניק — כאפט אינם דער רוח; נאר אז סע קויפט ביי דיר א ייד, אנ׳אָרימאַן, פארן קינד אויף א קאָסטיומל, נעמסטו און שניידסט אים אָפּ א פאלע ערב פסח. און דאָקלאד האָסטו אים פארקויפט, אזא שנה אויף דיר! ס׳מזל דיר אין קבר און אין יעדן אבר!״

אזוי האָבן זיך, בערך, פארענדיקט אלע קאפרעשטער אסיפות מיט אלע ״אָבשע סאָבראניעס״.ביים ארויסגאנג, נעבן דער טיר, האָט מען געקענט הערן אזעלכע אפגעהאקטע שמועסן:

— ״וואָס דען, נחות־דארגעס, פארעכעס, בריקעווען. גיי מאך זיי א באנק און לייי זיי געלט!

און א צווייטער האט אים אונטערגעהאלטן: — ״אזוי איז עס — אז מ׳לייגט זיך אין די קלייען, עסן דיך די חזירים!״.

א דריטער, וואָס האט געווינט בשכנות מיטן דאָקטאָר, און האט זיך געהאלטן פאר אנ׳אינטעליגענט, האט אונטערגעצויגן דעם חשבון אויף רוסיש: — ״וואָט, יעסט טאקאָיע דיעלאָ!״ אויף אונדזער לשון הייסט עס אזוי גרויס ווי ״יקום פורקן מן שמייא״.

נאָר אזויווי פטור־בלא־כלום איז אוממעגליך, דאס הייסט אזוי גרויס: וויאזוי קענען מיר, קאפרעשטער, זיצן פארלייגט מיט די הענט? עפעס בענקט זיך נאך א פליאָטקאלע, א לשון־הרע׳לע — אפילו א קליינשטשיקס. נישט געדאגעט, סע וועט שוין אויסוואקסן, ווי אין פסוק שטייט: ״זה הקטן גדול יהיה״. מיט גאָטס הילף און מיטן רבינ׳ס כוח.

האָבן מיר זיך ״מיישב געווען״, דאָ אין לאנד ישראל, אלע קאפרעשטער — הייסט עס; און מיר גיבן ארויס א בוך וועגן קאפרעשט. איז טאקע, מיטאמאָל געוואָרן פריילעך אין שטעטל. ס׳האָט זיך ווידעראמאָל אָנגעהויבן די אלטע געשיכטע — א נייע סדרה פון חברות, קאָמפאניעס, און קאָמיטעטן, שרייבערס און מעקערס, קאסירערס און פרעדסעדאטיעלעס, קאסע, געלט, געזאָגט־גערעדט. זאָגט איינער אזוי — זאָגט דער צווייטער קאפויר...

דאס קאאפעראטיווע ווארט №7

קעשענעוו יולי 1931 5

די קאאפעראציע
— (הימן) —

הערצל גייסינער

מוזיק פון **אברהם דובאווי**
באפאָלמעכטיקטער פון קעשינעווער ערשטער ליי־און שפּאָר־קאסע.

זי בויעט די בריקן וואָס פירן צו גליק

זי בויעט זיי לאנגזאם, געלאסן,

זי בויעט א שענע און ליכטיקע צוקונפט

פאר אָרימע, ליידנדע מאסן.

☆

זי בויעט די בריקן וואס בינדן צונויף

די עלנדע — שטארקער און
פעסטער,
זי לערנט די פעלקער דעם האס צו
פארניכטן
און לעבן ווי ברידער און
שוועסטער.

☆

נו קומט־זשע איר אלע, פילט אָן
אירע רייען,
זאָל קיינער נישט שטיין פון ווייטן,
העלפט בויען די בריקן וואָס פירן
צו גליק,
וואָס פירן צו בעסערע צייטן.

☆

זאָל ברויזן די ארבעט מיט
אייזערנעם ווילן,
— א ווילן פון מאסן, — וואָס
ווונדער באשאפט, —
זאָל קלינגען און הילכן א ליד גאָר
א מעכטיקס,
א ליד פון געמיינזאמער
אייניקייט־קראפט.

☆



אליעזר הייסינער

א היים גייענדיק ... (א געשפרעך).

דאס קאאפעראטיווע ווארט №4

קעשענעוו 6 **אפריל 1929**

— "ווי געפעלט דיר פארזאמלונג"?, האט זיך אפגערופן יאנקל שייגעץ צו חיים שרייער, א היים גייענדיק פון דער דער יערליכער אלגעמיינער פארזאמלונג.

— "וואס זאל מיר געפעלן? אודאי א שענע "האבשע סאבראניע", אזא יאר אף אונזערע שונאים. ס'האט א פנים פונקט ווי אין תשעה באב. אלע זעצן זיך אויס אין שוהל אויף די בענק שא. שטיל. דער "סטרוקטאר" זאגט קינות און אלע שאקלען צו מיט די קעפ. ניטא די אמאליקע פרייד, די אמאליגע שמחה, ווען מ'האט נאר אנגעהויבן רעדן פון דער פארזאמלונג אין שוין געווען פרעליך אין אלע געסלעך. ווער שמועסט אז ס'איז שוין געקומען דער הייליקער טאג פון דער פארזאמלונג, דאמאלס איז דאך טאקע געווען ממש שמחת־תורה. און איצט טו א קוק ווי אלע גייען א היים מיט אראפגעלאזטע קעפ, פארשמאכט, פארחלשט, ניטא קיין סימן פון קיין ביסל משקה!

— א פאסקודנע וועלט ברודער! נייע צייטן נייע וועלטן. האסטו דיר פלוצים א "סאיוז" מיט "סטרוקטארן".

אט א דער וואס האט אויסגעטראכט דעם "סאיוז" זאל גאר אויף קיין גוט ארט נישט שטייען. פון זינט די "סטרוקטארן" האבן זיך צו אונז אראפגעיאוועט טויגן שוין די פארזאמלונג סיי ווי אויף "ניין־און־ניינציק" כפרות. מע לאזט דיך קיין קאפ נישט אויפהויבן.

ווילסטו שרייען: יא! יא! לאזט מען נישט. ווילסטו שרייען: ניין! ניין! לאזט מען אויך נישט.

און טאמער איז נאך פארבליבן איין שטיקל געצייג די וואלן, וואס מיט זיי האט מען נאך געקענט מאכן א שטיקל געשעפט האט מען זיי שוין אויך צוגענומען.

דו ווייסט, די וואלן האבן נאך פארט געווארפן א מורא אויף די "טשלענעס". אלע האבן געוואוסט אז די "וואלן" זיינען נאר בא אונז אין די הענט, ווייל מיר האלטן תמיד אפ די "פארזאמלונג" ביז עט שפעט אין דער נאכט, ביז אלע ווערן מיד און פארלאזן די שוהל און דאן טוען מיר, וואס מיר ווילן.

ווענען מיר ווילן און ווער ס'גיט מער משקה דעם קלויבן מיר אויס.

אבער איצט מיט די צעטלען האבן מיר שוין אינגאנצן פארלוירן. פונקט ווען ס'דארף זיך אנהויבן די אמתע חתונה, סטאפ! גייט א היים שלאפן!

—שלעכט ברודער!

— "ניין, ברודער־לעבן, ענטפערט אים חיים שרייער, דו האסט א גרויסן טעות. ניט די סטרוקטארן, ניט די צעטלען זיינען שולדיק, שולדיק זיינען מיר אליין.

ווען אונזערע חברה זאלן אנמאכן א רעש א געפילדער ווי אין אמאליקע צייטן, וואלטן מיר אלעס אויסגעפירט. דער "סטרוקטאר" וואלט געשריגן, געשריגן ביז ער וואלט הייזעריק געווארן און וואלט אנטלאפן פון דער "האבשע סאבראניע" און דאן וואלטן מיר געטון וואס מיר וואלטן געוואלט.

א סימן זעסטו דעם ערשטן אויפדערנאכט אז מיר האבן אויפגעהויבן א ליארם, זיינען די "סטרוקטערס" אוועק.

דער אומגליק ברודערקע איז, וואס ס'איז נישטא מיט ווענען, אונזערע זיינען שוין אויך געווארן גאנצע "טיליגענטן", גאנצע געבולבעטע און דאס איז דער אומגליק.

— פארפאלן ברודער!

— ס'איז ניטא מיט ווענען.

— פארפאלן!...

קאפרעשט, 1.1.1920

אין סאראקער "דזשוינט דיסטריביושן קאמיטעט"

ג. ה.

ביז היינט האט זיך מיר איינגעגעבן צו באזוכן 6 פונקטן פון סאראקער קרייז, ווו ס׳זענען אין מיין אנוועזנהייט געגרינדעט געווארן לאקאלע קאמיטעטן — אפטיילונגען פון אמעריקאנער דזשוינט דיסטריביושן קאמיטעט.

די פונקטן זענען פאלגענדע:

1) לובלין, 2) ווערטוזשעני, 3) וואד־ראשקאוו, 4) מארקולעשט, 5) קאפרעשט.

צוזאמען מיט דעם בריוו, שיק איך אייך איבער די צעטלען פון די קאמיטעט־מיטגלידער און אויך די מוסטערן פון די חתימות.

מיט כבוד:
איסטרוקטאר פון צ. ק.:
י. ראדוליאנסקי

קאפרעשטער קאמיטעט:

1. הרב דוויד קאפליוואטסקי
2. אליעזר הייסינער
3. יעקב גארשטיין
4. שמואל פארטנאי
5. ליפא בירשטיין
6. יוסף סקליאר
7. לייב דארפמאן
8. שלמה האקשטיין
9. ראובן דארפמאן
10. נחום פידעלמאן
11. דוב היצקאוויטש
12. יוחנן קאפליוואטסקי
13. יעקב מאטיעוויטש
14. דוויד זילבערמאן
15. מאיר זילבערמאן
16. ישעיהו פיינבוים

הערת העורכים:

אנו מביאים כאן כתבה, אשר הופיעה בשנת 1921 (כנראה, בעיתון "אונזער צייט" קישינוב). בכתבה זו נמתחת ביקורת על מחלקת ה"דזשוינט" בביסאראביה, אשר — לדברי הרב קפליבצקי — מנצלת את כספי הדזשוינט, המיועדים לעזרת עניים — לצורכי עיבוד תקנון של הקהילות בביסאראביה. לתקנון זה, ובכלל לאירגון הקהילות (במקום ה"טאקסע") התנגדו רבים, ובעיקר — רבנים ו"כלי־קודש".

יוסיפון

בריעף פון קעשענעוו

די סאַראָקער אויעזדנע "דזשאָינט" אָפּטיילונג (אָנ׳אָפּטיילונג פון בעסאראַבער "דזשאָינט"), אין וועמענס שפּיץ עס שטייען "דעמאָקראַטישע" פּערזענליכקייטן, האָט געשיקט אין דער קאַפּרעשטער אָפּטיילונג א קוויטאַנציע מיט פאָלגענדן אינהאַלט:

"18 יאנואר 1921, קיבלתי מאת הוועד הלוקאלי בקאפרשט על החזקת הלישכה, הפועלת לעיבוד תקנון הקהילה בבסרביה, אשר בקישינאָו, סך מאה ושמונים לעי (180 לעי)" — הגיזבר (החותם).

און דער קאַפּרעשטער רב ר׳ דוויד קאַפּליוואַטסקי שליט״א, פּאָרזיצענדער פון דער קאַפּרעשטער "דזשאָאינט־אָפּטיילונג", איינער פון די וואָס ווילן אויך "בערויבן" די "אָרימע יידישע מאַסן", שרייבט אין זיינעם א בריעף נאָאיוו:

"וזהו עוול גדול לגבות מאיתנו, בכפיה, להחזיק בידי לישכה פועלת לעיבוד תקנון הקהילות, שאיננה לפי רוחנו. להסתיר את הדבר לא ייתכן, ונקל איפוא להזכיר, לוועד המרכזי, כי הסכומים נקצבו מראש בשביל העניים, ואין לוועד המרכזי להוציא סכומים לצרכים מפלגתיים".

און דער געהערטער רב ווייסט כלל נישט, אז דעם "ועד המרכזי" דאַרף מען וועגן דעם נישט דערמאָנען: ווייסט נאָך פריער, און דאָך האַלט ער אז מע מעג דאָס טון.

שיפרה שניידר (בורמן)

הרחוב שלנו — "די נייע גאס"

הרחוב בו נולדתי, גדלתי והתחנכתי עד שעליתי ארצה, בשנת 1935, נקרא "די נייע גאס" (הרחוב החדש). הוא נקרא "חדש" מכיוון שנבנה בשנת 1912 על ידי מיספר משפחות, אשר עברו לקאפרשט מהכפרים הסמוכים "שטעפאנעשט", "צ'וטולעשט" ו"פוהורנה". בין המישפחות האלה היו: פרץ גרצנשטיין, ירמיהו סקלדמן, ברל בורמן ועוד.

הרחוב כולו ניבנה על ידי אותו הקבלן, כך שמרבית הבתים הוקמו לפי סיגנון אחד, הן מבחוץ והן מבפנים. בכל בית היו 6—7 חדרים, מיטבח ומרפסת הפונה לחצר. החצר וגם חזית הבית היו מרוצפות וכן צמחו שם עצי שיטים (אקאציא). הוצבו שם ספסלים צבועים ירוק, אשר שיוו לבית אופי כפרי.

כרגיל בימים ההם שהו בכפרים, פרקי־זמן קצרים, מורים שמתפקידם היה ללמד את ילדי היהודים שבמקום. מכיוון שהם היו סמוכים על שולחן הורי תלמידיהם הם כונו בשם "קעסט־לערערס". בכפר שטעפאנעשט, בו התגוררו הוריי, מיספר הילדים היה מועט ולכן לא נמצא מורה אשר יסכים ללמד במקום.

אימי ז"ל נאלצה לנסוע יומיום, כדי להביא את ילדיה לבית הספר בקאפרשט. דבר זה היה כרוך בקשיים וסכנות, מכיוון שנהר ה"ריאוט" שזרם בין שטעפאנעשט לקאפרשט היווה מיכשול רציני. אומנם המרחק בין הכפר לעיירה היה 4 ק"מ בלבד, אולם הסכנה הייתה לפעמים גדולה, במיוחד בחורף כאשר האיכרים היו חוצבים פתחים בקרח כדי לדוג דגים ועלולים היו ליפול לתוכם; כמו כן בתקופה של הפשרת־השלגים, התמוטטו הגשרים והיו שיטפונות. חציית הנהר, בתקופה זו, נעשתה כשהכרכרה הרתומה לסוס מוצבת על גבי מעבורת, תוך סכנת־נפשות.

בשנת 1918 העתקנו מושבנו לעיירה קאפרשט. מרבית המישפחות מנו 6—7 ילדים. ההורים עשו הכול כדי שילדיהם ילמדו ויהיו מוכנים להתמודד עם קשיי העתיד.

☆

יותר מאשר בכל רחוב אחר בעיירה, התרכזו ברחוב החדש מוסדות־ציבור רבים, כגון: "קופת מילווה וחיסכון" (די באנק), משרד מס־ההכנסה (די פערטשעפציע), המישטרה (די זשאנדארמעריע). זכור לי כי התקיים גם אולם־ריקודים בביתו של בוטשקיס. משם בקעו מנגינות של גיטארה, מאנדולינה וגראמופון.

ה ד ו א ר: מנהל הדואר היה, במשך שנים אחדות, גוי רוסי טיפוסי, גבה־קומה, בעל זקן ארוך ורחב, אשר המשיך בתפקיד זה עוד מתקופת הצאר ניקולאי. תפקיד חשוב בדואר, מילא הדוור סורוצ'יאנו, אשר לו ציפו בקוצר־רוח אנשים שונים: צעירים — מאת האהובות שלהם; הורים מאת בניהם שלמדו במרחקים או נשים עגונות, אשר חיכו לשווא למיכתב מאת בעליהן שנטשו אותן.

משפחת בורמן גרה מול הדואר. על ידם היו עצים וספסלים ונוח היה לחכות עד שסורוצ'אנו ייצא מהדואר. הרבה סודות יכלו לספר הספסלים האלה.

סניף "מס ההכנסה" (פערטשעפציא); זהו מוסד ממשלתי לגביית־מיסים, אשר כל אחד מוכרח — מרצון או שלא מרצון — להזדקק לו. אי־תשלום של מיסים גורם אי־נעימויות שיש להתרחק מהן.

ה"באנק": פעל בראשותו ובהנהגתו של לייזר הייסינר. באותו הבניין עצמו שוכנת הספרייה ועל ידה — אולם־הקריאה.

הסיפרייה: בזמני ניהלה את הסיפרייה פאנייה הויכמן. זכור לי שהספר הראשון, אשר היגישה לי היה "בסיס הציונות" של אוסישקין; זאת מכיוון שידעה שאני משתייכת לתנועת־נוער. כאשר הופיעו סיפרי "גראָשן־ביבליאָטעק", שכל סיפרון הכיל 62 עמוד, היינו להוטים אחריהם, מכיוון שהנושאים שלהם עסקו בתולדות־חייהם ופועלם של אישים מפורסמים, מהפכנים וכו׳.

אולם־הקריאה: בו אפשר היה למצוא עיתונים שונים, שהופיעו ברומניה ובארצות־המערב, שם היו מיפגשים של נוער מתנועות שונות, אשר התווכחו על כל נושא שבעולם. בהיותי אז ילדה, לא הירשו לי להיכנס פנימה בשעת הוויכוחים; אולם מבעד לחלון היגיעו לאוזניי הוויכוחים הסוערים על "גירוש טרוצקי מברית־המועצות", כאשר מיכה׳לה קליימן — הגאון הצעיר של העיירה — עומד לבדו מול קבוצת "סאלון־קומוניסטים". גם "מישפט שווארצבורד" עורר וויכוחים לא פחות סוערים.

☆

פרט לחנות מכולת אחת, לא היו ברחוב שלנו חנויות. מרבית התושבים ברחוב זה השתייכו לשיכבת הסוחרים האמידים. בבתים היו גם עוזרות־בית, רובן ככולן מהכפר הצוּעני השכן. גם בביתנו שירתה אשתו של ליאונאש — המנהל והמנצח של תזמורת־הנשיפה הצוענית בקאפרשט. אימי חלתה במחלקת־השיתוק ועזרתה של אירינה הייתה חשובה ביותר.

ברחוב שלנו היו גם בעלי־מלאכה. אחד מהם, יענקל דרנבוים (מאמציס), זכור לי במיוחד, מכיוון שהוא היה תופר לילדים את בגדיהם. האימרה שלו הייתה: "גרויס־גרויס, ברייט־ברייט — דאס קינד וואקסט דאך"! ("גדול־גדול, רחב־רחב — הרי הילד בתהליך של גידול!").

גם יונה החבתן (באדנער) זכור לי, מכיוון שתמיד שמענו אותו מתאונן על הדואר: "שלחתי מיכתב לאמריקה ועדיין לא קיבלתי תשובה". גם גדליה האדמוני (דער רויטער) גר ברחוב זה. הוא לא החסיר אף שריפה בעיירה. היה עומד מרחוק ומייעץ: "נאַר וואסער! נאַר — וואסער!" ("רק מים, רק מים") . . .

קלינה ופיודור "הידועים" היו מוכרחים לעבור ברחוב שלנו, בדרכם מבית־המרחץ וחזרה, שעה שיצאו להכריז, תוך כדי דפיקה על את במוט ברזל, כי הציבור מוזמן לבית־המרחץ. תמיד ראינו אותם יחד כשהם מתנודדים משיכרות. מצאו אותם קפואים מקור.

☆

יחסי השכנות, בין סוחרים ובעלי־מלאכה ברחובנו, היו תקינים; אבל היה קיים חיץ בהתאם למעמד. הורים ממעמד הסוחרים לא הירשו לילדיהם לשחק עם ילדים שהוריהם בעלי־מלאכה. להשתדך — בוודאי שלא בא בחשבון. גם בתי־הכנסת היו נפרדים. הסוחרים התפללו בבית הכנסת "די דייטשישע קלויז" או ב"חסידישער שיל" ואילו בעלי־המלאכה — בבית־הכנסת הגדול (די שניידערשע שיל) או ב"תהילים־קלייזל".

בשנת 1936 חזר לקאפרשט אחי, אשר בתור ילד התחנך, התרוצץ והשתובב ברחוב החדש והוא — הרופא ד"ר מנדל בורמן, אשר פתח מירפאה פרטית בבית שימשוביץ. בתקופת השואה הוא מצא את מותו — יחד עם אשתו וילדם בן השבועיים — בידי המרצחים הנאצים והרומנים.

בשנת 1935 נפרדתי מעיירתי בדרכי לארץ־ישראל. אחי יוסף הסיע אותי, בכרכרה רתומה לסוסה שלנו, אל תחנת־הרכבת ברוגוז׳ני. השער של החצר שלנו נסגר בפניי — לתמיד.



משה קולקר : בערב — מה"חדר" הבייתה

הצייר משה קולקר — בעלה של בת קאפרשט לאה קולקר (פאליקס)



יפה וירצברג (שיינדלי מער): הרחוב ״די נייע גאס״



קבוצת תלמידות

יושבות: בלה ליבסטג (לביא), גיטל בלומיס, רחיל ברדיצ׳בסקי, ליובה מטייביץ, פאני הויכמן, טייבל פייוויליס.

עומדות: איטה אקרמן־קויפמן, רעייה טורבן, שרה ארליכמן, ציפי סקלדמן.





קבוצת גימנזיסטים (בשנים שלפני המהפיכה ברוסיה).

יושבים: מנדל בורמן, מינה איבצר, ברל שימשוביץ, יעקב אברמוביץ.

עומדים: איציק פיינבוים, שמעון יוציס, אהרון קייסרמן, הערץ הוכמן.

תלמידיו של פולישצ'וק נפגשים עם מורם לשעבר, בעת ביקורו בקאפרשט.
יושבים: איצל חרסונסקי, לייב פרוימצ'וק, מרדכי (מוטל) פייארמן (רישפי),
נחמן פולישצ'וק (עם ילדו), משה ברויטמן, אליעזר יוציס.
עומדים: אריה (לייב) מר, אליעזר סלשצ'ן, יוסף בירשטיין, אברהם (בומה) יוציס.






האקטיבה הציונית נפגשת עם פולישצ'וק
ברוך יוציס, יוסל סקליאר, מרדכי גולדנברג, אליעזר הייסינר, נחמן פולישצ'וק, פיני יוציס,
שמעון הייסינר, קדימה — הילד זרובבל סקליאר (סקר)



המורה רייזל פרוימצ׳וק־לכר עם תלמידיה בכיתה (1932—1933)



MINISTERUL INSTRUCȚIUNII

Școala primară Particulară No. 25
din Căprești


CERTIFICAT DE ABSOLVIRE
A CURSULUI PRIMAR ELEMENTAR

Anul 1924 luna August ziua 16

תעודת־גמר של ביה״ס העממי (בלה ליבסטוג).



המורה סוניה ברונשטיין־פיינבוים עם *תלמידיה* (1936).
שורה א׳: מוסיה זלצמן, בקה הויכמן, רוזה וקסלר, בקה הויכמן.
שורה ב׳: צבי ברונשטיין, פרומה שפושניק, המורה סוניה, וילי זלצמן, מינה וקסלר.
שורה ג׳: חנה אוקשטיין, אליק דובנקו, מלכה דובנקו, סוניה הויכמן.



קבוצת תלמידות
יושבות: איטה שמולביץ, רבקה עלקיס־ינוביץ, רעייה הוכמן־בן אפריים,
שושנה שיכוורגר, סוניה ברונשטיין־פיינבוים. **עומדת:** מלכה סקלדמן



גן־ילדים עם הגננות דיומה הייסינד וגיטל הייסינר.



המורים יואל מער, לייב מער ויוסף בירשטיין עם תלמידיהם



בית־הספר העממי הרומני בקאפרשט (4 כיתות) עם המנהל בודי.

מורים ותלמידים
לערערס און תלמידים

ד״ר נחום פידעלמאן

אזוי האט מען געלערנט אין קאפרעשט

די ערשטע זאָרגן פון קאפרעשטער, נאָכן אנטשטיין פון שטעטל, זענען געווען: 1) א חדר פאר קליינוואַרג, כדי זיי זאָלן לערנען תורה און מעשים־טובים און נישט ארומגיין בטל, 2) א מקום־קדוש צום דאווענען און 3) א שוויצבאָד מיט א מיקווה.

א ״חדר״ פאר ״מלופים־קינדער אָדער חומש מיט רש״י״?

קינדערלעך, מוז מען וויסן, זענען ביי קאפרעשטער געווען, קיין־עין־הרע, אסאך. ווי געוויינלעך, לעבן זיך קינדערלעך נישט שטענדיק בשלום; גאָר אָפט פלעגט מען הערן קריגערייען און געשרייען, וועלכע האבן זיך תמיד כמעט געענדיקט מיט געוויינען. דערצו פלעגט דער טומעל ווערן גרעסער ווען עלטערן האָבן זיך אריינגעמישט. יעדער האט פארטיידיקט די אייגענע קינדער און, גלייכצייטיק, באשולדיקט די אנדערע. מאמעס טענה׳ן, אז זייער משה׳לע אדער רבקה׳לע ״קענען נישט אָנרירן א פליג אויף דער וואנט. ווען נישט דעם שכנ׳ס קינד וואָלט געווען שלום ושלווה.

מענער־טאטעס פלעגן שטיין אין א זייט און צוקוקן שווייגנדיק. אָבער ווען עמיצער, פון צווייטן צד, האָט אָנגערירט די אייגענע מיט הענט אָדער מיט א קללה/סע זאָל ארייַנפאלן אין ים אריין/איז מען באלד אריין אינמיטן און, ווי געוויינליך, האט דער צווייטער צד אויך נישט געשוויגן. וואָס איז געווען דער סוף? אויסגעפליקטע באָרד און פיאות, צעריסענע שייטעלס, אחוץ טריקענע און נאסע קלעפּ. שטיל איז געוואָרן ערשט ווען עמיצער האט א געשריי געטאָן, אז סע קומט א סטראזשניק. ״זאָלן זיי די כפרה ווערן, די ערלים, און נישט מישן זיך און די יידיש געשעפטן!״ שפּעטער מיט א פּאָר טעג, איז מען שוין געזעסן צוזאמען, ווי גאָרנישט איז געשען, און מע האָט געקלערט ווי אזוי צו קריגן א מלמד און דינגען א צימער פאר א חדר. ווייל ״אז קינדער דרייען זיך ארום פוסט־און־פּאס, קומען פון דעם ארויס אלערליי צרות״! ווייזט זיך אבער ארויס, אז ס׳איז טאקע נישט פּשוט דער עניין. ווו נעמט מען אזא גרויס צימער, אין וועלכן 12 ביז 15 קינדערלעך זאָלן קענען זיצן און לערנען אָלף־בית?״

ס׳טייטש, פארוואָס זאָרגן נאָר פאר מלופים־קינדער? און די עלטערע, וועלכע דארפן שוין לערנען חומש מיט רש״י, זאָלן וואקסן ווי בורמילעס? אויב זיי וועלן נישט לערנען, וועט קיינער נישט לערנען!״ זוכט מען שוין 2 צימערלעך. ס׳איז גוט צו זאָגן ״מע זוכט״, אז אינגאנצן זענען די צימערלעך קליינע און ס׳איז אפילו קיין פּלאַץ פאר טיש און בענק נישט פאראן. געפונט מען שוין עפּעס רעכטס, מאָנען די באלעבאטים א ״פּויטיקע״ מיט געלט. זיי זענען אפילו אביסל גערעכט: קינדער מאכן אָן א גרויסן טומעל, און וועלן אָנברענגען ווינטער בלאָטע, זומער שטויב, מיסט, פליי, וואנצן און ווער ווייסט וואָס נאָך. דאָ האָבן די ווייבער וואָס צו זאָגן; נאָר אויב מע וועט באצאָלן אזויפיל און אזויפיל, וועט מען שוין אפשר איבערצייגן די ווייבער, אז מע דארף אביסל זאָרגן אויך פאר קהל...

קאפרעשטער זקנים געדענקען, אַך נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין געדינגען 2 ״חדרים״ און אויסגעשטאטעט מיט טיש און בענק, זענען זיי חדשים־לאנג געשטאנען ליידיק. די סיבה? מע באדארף דאָך אויסשטעלן א ליסטע פאר מלופים־קינדער באזונדער, און א

צווייטע פאר חומש מיט רש״י לערנער. וואָס זשע טוט מען ווען אויך גרויסע קינדער ווייסן נישט קיין צורת־אָלף ? ווען זיי גיין לערנען מיט 5 יעריקע קינדער ? חוצדעם, זענען גבירישע קינדער אריין אין דער ליסטע אָן טענות און אָן מענות, כאָטש זיי האָבן נישט געפּאַסט צו דער כיתה ; דאגעגן, אָרעמע קינדער זענען, אָן א פאַרוואָס, פאַרבליבן אינדרויסן.

די באַוווּלעטע עלטערן, און די וועלכע האבן נישט געקענט ליידן קיין עוולות, האָבן זיך געבונטעוועט און ס׳איז ווידער געקומען צו לייטיש־געלעכטער, קריגערייַן און געשלעג ; ביז די פּראָבלעם האט זיך געלעזט פון זיך אליין : אָרעמע־לייט האבן געגעבן זייערע קינדער לערנען זיך א פאַך, און אין דער ליסטע זענען טאַקע פאַרבליבן קינדער פון פאַרמעגליכע (זיי צאָלן דאָך שכר־לימוד און דירה־געלט פאַרן חדר״) . . .

אז מע שמועסט וועגן לערנען זיך א פאַך, מוז מען אין באַטראַכט נעמען, אז ס׳איז פשוט נישט געווען ווער סע זאָל לערנען. די אָרטיקע בעלי־מלאכות זענען געווען גאָר קליינע פאַכמענער ; חוצדעם איז דאָך א חוק־ולא־יעבור : — ביז מע איז זוכה צו האלטן א נאָדל אין דער האַנט אָדער קלאַפּן א פּלעקל, מוז דאָס לערן־ייִנגל אויסגעריסן ווערן, אין משך פון 2—3 יאָר, ביי העלפן דער באַלעבאָסטע : גיין איינקויפן, מאַכן ריין אין שטוב און אין וואַרשטאַט, ניאַנטשען דאָס קינד און אַנדערע אַרבעטן, וואָס האָבן ווייניק־וואָס צו טון מיטן פאַך.

מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט צען־עלף יעריקע קינדער, וועלכע זענען אין ״חדר״ נישט געגאַנגען און קיין פאַך נישט געלערנט ? אז מ׳איז בטל פון תורה און פון אַרבעט, זוכט מען זיך אויס אַלערליי באַשעפטיגונגען אין דרויסן. אָט, למשל, זענען פאַראַן בוסטאַנעס אַרום שטעטל־ גייט מען אָוועקשלעפּן אַרבוזעס ; כאָטש ווייַ איז צו דעם וואָס א קאַצאַפּ כאַפּט אים בשעת־מעשה. פּויערים ברענגען אויפן יאַריד : עפּל רויטבאַקיקע, שיינע באַרן און פלאָמען זאַפטיקע. מאַכט מען א געוועט : ווער ס׳וועט מער פּרוכטן אָוועקלקחענען אָן דעם מ׳זאָל אים כאַפּן. ווינטער, דאגעגן, גייט מען צום רעאַוט זיך גליטשען אויפן אייז ; אָדער שליטלען מיט שליטעלעך באַרג אַראָפּ ; אָדער גאָר האַלטן מלחמה מיט שניי־באַלן. און אז מע בעט זיך איבער, מאַכט מען צוזאַמען א שניי־מענטש. זאָגן, אז עלטערן שעפּן נחת פון די קינדער — קען מען נישט ; אָבער וואָס קען מען טון, אז טאָג־אויס טאָג־איין גייט מען אַרום בטל ? מילא, אז מע קומט אהיים צעמויקעטע, מיט בל.יע סיניקעס, איז ניחא ; אָבער אז מע מוז אַלעמאָל פאַריכטן די צעריסענע מלבושים — דאָס איז שוין שווער צו דערטראָגן. דעם סך הכל פון דעם אַלעמען איז געווען : א טייל פונעם יינגן דור זענען פאַרבליבן נישט געלערנט און א טייל האָבן קוים געקענט לייגן א חתימה.

מלמדים און בעלפערס

מרדכי־הערש, א ייד א תבואה־הענדלער, נישט קיין עם־הארץ ; געלערנט אין דער יוגנט און געדענקט אביסל תנ״ך און גמרא ; אויך געווען א צייט דער איינציקער, וועלכער האָט פאַרשריבן אין א פּינקס די וויכטיקסטע געשעענישן פון שטעטל. ער האָט גענומען אויף זיך צו לערנען מיט אָט די קינדער גאַנץ אומזיסט. דאָס האָט אנגעצונדען א פייער ביי די מלמדים, וועלכע פלעגן אים אויך מבייש זיין ; אים אריינגעוואָרפן שטיינער אין די פענצטער און, איינמאָל, אפילו אָוועקגעכאַפּט ביי אים זיין פּינקס און ממש צוריסן. א קלייניקייט ! ער וועט ביי זיי צונעמען זייער פּרנסה און זיי וועלן אים שווייגן ? !

וואָס שייך די מיוחסדיקע תלמידים, פאר וועלכע מע האָט געדינגען 2 צימערלעך, איז פון זיי געווען גאָר ווייניק נחת. ערשטנס, האָט מען באַדאַרפט צוויי מלמדים. ווו זשע נעמט מען זיי? איין דרדקי־מלמד האָט מען דווקא יאָ געטראָפן; א ייד פון א דאָרף, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט אלס א בן־תורה און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויך אין "עברי" איז ער נעבעך געווען שוואַך. אפילו די קינדער זענען אויף אים געווען מבינים, דערצו נאָך איז ער געווען א היקעוואַטע...

איין זאך האָט ער יאָ געוווסט: אַז קינדער בעדאַרף־מען באשטראָפן. קיין קאַנטשיק האָט ער נישט געהאַט, פלעגט ער זיי אָבער קנייפן, מאכן סיניאַקעס אויף זייערע קערפּערס. האָט אמאָל פאַסירט, אַז ער האָט געשלאָגן 2 תלמידים און צעבלוטיקט זייערע פּנימער, די תלמידים זענען אוועק אהיים מיט א געוויין און מיט א געשריי. זייערע מאַמעס זענען אוועק איןָ חדר אריין, ווער מיט בעזעמער און ווער מיט קאָטשערעס. עס האָבן זיי באַגלייט אויך שכנות, וועלכע האבן געהאָלפן שרייען און שעלטן דעם היקעוואַטן מלמד.

די בהלה האט זיך פאַרשטאַרקט ווען דער פאָטער פון צעבלוטיקטן תלמיד און דער פעטער פון צווייטן (ווייל ער איז געווען א יתום) האָבן, דערהערנדיק אין שיל דידאָזיקע געשיכטע, ארויסגעריסן 2 פריקעס פון דער ביינושקעס וועגט און באַפאַלן דעם מלמד: ס'טייטש ווי אזוי צעבלוטיקט מען אזוי א קינד? און נאָך א יתום דערצו? דער מלמד האָט אָנגעמאַכט א גוואַלד: יידן מע הרגעט מיך!

דאָ האָבן זיך אריינגעמישט עלטערן פון אנדערע תלמידים און ארויס מיט א מענה־לשון: וואָס הייסט מע באַפאַלט אזוי א יידן, א מלמד, וואס לערנט קינדער תורה? ווי אזוי קען מען זיין א מלמד און נישט שלאָגן קיין קינדער?

האָבן מיר שוין פאַרגעסן וויאזוי מיר פלעגן אַריינכאַפּן פון אונדזערע מלמדים? נו, זענען מיר חלילה געשטאָרבן דערפון? אויך אייערע תכשיטים וועלן בלייבן לעבן. ווייל מען לערנען תורה און זיין לייט, דאַרף מען וויסן אַז אָן פעטש גייט עס נישט. מע בלייגט אנ' "עם הארץ".

דער היקעוואַטער מלמד איז קוים א לעבעדיקער ארויס דורכן פענצטער און "געמאַכט פּיס" גלייך צו זיך אין דאָרף אריין. נו, דאַרף מען דאָך געפונען אנ'אַנדער פאַסיקן ד'דקי־מלמד. אָבער די מבינים אויף בילדונג האָבן נישט געפונען קיין איין איינציקן, וועלכער זאָל מסכים זיין צו דינען אלס מלמד און נישט שטראָפן די תלמידים. "א מלמד אָן א קאַנטשיק, איז בכלל קיין מלמד נישט, און קינדער אָן א קאַנטשיק וועלן קיינמאל גאָרנישט קענען. באַלעבאַטים, וועלכע צאָלן שכר־לימוד, ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן עפּעס קענען, און אָן א קאַנטשיק און אָן פעטש קען מען קיין חדר נישט אָנפירן"...

ווער זענען עס געווען די דערציער, די תורה־פאַרשפּרייטערס, די מלמדים? קרעמערלעך, קליינע סוחרים, וועמען די געשעפטן זענען געגאַנגען מיט דער פּוטער אראָפּ; דאָרפס־וויינשענקער, וועלכע זענען געוואָרן דורך דער צארישער פּאָליציי און קיין אנדערע פּרנסה נישט געקריגן, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין מלמדות אויף צו פאַרדינען זייער לעבענס־עקזיסטענץ. אין פאַדאָליע האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טון, זענען זיי אוועק קיין בעסאַראַביע — דאָס לאַנד פון מאַמעליגע, קעז און פּוטער. דאָ האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אלס דרדקי־מלמדים, א פאך וואס האָט נישט גענויטיקט זיך אין א

באזונדערער בילדונג. אָבער א קאנטשיק אויף דער וואנט האָט געמוזט זיין. וואס איז עס א קאנטשיק? דאָס איז א שטעקעלע מיט לאנגע רימעטלעך, מיט וועלכע תלמידים זענען געשמיסן געוואָרן אין משך פון דורות, כדי די תורה זאָל זיי אריין אין די קעפעלעך.

נישט איינמאל פלעגט א תלמיד "כאפן א גליעט" פון א קאנטשיק, סתם אזוי, "אויפן חשבון", "אפשר" וועט ער שפעטער זיך פארזינדיקן — זאָל ער דערוויייל פארזוכן דעם טעם...

וויאזוי פלעגן 3—4 יעריקע קינדערלעך קומען אין חדר אריין, באזונדערס ווינטער אין די גרויסע בלאָטעס? אין אלגעמיין, איז געווען איינגעפירט אז טאטעס טראָגן די קינדער אויף זייערע פלייצעס אין חדר אריין, און נעמען זיי אָפּ פון חדר.

מיט דער צייט האט מען דערגרייכט, אז מע פלעגט זיי פירן אין א וואָגן — א שאראבאן — געפירט פון שלמה הערש־דודיע ראָמבאָסיס זון. ער פלעגט אָפּפירן — פאר גאָר א קליינעם לוין — די קינדערלעך אין חדר אריין, און אויפדערנאכט — צוריקברענגען אהיים.

מיט דער צייט, האָבן דרדקי־מלמדים צוגענומען א געהילף, א "בעלפער", וועמענס ארבעט ס'איז באשטאנען צו טראָגן די קינדער אויף די פלייצעס און אונטער די אָרעמס. צומאל, פלעגט ער שלעפן דעם אויבדערמאָנטן שאראבאן מיט קינדער. אלעס וואָלט געווען שען און פיין, ווען נישט די מאמעס; זיי פלעגן זיך באקלאָגן אז דער בעלפער, "דער פרעסער", נאשט אויף דאָס עסן פון די קינדער; שלעפט פון די טאָרבאלעך, אזוי אז די קינדער בלייבן נעבעך פארשמאכט... דער בעלפער, א באלײדיקטער פון די זילערייען, האָט אמאָל געלאָזט שטיין א שאראבאן פול מיט קינדער "אינמיטן דרינען" אויף דער גאס, און "גיי שריי חי וקיים". איז טאקע געווען ששון ושימחה...

האָט פאסירט אמאָל, אז דער בעלפער האָט זיך אויסגעגליטשעט, דער שאראבאן זיך איבערגעקערט און אויסגעשיט די קינדער אין דער בלאָטע אריין. מע קען זיך פאָרשטעלן, וויאזוי דאס קליינווארג האָט אויסגעזען. די מוטערס האָבן קוים באוואשן זייערע קינדער, שעלטנדיק מיט ביטערע קללות, דעם בעלפער — דעם שלימזל.

מעכל מלמד

צווישן די אָנגעזעענסטע דרדקי־מלמדים איז געווען מעכל מלמד, וועלכער איז געקומען קיין קאפרעשט ענדע 19־טן יאָרהונדערט. געקומען איז ער נישט איינער אליין, נאָר מיט א בעלפער און, ווי געוויינליך, מיט זיין פרוי רחל די מלמדקע. געדינגען א שטיבל פון 2 צימערלעך און צוגעטרעטן "צו דער עבודה". א חדר פאר ייגנאלעך און א חדר פאר מיידאלעך; נאטירלעך — אָפּגעטיילט.

רב מעכל מלמד האט אייגעפירט, אז ייגנאלעך האָבן געלערנט ביז 2—3 אזייגער בייטאָג, און נישט פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט — ווי ביי אנדערע מלמדים. די מיידאלעך האבן געלערנט צוויי דריי שעה, נאָך די ייגנאלעך.

רחל די מלמדקע פלעגט זיך נאָכפרעגן, ביי די מוטערס, וויאזוי די קינדער פירן זיך אויף אינדערהיים. די, וועלכע האבן נישט געפאָלגט די עלטערן, זענען צומאָרגנס פארהאלטן געוואָרן איבעריקע צוויי שעה.

און אזוי פלעגט רב מעכל לערנען דעם "אלף־בית": מיטן טייטל אין דער האנט געוויזן דעם קינד אין סידור אנ׳ "אלף", אדער א "בית", און מיט אים איינגעחזערט מיט א ניגון דערצו: זאָג־זשע "אלף", רעד־זשע "אלף". דאָס קינד, וואָס פלעגט נאָכזאגן "זאָג־זשע אלף" "רעד־זשע אלף", פלעגט אריינכאפן פעטש, און אויב רחל די מלמדיקע האָט זיך אריינגעמישט, פלעגט ער זי אָפשיקן צו באשעפטיקן זיך מיט אירע געשעפטן און נישט אריינמישן זיך אין לערערשע ענינים.

רחל פלעגט צוהאנדלען. דאָס איז באשטאנען אין פארקויפן פלעצאלעך און צוקערקאלעך, וואָס זי אליין פלעגט צוגרייטן. יעדן מארקטאָג, זונטיק און דאנערשטיק, פלעגט זי שטיין אויפן מארק און פארקויפן איר סחורה. דעם אמת זאָגנדיק, האָט זי פארדינט נישט ווייניקער פון רב מעכלען. אָבער כאָטש זי איז אנ׳אשת־חיל, איז זי דאָך נישט מער ווי אנ׳אישה, א מין נקבה, טאָר זי נישט אריינמישן און זאָגן גאָר דיעות דעם מאן, נישט אין איר פאך.

רב געצל־ניקאלאיעווסקי סאָלדאט

צווישן די מלמדים פון דערוואקסענע קינדער, וועלכע לערנען שוין חומש מיט רש"י, און אייניקע — אפילו א בלאט גמרא, איז כדאי צו דערמאָנען צוערשט רב געצלען, וועלכער האָט געפאָדערט, אז מע זאל זיך ווענדן צו אים מיטן טיטל "אדוני המורה".

געצל האָט געשטאמט פון ליטא. ביז 14 יאָר געלערנט תנ"ך און אויך א בלאט גמרא. דעמאָלט איז ער פארכאפט געוואָרן צווישן די "פוימאלעך" און איז געווען א סאָלדאטביים צאר ניקאָלאי דעם ערשטן — 25 יאר. נאָכן בעפרייען זיך, האט ער זיך אוועקגעלאָזט אויף דער "בעסאראביע" און־נאָך פארשידענע וואנטיורעס־אראָפגעקומען קיין קאפרעשט, אנ׳אויסגעפוצטער און זיך דערקלערט אלעס לערער. ער פלעגט לערנען חומש מיט רוסישער איבערזעצונג. אזוי צום ביישפיל, האָט ער פארטייטש דעם פסוק אין דער פרשה "כי תצא"; כי תצא למלחמה — אז דו וועסט וויכאָדיאיען אין באָי אריין, וראית־און דו וועסט אווידיען, אישה יפת־תואר — א קראסאוויצע, וחשקת בה — און זי וועט דיר פאָנאראווען, ולקחת לך לאישה — זאָלסטו מיט איר חתונה האָבן; ואם לא מצאה חן בעיניך — אויב נאָך דער חתונה וועט זי דיר נישט פאנאראווען, ושילחתה לנפשה — זאלסטו זי אפשיקן "קטשאָרטו מאטערי".

נישט גרינג איז געווען די תלמידים צו כאפן געצלס רוסיש און נישט פארשטאנען זיין יידיש מיטן רוסישן אקצענט. אז געצל האט געמוזט אָפטראָגן זיך פון שטעטל, פאר זיינע אמאָליקע "מעשים טובים" לאזענדיק ערגעצוו א פרוי אנ׳עגונה, האָבן די קינדער פריי אָפגעאָטעמט.

יענקל פיסטשאנקער

אנ׳אנדער מלמד, וועלכער האָט דער ערשטער איינגעפירט די שיטה פון לערנען תנ"ך איבערגעזעצט עברית בעברית, איז געווען יענקל פיסטשאָנקער. דעמזעלבן פסוק פון דער פרשה "כי תצא" האט ער איבערגעזעצט, נישט ווי רב געצל, אויף גויעש — נאר אויף העברעיש: כי תצא — אז דו וועסט יוצא זיין, למלחמה — אויף א מלחמה, וראית — און דו וועסט רואה זיין, אישה יפת־תואר — א אישה מלא חן, וחשקת בה — און דו וועסט חשק האָבן צו איר, ולקחת לך לאישה — זאלסטו זי לוקח זיין פאר א אשה; ואם לא מצאה חן בעיניך — און אויב זי האָט נישט נושא חן געווען, ושילחתה לנפשה — זאלסטו זי משלח זיין לעזאזל".

זעלבספאַרשטענדליך, אַז פון דעם עברית בעברית האָבן די תלמידים זייער ווייניק וואָס פאַרשטאַנען. חוצדעם, צו שלאָגן די תלמידים איז ביי רב יענקלען געווען א טאַקטיקע ווי א טאָגטעגליכע דערשיינונג. דעריבער האָבן די תלמידים געזוכט ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

אין א שיינעם טאָג, ווען רב יענקל איז זיצנדיק איינגעשלאָפן ביים טיש און די תלמידים האבן זיך געשפילט אינדערויסן; האָט איינער פון די תלמידים זיך אריינגעכאַפּט אין חדר און אַרויפגעגאָסן אויף דעם רבינס באָרד, וואָס איז געווען צושפּרייט אויפן טיש, א היבש ביסל קליי און פּאַפּ, מיט וועלכען רב יענקל פלעגט זיך באַנוצן צום איינבינדן ביכער. דערדאָזיקער תלמיד איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ניוקע דער זון פון דוויד רחמיאלס (פידעלמאַן); דער סוף פון דעם רבין איז געווען, אַז ער האט געמוזט איבערלאָזן קאַפּרעשט און געוואָרן שמש און אַנ׳אַנדער שטעטל.

גורמאַנס מאָדערנער בית־ספר

1) גרינדונג.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט, האָט די באַפעלקערונג פון קאַפּרעשט זיך פאַרגרעסערט. עס זענען צוגעקומען אייניקע אינטעליגענטע מענטשן, טיילווייז וועגן פרנסה צוועקן, אַנדערע — חתונה געהאַט פאַר קאַפּרעשטער מיידלעך, ווי צום ביישפּיל:



המורה לייב גורמן — נפטר 15.6.1940 — בסורוקה
רעייתו מילכה — ניספתה בטרנסניסטריה במחנה בארשאד 1941
בנו ד״ר מאיר גורמן — רופא פנימי, בחיפה
בנו יצחק גורמן — מורה להיסטוריה וצרפתית בסורוקה נולד בקאפרשט בשנת 1913

וואָלף געלבורד, דוויד זילבערמאַן, *שמחה פּאַרטנאַי,* שייקע פיינבוים און אַנדערע. ביי דידאַקטיק האָט זיך דערוועקט אַנ׳אינטערעס צו דערציִען זייערע קינדער אַנדערש ווי ביז דעמאָלס. זיי האָבן נישט געקאָנט ליידן די מלמדים מיט זייערע סיסטעמען, מיט זייער שוואַכער בילדונג, מיטן שלאָגן די תלמידים און דאָס איינפּלאַנצן אין זיי אַ פֿיַנצטערן פאַנאַטיזם.

דעריבער האָבן זיי, די אינטעליגענטן, צונויפגערופן אַנ׳אסיפה אין דער גרויסער שיל, ערקלערט דאָרט די לאַגע, און מ׳האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ מאָדערנע שול, וווּ קינדער זאָלן זיין פאַרטיילט לויט זייער עלטער און לויט זייערע קענטעניש. דאַן איז מען צוגעטרעטן אויפצוזוכן אַ פּאַסיקן לאָקאַל, און אַ דירעקטאָר — אַ גוטן פּעדאַגאָג, וועמען מ׳זאָל אָנפאַרטרויען די לייטונג פון דער שול. אַזאַ דירעקטאָר, מיט אַ גוטן נאָמען, האָט מען געפונען אין סאָראָקע, אין דער פּערזאָן פון לייב גורמאַן. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, מיט דער פאַרמיטלונג פון אַנ׳אַנגעזעענעם כלל — טוער לייזער גייסינער, איז געלונגען איבערצובערעדן גורמאַנען קיין קאַפּרעשט און ער איז צוגעטרעטן אָרגאַניזירן די שול.

2) אָן אַ קאַנטשיק.

די גורמאַן שולע האָט אַריינגעבראַכט סיסטעמאַטישע ענדערונגען אין די אונטערריכטס־מעטאָדן, ווי אויך גורם געווען צו אַ גרויסן פּאָרשריט אין דער מענטאַליטעט פון די תלמידים און זייערע עלטערן. אָט, צום ביישפּיל, איז אין חדר געווען פאַרבאָטן צו שפּילן אין באָל (מינדזשע־מיניאַטש) ״מיט דעם שפּילן זיך שקצים, נישט יידישע קינדער״ — פלעגן זיי זאָגן. אָבער גורמאַן האָט, צווישן אַנדערע, ערלויבט און אַליין אויך געשפּילט אין באָל.

אין גורמאַנס שול האָט מען בכלל נישט געוווּסט פון קיין קאַנטשיק. אפילו פאַנאַטישע עלטערן האָבן, אין משך פון דער צייט, איינגעזען אַז קיין שום אומגליק געשעט נישט ווען יינגעלעך און מיידאַלעך לערנען צוזאַמען אין דעמזעלבן קלאַס און ווען מע זיצט אין שול אָן אַ היטל. אפילו ווען אַ תלמיד האָט שפּאַצירט מיט אַ תלמידה, פון גורמאַנס שול, האָט מען זיך געמאַכט נישט זעענדיק. עלטערן האָבן אויך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז תלמידים רעדן צווישן זיך עברית אַלס אַ וואָכעדיקע שפּראַך (״לשון־קודש״ איז דאַן געווען גוט נאָר צום דאַווענען און צו שבת׳דיקע זמירות״)...

די שול האָט זיך געפונען אין משה פּאָטיקס שטוב, נעבן דער גרויסער שול. פון דאַנען פלעגן זיך טראָגן פרייליכע קולות פון געזאַנג און טענץ. די קינדער פלעגן פילן אַ ליבע צו דער שול און פלעגן גערן גיין לערנען, אַנשטאָט די פריערדיקע שינאה צום חדר און צו די מלמדים.

גורמאַן און די לערערס פלעגן אַכטונג גיבן אויף די קינדער אויך אין צייט פון דער הפסקה; איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי אָדער גאָר אַ געשלעג צווישן די שפּילנדע קינדער, פלעגן די לערערס שלום מאַכן אָדער באַשטראָפן די שולדיקע. זיי פלעגן נישט באַשטראָפן מיטן קאַנטשיק. די ערגסטע שטראָף איז געווען ״צו שטיין אין ווינקל״.

3) אַזוי שפּילט מען זיך.

קינדער פלעגן זיך שפּילן באַזונדערס אין ״גראָפּע״. דאָס איז אַ גריבאַלע וווּהין מ׳האָט באַדאַרפט אַריינוואַרפן אַ ניס, פון אַ געוויסער דיסטאַנץ. ס׳האָט געוווּנען דער,

ווען ס'איז געלונגען אריינצוואַרפן א באַשטימטע צאָל ניס. א צווייטע שפּיל מיט "נים צי גראַד". א שפּיל מיט ניס, וואס איז געווען באַליבט אויך בא מיידאלעך, און מע האָט געקענט דאָס שפּילן אין שטוב אויך אין צייט פון רעגן — איז געווען "ברעטל". דאָס ברעטל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט סקאָס, אַזוי אז די ניס האָבן זיך אַראָפּגעקאַטשעט. ס'האָט געוווּנען דעם קון, דער וועמעס ניס האָט אָנגעקלאַפּט די ניס אויף דער ערד. אנדערע שפּילן זענען געווען א "קאַץ און א מויז", א בלינדע קו, באַהעלטעניש, קלאַס א.א.וו.

4) גורמאַן און זיינע לערערס.

ווער זענען געווען די לערערס אין דער מאָדערנער גורמאַן־שול? לייב גורמאַן — דער דירעקטאָר — א שענער מיט העל־בלויע, קלוגע אויגן און מיט בלאָנדע האָר; פיזיש גוט אַנטוויקלט, שטענדיק מיט א גוטמוטיקן שמייכל. ער האָט באַזיצט א באַזונדערן צוציונגס קראַפט פון מענער און פרויען. געווען איז ער א גלענצענדיקער פּעדאַגאָג, א הונדערפּראָצענטיקער ציוני; א געזעלשאַפטליכער טוער און, צוגלייך, אַנ'אַקטיוור אַנטיילנעמער ביי שימחות. ער האָט ערצויגן די יוגנט אינם גייסט פון ליבע צום ידישן פאָלק און ארץ־ישראל.

די לערערס, וועלכע האבן מיט אים מיטגעאַרבעט, זענען געווען: פרויקע גורמאַן — זיין אייניציקער ברודער, וועלכער האָט צוליעב פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען געמוזט עמיגרירן קיין אַרגענטינע. דאָס צוטיילן זיך פון זיין ברודער, האָט שטאַרק געווירקט אויף לייב גורמאַן און, נאָך אַדאַנק די באַמיונגען פון זיין פרוי מלכה, איז ער געקומען צו זיך. צווישן קאַפּרעשטער לערערס איז צו באַצייכענען: חווה הייסינער (פּריפּאַס), וועלכע איז געווען זייער ענערגיש און האָט געלערנט די קינדער עברית. כדאי אונטערצושטרייכן, אז כאָטש זי האָט נישט געענדיקט קיין לערער־סעמינאַר — (אַלעס האָט זי דערגרייכט דורך זעלבסטלערנען) האָט זי זיך גערעכנט אַלעס זייער א גוטע לערערין, מיט פּעדאַגאָגישע פעיקייטן, און די קינדער האָבן זי געליבט און געשעצט. אַנדערע צוויי גוטע לערערס זענען געווען די סטודענטן קאַזאַטשקאָוו און בורשטיין, וועלכע האָבן, צוליב באַשרענקונגען קעגן ידן אין רוסישע אוניווערזיטעטן, געמוזט איבעררייסן זייער שטודירן. דידאַזיקע לערערס האָבן ליב געהאָט די תלמידים און זענען געווען זייער באַליבט ביי זיי און ביי זייערע עלטערן. זיי פלעגן שבת גיין שפּאַצירן, מיט די תלמידים, צום רעאַוט און פלעגן זיי פאַרווײַלן מיט דערציילונגען, רעטענישן און פאַרשידענע פאַרווײַלונגען.

גורמן און די לערערס אין דער שולע האָבן איינגעפירט, צוגלייך מיט א שטרענגען דיסציפּלין, אויך אַנ' איינגענומענע חברישע באַציונג צווישן לערערס און תלמידים. נישט מער קאַנטשיק, קנייפּן, רייסן ביי די אויערן, — נאָר גוטמוטיקע שמועסן און אויך מישפּטים, איינגעאָרדענטע דורך די תלמידים, וועלכע פלעגן אויך באַשטימען די שטראָפן.

5) די גורמאַן־שולע און די אָרטיקע "כלי־קודש".

די קינדער פון "כלי־קודש", דער רב און די שוחטים, זענען אין גורמאַניס שולע נישט געגאַנגען. די עלטערן האָבן, בשום אופן, נישט געקענט מסכים זיין, אז יינגאַלעך זאָלן לערנען אין איין צימער מיט מיידלעך; זאָלן לערנען "בגילוי ראש" און, דערצו, הערן לייכטזיניקע דערציילונגען. אָבער די קינדער זייערע, און ספּעציעל

יוחנצי דעם רב׳ס און נוח׳ל, איציק-לייב שוחט׳ס, האבן מקנא געווען די גליקליכע חברים זייערע, וועלכע געניסן פון שפילערייען, שפאצירן און א.א.וו.

כדי צו שטילן דאס געפיל פון קנאה, פלעגט דאָס פּאָרל, יוחנצי און נוח, צוטראכטן אלערליי שפיצלעך וויאזוי צו טרעפן די תלמידים: איינמאָל געוואָרפן אויף זיי שטיינדאלעך פון באהאלטעניש; אנ׳אנדער מאָל האָט נוח געמאכט א שפאס און האָט אריינגעשטעקט א פייג, בשעת מ׳האָט פאטאגראפירט די לערערס און די תלמידים. דאָס האט ארויסגערופן פיל געלעכטער אין שטעטעל.

6) נוח׳ל איציק-לייב׳ס

וועגן נוח׳ל איז דאָ אסאך צו דערציילן, אָבער ס׳איז כדאי צו דערציילן אנ׳ עפּיזאָד, וואס איז געשען אין 1931, ווען איך האָב געענדיקט אין שווייצאריע אלס דאָקטאָר-כימיע, און נוח האט געענדיקט — אדוואָקאט.

נוח סופר האָט מיך אייגעלאָדן קיין פאריז און מיך געפירט זען די שטאָט פון אייפל-טורעם. זייענדיק אויפן העכסטן שטאָק, האָט ער מיר געהייסן אראָפּשפּייען און ער האָט דאסזעלבע געטון, זאָגנדיק: נוח סופר, פונעם קליינעם שטעטאלע קאפּרעשט, יעצט אדוואָקאט אין פאריז: דו, ניוקע פידעלמאַן, אויך א קאפּרעשטער, יעצט דאָקטאָר כימיע;ביידע שפּייען מיר אראָפּ אויף דער גאנצער וועלט פונעם העכסטן פלאץ אין פאריז פון אייפל טורעם״ — ״ככה ייעשה לאיש שהמלך חפץ ביקרו״ — ״אזוי געשעט אין לעבן ווי דאָס מזל שפּילט צו צום גוטן. אז סע גליקט, איז מען דערם חכם״. אזא טיפ איז געווען נוח סופר, איציק לייב שוחט׳ס זון.

7) אז מע עסט ״שומשון״.

נאָך איין עפּיזאָד, וואָס איז פארבונדען מיט מיין פערזאָן און מיין חבר יוחנצי, איז געווען די מעשה מיט ״שומשון״ — דאָס וואָרט וואָס יוחנצי האָט באצייכנט ״חזיר-פלייש״. יוחנצי און זיינע חברים האָבן געשטרעבט צו זיין ריזן-שטארק ווי שמשון-הגיבור. אלס ביישפּיל האָבן זיי גענומען יחיאל פיך, דער ערשטער אפּטייקער אין קאפּרעשט, וועמענס אפּטייק איז געווען אין לייב שיע-בערס (גרינשפאן) שטוב. די קינדער פלעגן באוואונדערן דעם אפּטייקערס געזונטע פיגור און זיי האָבן אויסגעטייטשט, אז דאָס איז אָנדאנק דעם וואָס אפשר עסט ער חזיר. האָבן יוחנצי, ניוקע און יונה פרידמאַן, אָרגאניזירט עלף קינדער פון גורמאנס שול און פלעגן אָפּטמאָל קויפן חזיר-פלייש אין קלייט פון דער שניידערקע (שניידער׳ס פרוי). האָט זיך געטראָפן אז יונה פרידמאַן האָט באקומען א מאָגן-פארגיפטונג און איז דערפון געשטאָרבן. פאר זיין טויט, האָט ער געשטאמלט דאָס וואָרט ״שומשון״, אָבער קיינער האָט נישט פארשטאנען זיין מיין. ווען צוויי אנדערע קינדער האָבן באקומען מאָגן-פארגיפטונג, האָבן זיי זיך געשראָקן פון יונה׳ס טויט און האָבן זיך מתוודה געווען, אז זיי האָבן געגעסן ״שומשון״, דאס הייסט ״חזיר-פלייש״. דאָס האט געמאכט א גערודער אין שטעטל, און גורמאן מיט די לערערס האָבן אויסגעפּאָרשט דעם ענין. די צוויי חברים, ניוקע און יוחנצי האָבן, אין משך פון 2-3 חדשים, געהאָט אויסצושטיין פון שמיץ מיט א רימעט; פעטש און קולאקעס, קלעפּ מיט א שטעקן, סיי פון זייערע עלטערן און סיי פון פרעמדע. שוין אָפּגערעדט פון זידלערייען און קללות פון די מוטערס. די צוויי פארזינדיקטע, יוחנצי און ניוקע, האבן געהאָט די כוונה צו שאפן אין קאפּרעשט א בריגאדע פון ריזן, פון גיבורים; באלוינט האָט מען זיי מיט בזיונות, קללות און פעטש אָן א שיעור. צי האָבן זיי טאקע דאָס אלעס פארדינט? אָדער, אפשר, פשוט קיין מזל נישט געהאָט?

8) ליקווידיציע פון גורמאנ׳ס שול.

דאָס לאָקאל פון דער שולע איז געוואָרן צו ענג, האָט מען עס געביטן אויף א גרעסער לאָקאל, ביי זיסע קאץ, וועלכער האָט עס געבויעט לויט א ספעציעלער באשטעלונג פון גורמאנען. טראָץ סקאנדאלן און שוועריקייטן, וואָלט גורמאנ׳ס שול עקזיסטירט ווען די צוויי פעיקע לערערס, די סטודענטן קאזאטשקאָוו און בורשטיין, וואָלטן נישט באדארפט פארלאָזן די שול, מיט דער געלעגנהייט וואס מע האָט זיי ענדליך אויפגענומען אין אוניווערזיטעט. אנשטאט זיי, האָט גורמאן באשטעלט אנדערע לערערס. אָבער זיי האָבן נישט געהאָט דעם ריכטיקן צ גאנג צו די תלמידים. פאר יעדער קלייניקייט, פלעגן זיי שטעלן אין ווינקל אויף גאנצע שעה׳ן. זיי האָבן נישט געהאָט קיין געדולד אויסצוהערן די סיכסוכים צווישן די תלמידים; און צו שפאצירן מיט זיי אוודאי נישט. די צאָל תלמידים איז געוואָרן ווייניקער, צוליב די שלעכטע לערערס; בעסערע איז נישט געווען צו געפונען. די הכנסות פון שכר־לימוד זענען געוואָרן קלענער און האָבן נישט געדעקט די הוצאות. גורמאן אליין האָט באקומען בעסערע באדינגונגען אין א שול אין סאָראָקע. ער האָט באשלאָסן צו שיידן זיך פון זיין שול אין קאפרעשט. די קאפרעשטער גוטע, מאָדערנע שול איז געשלאָסן געוואָרן. די עלטערן האבן איינגעאָרדנט א געזעגענונגס אוונט, ביי וועלכן זיי האָבן, מיט טרערן אין די אויגן, געדאנקט גורמאנען — אויסדריקנדיק זייער גרויסע באדויערונג, וואָס ער פארלאָזט זיי. גורמאן האָט, מיט א ווארימער רירנדיקער רעדע, געדאנקט די עלטערן און פארלאָזט קאפרעשט אויף שטענדיק.

אנדערע שולן אין קאפרעשט.

אין 1917 האט זיך געעפנט אין קאפרעשט א גימנאזיע, דירעקטאָר איז געווען סאמואיל פאָרטנאי. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער לערער־פערסאָנאל איז געווען א קוואליפיצירטער; מענטשן מיט הויכבילדונג, געוועזענע לערערס אין אדעסער גימנאזיע, האָט די גימנאזיע נישט אָנגעהאלטן קיין סאך צייט, צוליב דער רוסישער רעוואָלוציע. אין 1918 — 1919 איז געגרינדעט געוואָרן א תרבות גימנאזיע, אין שפיץ פון וועלכער ס׳איז געווען דער דירעקטאר פאָלינקאָווסקי און שפעטער זינאידא באָריסאָוונא מאטיעוויטש.

מיט א פאָר יאָר שפעטער האָט זיך געעפנט, אנשטאט דער תרבות־שול, א פאָלקס־שול (שקאָלא פרימארע) מיטן לערער באָדיא אלס דירעקטאָר. די שולע האָט אָנגעהאלטן ביז 1940, ווען די סאָוויעטן האָבן זי פארוואנדלט אין א יידישער שול. דירעקטאָר לייב מער. דאָ האט מען געלערנט אלע געגנשטאנדן אין יידיש. אין דער זעלבער צייט האט זיך געעפנט אין דאָרף קאפרעשט א מאָלדאָוואנישע שול, מיט באָריא יאנאָוויטש אלס דירעקטאָר און לייב פרוימטשוק — אלס לערער.

נאָך לערער אין קאפרעשט.

נאָך דעם ווי גורמאנ׳ס שול איז פארמאכט געוואָרן, זענען געקומען אין שטעטל פארשידענע לערערס, צווישן זיי באגאבטע און אויך נישט זייער באגאבטע. לערערס קאפרעשטער זענען געווען: ניאָרע (שניאור) איצקאָוויטש, דוויד־לייב פעליציאן, יואל מער, יוחנן קאפליוואצקי, רייזל פרוימטשוק און איר מאן יאשע לעכער, לייב מער, לייב פרוימטשוק און אנדערע.

פון די צוגעקומענע לערערס איז כדאי צו דערמאָנען: **נחמן פאַלישטשוק, אלעזר צעסיס, מרדכי גאָלדענבערג, נאגירנער, מאגנעזין און אנדערע.** די אלע דערמאָנטע לערערס האָבן אונטערריכטעט בעיקר אין עברית: די שפראך, דיקדוק, חומש מיט רש״י און תנ״ך, אויך אפילו משניות און א בלאט גמרא.

סע זענען אויך געווען לערערס פאר ספעציעלע אלגעמיינע לימודים. פון זיי: סאמואיל פאַרטנאי, פינקעזאָן, סאָניא איוושער, מאניא בורד, לייב טראוב און אנדערע.

מרדכי גאָלדענבערג

ווי א מילגראָם מיט קערנדלעך, איז מרדכי גאלדענבערג געווען באשאָנקען מיט שיינע זיטן, מעלות אָן א גרעניץ, פעיקייטן ביז גאָר; א ציוניסט א הונדערט פראָצענטיקער; נישט פארשפעטיקט קיין איין מאל צו קומען אויף יעדער פארזאמלונג, זיצונג, מסיבה — אלעס וואָס האט געהאַט א שייכות צום ציוניזם; א גלענצנדער זשורנאליסט און אויך פעדאגאָג; א גוטער מענטש, וועלכער האט זיך באצויגן צו זיינע תלמידים מיט ליבע און איבערגעבנקייט.

מיר, קאפרעשטער, זענען שטענדיק שטאָלץ געווען, וואס מיר האָבן געהאַט דאָס גליק, אז דער גרויסער תלמיד־חכם, דער גרויסער מענטש, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין באגריף וואָס סע הייסט ״גרויסן זיך פאר עמיצן״ — איז אנ׳איינוווינער אין אונדזער שטעטל. חבל על דאבדין ולא משתכחין! ער איז אומגעקומען אין טראנס־ניסטריע, גערודפט דורך די נאצי־רוצחים. מרדכי גאָלדענבערג איז פארלוירן געגאנגען קערפערליך אויף שטענדיק; גייסטליך, אָבער, וועט ער פארבלייבן אין אונדזער זיכרון — נישט נאָר ביי די קאפרעשטער, וועלכע האָבן אים געקאָנט, געשעצט און ליב געהאָט; נאָר ביי יעדן, וועלכער האָט אים אפילו פערזענליך נישט געקאָנט. די ליטעראַרישע ווערק זיינע האָבן אים כּאראייביקט און וועלן בלייבן מיט אים אומשטערבליך.



המורה ניאָרא (שניאור) איצקוביץ
נפטר 4 בדצמבר 1972
רעייתו אסתר נפטרה
18 בדצמבר 1976
זיכרונם לברכה.

א געבוירענער א קאפרעשטער. האָט זיך גערעכנט פאר א גוטן אויסגעצייכנטן לערער. א געגנשטאנד, וואָס איז אים געווען באליבט, איז געווען ״דיקדוק״. זיינע

תלמידים האָבן געהאַט א שם אלס קענער פון העברעישער גראמאטיק. דער שכר־לימוד ביי ניאַרא׳ן איז געווען טייערער ווי ביי אנדערע. אבער די באציונגען צווישן אים און זיינע תלמידים, זענען געווען אָפיציעלע, נישט קיין חברישע, ווי מ׳איז געוווינט געווען צו באגעגענען ביי גורמאנס שול. אויסנוצן יעדע שעה צום לערנען — דאָס יאָ; מאכן א שפאציר מיט די תלמידים, צו באקענען זיך מיט דער נאטור, מיט לאנדשאפט, שפאצירן צום רעאוט — דאס ניט. קלאָר אז די תלמידים האָבן געפילט דאָס טרוקנקייט, און ס׳איז נישט קיין וווּנדער וואָס צו גורמאנס שול איז מען געגאנגען מיט מער חשק ווי צו ניאַרא׳ן.

נישטאָ וואָס צו לייקענען: ניאַרא איז געווען א גוטער לערער, א קענער פון העברעיש, א באלעזענער און בכלל אנ׳אינטעליגענטער מענטש; אָבער אינדערזעלבער צייט — איז ער בארימט געווען אלס גדלן, וועלכער האָט גאָר זעלטן געגריסט עמיצן, און קוים געענפערט אויף א גרוס. אין דער הינזיכט, איז ער געווען געראָטן אין זיין פאָטער איצל איצקאָוויטש, וועלכער איז געווען א קלוגער ייד, א בן־תורה, אָבער א גרויסער גדלן. ער פלעגט ארויסווייזן זיין שטאָלץ אפילו געגנאיבער די מתפללים פון דער ״דייטשער שיל״, ווו ער פלעגט דאווענען. ווייזט אויס — אנ׳ארגאַנישער פעלער פון דער מישפחה...

דערדאָזיקער פעלער, ניאַרא׳ס, האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף זיין סימפאטישער פרוי אסתר, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר העפליכקייט, פריינטליכקייט און ליבנסווירדיקע באציונג צו יעדן מענטשן. ניאַרא האָט זיך נישט פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט, אויך נישט מיט נאציאָנאלער טעטיקייט; דאגעגן, זיין פרוי אסתר, איז געווען א טיכטיקע געזעלשאפטלעכע טוערין; געווען צווישן די גרינדערינס פון אמאָליקן פילאנטראָפישן פרויען־קאָמיטעט, אויך דורכגעדרינגען מיט א נאציאָנאלן געפיל.

א ביטערער גורל האָט געטראָפן די פאמיליע איצקאָוויטש: זייער איינציקע טאכטער ידידה, דער ברודער בערל און זיין פרוי שרה זענען טראגיש אומגעקומען אין 1941, ווען די שיף ״מאפקורא״ איז דערטרונקען געוואָרן דורך די דייטשן, זייענדיק אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

ניאַרא און אסתר האָבן זייערע לעצטע יאָרן געוווינט אין חדרה. ניאַרא איז געשטאָרבן 1972 יאָר, און אסתר — 1976 יאָר.

משה ליפא טראוב

זעלטן ווען מע האָט געקענט טרעפן א מענטשן, באזונדערס אין קאפרעשט, וועלכער זאָל זיין אזוי אלזייטיק געבילדעט און באהאוונט אין אלעמען: א בלאט גמרא מיט אלע פירושים — קען ער גרונטליך; שווערע, קאָמפליצירטע אויפגאבן אין מאטעמאטיק — קלערט אויף משה־ליפא איינס צוויי ווי א מאטעמאטיקער מיט גרויסער דערפארונג; אין שאך שפילן און געווינען די מערהייט פארטיעס — משה ליפא; ווער האָט אזוי געשפילט אויפן פידל א ״כל־נדרי״, אָדער אנדערע ניגונים, וועלכע פלעגן ארויסרופן טרערן בא רעליגיעזע יידן? — ווידער משה ליפא; האָבן חתנים צו זייערע כלות, אָדער כלות צו זייערע חתנים, געוואָלט שיקן הייסע ליבע־בריוואלעך — צו וועמען ווענדעט מען זיך? צו משה ליפא׳ן. ס׳איז צו באצייכענען, אז ער

פלעגט צוגעבן, צו זיינע בריוואלעך, פארשידענע וויצן און ווערטלעך, אזוי אז אלע זענען געווען צופרידן. נאָר וואָס דען ? אלע האָבן זיך באגנוגט מיט ״אשיינעם דאנק אייך רב משה־ליפּא ! ״ ״לאנג לעבן זאָלט איר און טון תמיד טובות !״. ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאלן צו באצאָלן אים פאר זיינע טובות.

האָט א תלמיד זיך נישט געקענט אויספּלאָנטערן פון זיינע אויפגאבן אין אלגעברא אָדער געאָמעטריע, פלעגן עלטערן זאָגן : ״צו וואָס דארפסטו זיך דרייען א קאָפּ אומזיסט ; גיי אריין צו משה ליפּא׳ן, וועט ער דיר זיכער ארויסהעלפן !״ אָבער, פאר דער הילף האָבן די עלטערן זיך באגנוגט מיט ״א שיינעם דאנק״. ליבהאָבער פון שאכמאט פלעגן, שבת נאָך דעם קוגל, זיך ארייננכאפּן, אויף א פּאָר שעה, צו משה ליפּא׳ן, צו שפּילן א פּאָר פּארטיעס.

אייניקע קאפּרעשטער זענען, צום באדויערן, געווען זער גראָב־הויטיק ; זיך גערעכנט נאָר מיט זיך און נישט געטראכט אז משה ליפּא און זיינע בני־בית האָבן אויך א מאָגן, צום גרעסטן טייל א הונגעריקן. ווייל געבענטשט איז געווען משה ליפּא מיט א פרוי און 5 קינדערלעך, קיין עין־הרע, און אלע האָבן זיי א טבע צו מאָגנען עסן. פון די ברכות, פון די שיינע דאנקען קען מען נישט זאָט מאכן קיין מישפּחה . . .

וואָלט משה ליפּא נישט געווען קיין זער ערנסטער, אָנשטענדיקער לערער, וואָלט ער זיך נישט גענומען צום הארצן, וואָלט ער נישט געארבעט איבער די כוחות און וואָלט נישט רואינירט זיינע שוואכע נערוון, זיין שוואכן געזונטצושטאנד. פון איין זייט, געליטן הונגער און נויט, זייענדיק ערשעפּט פון די כוחות ; שטענדיק אויפגערעגט, נערוועז און פארביטערט. פּלוצים איז ער פארשווינדן געוואָרן. שפּעטער האָט מען ערפארן, אז ערגעץ אין א שטעטל, זייענדיק א שמש אין א בית־כנסת, איז ער קראנק געווארן און געשטאָרבן.

לייב טראוב

דער זון פון משה ליפּא, פון וועמען ער האָט איינגעזאפּט פיל וויסן אין עברית און תנ״ך. אין שטעטל האָט ער זיך גערעכנט צווישן די גוטע עברית־קענער ; הגם זיין פאטער איז נישט געווען צופרידן פון אים. ער האָט געטענה׳ט, אז ווען לייבל איז נישט אזוי פויל, וואָלט ער דערגרייכט גאָר ווייט. לייבל איז געווען לערער אין א שול, ערגעצוואו אין אנ׳אנדער שטעטל, זאָגנדיק : ״אין נביא בעירו״. אלס לערער האָט מען זיך פון אים גוט אָפּגערופן, אָבער אייגנצייטיק האָט מען באשטעטיקט דעם פאטער׳ס פאָרוואורף, אז ער וואָלט געווען גאר א גוטער פעדאגאָג, ווען ער איז נישט אזוי פויל . . .

אין 1941 איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט לייבלען אין לאגער. ליידער ווייס איך נישט וואָס מיט אים איז געשען. אין לאגער האָט מען אונדז צעטיילט און געשיקט אויף פארשידענע פּלעצער.

מאגנעזין

איז געווען פון די געציילטע, נישט־קאפּרעשטער לערערס, וועלכע האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין געזעלשאפטליכן לעבן פון שטעטל. ער האָט פארמאָגט ארטיסטישע פעיקייטן, געווען אויך א גוטער רעזשיסאָר. ער האָט אָרגאניזירט א גרופּע

אמאטאָרן, וועלכע האָבן אונטער זיין רעזשי זיך אויסגעבילדעט אויף אזויפיל, אז זיי האבן געשפילט מיט דערפאָלג די פיעסע "די שחיטה" — פון יעקב גאָרדין. די הויפּט־ראָלן האָבן געשפילט: מאגנעזין אליין, דאָקטאָר בארשאק, ניוקע פידעלמאן (אני בכבודי ובעצמי), הינדע איוועשער און ראָזא פיינבוים. פון מאגנעזין ווייסן מיר, אז ער איז אומגעקומען אין רומעניען דורך די דאָרטיקע נאציס.



המורה לייב פרוימצ'וק

ניספה במחנה בארשאד (טראנסניסטריה) בשנת 1941 יחד עם רעייתו ש ר ה (לבית ארליכמן) ובנם נ ו ע ם בן השש

זכרונם לברכה.

דאָס גליק צו האָבן א גוטן לערער, איז אויסגעפאלן אויף זגוריצע; דאָרט האָט זיך איינגעאָרדנט לייב פרוימטשוק, און נישט אין זיין געבורטס־שטעטל; כאָטש זיינע, און אויך זיין פרוי, שרה ערליכמאַנ'ס עלטערן, זענען געווען קאפּרעשטער און געוווינט דאָרט. אָבער, פון צייט צו צייט, פלעגט לייב קומען צו גאסט. איך האָב אים, אין משך פון לאנגע יאָרן, נישט געזען. אין א שענעם טאג, גייענדיק אין גאס, האָבן מיר זיך דערזען פונדערווייטנס; מיר האָבן זיך אומגעארעמט און צעקושט.

איך האב געמערקט, אז נעבן לייבן שטעט א קליין יינגאלע פון 5 אָדער 6 יאָר. לייב זאָגט מיר: דאָס איז מיין יורש'ל. האָב איך זיך גלייך געווענדעט צום קינד און געפרעגט, אויף יידיש: "וויאזוי רופט מען דיך"? שווייגט ער. — "ווי רופט מען דיין טאטן? דיין מאמען"? — ער שווייגט ווייטער. פרעג איך אים אין רוסיש, אין רומעניש, און קיין ענפער נאָך אלץ ניט באקומען. האָב איך חושד געווען, אז דאָס יינגאלע איז א שטומער אָדער א טויבער. לייב האָט א שמייכל געטון און זאָגט מיר: — "אנו, פרעג אים אין עברית. ער וועט דיר שוין אויף אלעמען ענפערן!" — אזוי איז עס טאקע געווען. נועם האָט גערעדט א זאפטיקן, פליסיקן עברית, וואָס האָט ביי מיר ארויסגערופן גרויס אנטציקונג. לייב האט מיר דערציילט, אז דאָס קינד פארשטייט

יידיש, רוסיש און אויך אביסל רומעניש; נאָר ריידן רעדט ער נאָר עברית מיט דעם, וואָס איך מאַך אים א צייכן אז ער קען עברית. אנדערע, וועלכע קענען נישט עברית, באַקומען פון אים ענפער אויך אין יידיש אָדער רוסיש. איך האָב פרובירט, כלומערשט, זאָגן מוסר דעם יינגאלע, נאַטירליך אין עברית, און זאָג אים: — "פארוואָס האָסטו מיך באליידיקט און נישט געוואָלט ענפערן אויף מיינע פראגעס?" — ענפערט מיר דאָס יינגאלע מיטן שארפן צינגאלע: — "פארוואָס פארשעמסטו אונדזער אייגענע שפראך און ווילסט רעדן דווקא רוסיש, רומעניש אָבער נישט עברית?". איך בין ממש ערשטוינט געוואָרן פון דעם קינדס ענפער און בין געווען אנטציקט פון זיינע עלטערן וועלכע האָבן אים אויף אזויפיל געקענט דערציען און איינפלאנצן די שטארקע ליבע צו אונדזער פאָלק, שפראך און לאנד.

דידאָזיקע עלטערן, מיט זייער וואונדערקינד, זענען אויף א ברוטאלן אופן אומגעקומען דורך די הענט פון די נאצישע פארבעכער. זיי זענען שרעקליך פארפייניקט געוואָרן און, איידער זיי האָבן די כשרע נשמות זייערע איבערגעגעבן צו גאָט, האָבן זיי אפשר אויך געפרעגט די אלטע, אלגעמיינע פראגע: "אלי, אלי, למה עזבתנו? עד מתי נהייה ללעג ולקלס בגויים?".

המורה יואל מער

נפטר ה' בכסלו תשי"ז



אשתו — מאלי

נפטרה כ"ה בסיוון תשכ"ה

א קאפרעשטער לערער, וועלכער האָט שטענדיק געשטרעבט איינצופלאנצן אין די הערצלעך פון זיינע תלמידים די ליבע צום ציוניזם. אין די דרייסיקער יאָרן, איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל; איז אָבער אָנגעקומען אין א זער שווערער צייט פון א.מרוען, עקאָנאָמישע שוועריקייטן און ארבעטסלאָזיקייט. מיט גרויס באדויערונג האָט ער געמוזט צוריקקומען קיין קאפּרעשט און דאָ ווידער פארגעזעצט זיין לערער־בארוף, אלס העברעישער לערער, ביז אין 1940. ביי דער ערשטער מעגליכקייט, איז ער צום צווייטן מאָל עולה געווען און אזויארום פארווירקלעכט זיינע שטרעבונגען צו לעבן אין ארץ ישראל. ער האָט אָבער נישט געהאָט קיין מזל צו לעבן פיל אין לאנד פון זיינע חלומות; דער טויט האָט אים אוועקגענומען. אין דער הינזיכט, איז זיין גורל געווען בעסער ווי דער גורל פון זיין ברודער יענקל, וועלכער איז אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאצישע מערדער.

לייב מער

דער זון פון יואל מער. אלס פערזענליכקייט האָט זיין טעטיקייט ארויסגערופן, ביי אייניקע קאפרעשטער, נישט קיין ריכטיקע אָפשאצונג; מע האָט אים באשולדיקט אין זאכן, אין וועלכע איך בין איבערצייגט אז ער איז נישט געווען שולדיק. אָבער אלס העברעישער לערער, קען מען זאָגן, אז ער איז געווען צווישן די גאָר גוטע. עלטערן פלעגן מיט שטאָלץ אָנווייזן, אז זייער קינד לערנט ביי לייב מער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אונטערשטרייכן, אז ס'איז קיין ווונדער נישט, וואָס קינדער זענען קענער פון עברית, תנ"ך א. א. וו.. עפעס לערנען זיי דאָך ביי לייב מער! ער איז געווען א לערער "מבטן ומלידה"; אלס פעדאגאָג, איז ער געשטאנען אויף א הויכער מדריגה. ווייזט אויס, אז אויסער פעיקייטן, דארף מען אויך זער ליב האָבן דאָס פאד.

סאמואיל (שמואל) פאָרטנאָי

דער עלטערער זון פון שימחה פאָרטנאָי. סאמואיל האָט אין קיין חדר נישט געלערנט; נישט געהאָט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן זיין פאָלק, געשיכטע און קולטור. דערפאר, אבער, האָט ער מיט גרויס חשק געלערנט אלגעמיינע לימודים, עקסטערן, און געווען א סענסאציע אין קאפרעשט ווען ער האָט אָפגעגעבן, מיט דערפאָלג, פריפונגען פאר 6 קלאס גימנאזיע. ער האָט גלייך אָנגעהויבן גיבן שטונדן אין שטעטל און האָט באקומען א שם פון א בארימטן לערער. דערפאר זענען די פרייזן פאר די לעקציעס געווען ביי אים גאר הויך. זיינע תלמידים זענען שטאָלץ געווען, וואָס זייער לערער איז סאמואיל. אויך בא קאפרעשטער פריילינס האָט ער געהאָט דערפאָלג און זיי פלעגן נאָכדערציילן זיינע אנעקדאָטן און חכמות.

אין דער רעוואָלוציע פון 1917, האָט ער געהאלטן א לאנגע דרשה, נאטירליך אין רוסיש. כאָטש אסאך האבן נישט פארשטאנען וואָס ער זאָגט, האָט מען אים שטארק אַפּלאָדירט. אין 1918, ווען די רומענער זענען געקומען קיין בעסאראביע, איז סאמואיל געבליבן אָן פרנסה און איז געפאלן צו לאסט אויף זיין פאָטער, וועלכער איז אויך געוואָרן א יורד אין זיינע געשעפטן. סאמואיל איז צוביסלעך פארגעסן געוואָרן. זיינע



שושנה הייסינר

הגננת העברית הראשונה

פריילינס האָבן חתונה געהאט; און ער, שוין אלס אלטער בחור, האָט חתונה געהאָט און געוווינט אין אקערמאן, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט א געדונגענעם קינאָ.
געשטאָרבן אין יאָר 1948.

מרדכי רישפי (פייארמן)

מִכּוֹל מלמדיי...

זכור לי היום הראשון בו התחלתי ללמוד, ואני אז בן 4.5. היה זה בבוקרו של יום־סתיו מעונן, שעה שאני וחברי הטוב, אברהמ'לי בן הנגר, שיחקנו בחוץ באגוזים. המישחק באגוזים היה חביב עלינו ושיחקנו בו בכל הזדמנות, כך שקשה היה לנתק אותי ממנו. אמא היתה אומרת, באותם הימים: "מוטילי מוכן אפילו לישון בגומה!"...

והינה, באותו הבוקר, בעיצומו של מישחק מרתק, ניגש אליי בחור מגודל וגברתן; תפס זרועי בידו המגושמת ואמר: "בוא, היום אתה מתחיל ללכת ל"חדר"! ההודעה המפתיעה, הפסקת המישחק והלפיתה המכאיבה של זרועי — הרגיזו אותי עד־דמעות. עמדתי ולא זזתי ממקומי. הבחור, אשר כפי שהתברר היה ה"בלפר", (העוזר של ה"רבי"), הראה סימנים ברורים של חוסר־סבלנות והיה מוכן להעמיס אותי על שכמו — למרות רצוני. למזלי, הופיעה אמא בפתח הבית, למישמע הצריחות שלי:

— "מוטילי, הרי עוד מעט ימלאו לך 5 שנים וכבר הגיעה שעתך ללכת אל ה"חדר" עם כל הילדים, בני גילך! ויודע אתה? הדוד שלנו, רבי יאסל, הסכים לקבל אותך אל ה"חדר" שלו, למרות היותך צעיר מהמקובל".

האמת ניתנה להיאמר: בשורה זו של אמא, כי ה"רבי" שלי, יהייה לא אחר מאשר הדוד רבי יאסל, לא גרמה לי נחת־רוח יתרה, מכיוון שהוא היה ידוע כזקן נוח לכעוס, אשר בשעת כעסו היה שוכח עולם ומלואו, ואז לא היה בורר באמצעים. אומנם לא זכור לי אף מיקרה אחד שהשתמש בו צועה שהייתה תלוייה לתפארת על הקיר, בסמוך למקום מושבו. אבל די היה להודיע כי "עוד מעט יטריח את הקאנטשיק", כדי ש"העברייין" יעצור את נשימתו, וליבו יגביר תיקתוקיו בקצב מואץ...

כבר ביום הראשון לבואי אל ה"חדר", כאשר עניתי משהו לשאלה של שכני לספסל, הצביע ה"רבי" על הרצועה, תוך שהוא ממשיך להתנועע קדימה ואחורה עם הילדים. הבינותי את הרמז והצטרפתי גם אני אל קהל הזאטוטים, אשר קראו בקול מתוך חומש "ויקרא" — אחד מיקרא ואחד — תרגום: "ויאמר — האָט געזאָגט אדוני — גאָט, אל — צו, משה — משה". עד היום איני יכול להבין. מדוע נבחר דווקא ספר "ויקרא", אשר אין בו לא סיפורים ולא אירועים מעניינים כמו בספר "בראשית", לשמש אלפון לילדי דרדקי?

לימים השתלבתי במיסגרת הכיתה; ומכיוון שלא זכור לי שהייתי אי־פעם בטיפולו הבלעדי של ה"בלפר" — יש לשער שלא השתייכתי לקבוצת "בולי העץ" ז.א. אלו אשר — כמה שלא "תחטוב עצים" כדי להחדיר "לראשם הסתום" משהו מהאותיות הקטנות — לא תצליח, אפילו אם תשבור עליהם מקלות ורצועות.

סימן נוסף שהייתי בסדר. מדי שבת, לאחר שנת הצוהריים, היו הדוד יאָסל (למעשה, הוא היה דודו של אבא) — הוא ה"רבי" שלי, ואשתו — הדודה רבקה, עורכים אצלנו ביקור חוזר קבוע, כדי לטעום מן ה"קוגל" — מעשה־ידיה של אמא להתפאר. לאחר שנהנו מן ה"קוגל" ושתו תה עם מרקחת (אחי ביינוש ואנוכי היינו רצים "כאיילה שלוחה" ומביאים מסוסי "בעלת המיחם" קומקום מים רותחים). אז היה ה"רבי", הוא

הדוד יאסל, פונה אלי בניגון מיוחד: "יעלה ויבוא החתן רב מוטילי וישמיע פרק מפרשת השבוע".

אבא היה משעין ראשו על זרועו ומטה אוזן כדי לשמוע כיצד מתקדם "התכשיט" שלו. אימא הייתה עומדת מן הצד, משלבת ידיים וכולה דרוכה — שמא, חלילה, תקרה תקלה. כאשר הכול עבר בשלום, הייתה אימא מעניקה לאחי ולי חופן אגוזים, לכל אחד מאיתנו, והיינו יוצאים לשחק בגומה; ואילו הרבי ואשתו — הדוד יאסל והדודה רבקה — היו נשארים כדי לשמוע ולהשמיע מחמאות אהדדי, ותוך כדי כך להשתתף בברכת ה"הבדלה" ובאכילת "שלוש סעודות" של מוצאי־שבת.

ביקורים אלו, של ה"רבי" ואשתו, חזרו על עצמם — לפי אותה המתכונת — במשך מיספר רב של שבתות עד שנפסקו בבת־אחת כתוצאה מתקרית, בה שיחקתי אני תפקיד חשוב. כאמור לעיל, לא היה ה"רבי" מפעיל את הרצועה, כשהייתה תלויה על הקיר לראווה — "למען יראו וייראו"... רק כאשר פרצה מריבה בין שני תלמידים והדברים הגיעו למהלומות, היה הרבי מפטיר, כאילו לאחר־יד: "כנראה שאתם מעוניינים מאוד שאזמין את ה"קאנטשיק" הנחמד, למען יישר ביניכם את ההדורים!" באורח־פלא היו המריבות פוסקות כלא־היו.

אומנם קרה לא־פעם שהרבי היה "מטריח" את הרצועה ממקומה, מניח אותה לידו על השולחן ומזמין את אחד העבריינים ל"ראיון". מפוחד וברגליים כושלות היה הילד מגיע לשולחנו של ה"רבי", כשהוא מצפה בהכנעה לגזר־דינו. ה"רבי" היה ממלא נחיריו ב"טאבאקע" (סימן שרוחו טובה עליו) ומצווה שהילד ינשק את הרצועה כאות־תודה על אשר לא "גירדה" את גבו המצפה ל"לטיפה"... את הדרך, חזרה למקומו, היה התלמיד צריך לעבור באותה צורה עצמה, בה הגיע אל שולחן ה"רבי". אוי ואבוי היה לילד, אשר פניו הביעו שימחה שניצל מעונשה של הרצועה. אז היה צריך "לטעום" מאחד העונשים, אשר עמדו לרשותו של ה"רבי" ואשר אותם היה מחלק "ביד נדיבה" למדיי.

"עמידה בפינה" — היה עונש קל ביותר לילד, אשר הסיח דעתו מן השיעור ולא ידע לענות היכן קוראים. "כריעה על הברכיים" — לילד שהרים יד על חברו. על פי רוב היה הרבי פוסק לשני הצדדים גם יחד, מנה שווה מעונש זה " למען חלילה לא יקופח מישהו מהם"... כך קרה, לא אחת, שארבע פינות החדר היו תפוסות על ידי כורעים. לעונש חמור יותר היה זוכה ילד, אשר איחר לבוא לכיתה או שלא חזר בזמן מן ההפסקה. במחסן הקטן, בו החזיקה אשת ה"רבי" תרנגולות לכבוד שבת, עמדה תיבה מלאה גרגרי תירס. על אחד הילדים הוטל להביא בקופסה מיספר חופנים תירס, אותו היה מפזר על הריצפה, "ריפוד" לברכיו של הכורע. אם האיחור חזר על עצמו מיספר פעמים, היה הילד המאחר מקבל עונש, שהיה מלווה טקס מיוחד במינו. לפי הוראת ה"רבי" היו מרכיבים את הילד על מגריפה, ממיטבחה של אשת ה"רבי"; היו משלשלים מכנסיו למטה, ואת זנב כותנתו מפשילים כלפי מעלה ומכסים את קודקדו. כל אחד מהתלמידים היה ניגש, לפי התור, ומצליף, בשבטים לחים, על אחוריו של הילד.

בוקר אחד העירה אותי אימא והזהירה אותי שלא אאחר ל"חדר", מכיוון שעליה ללכת לאן שהוא. הבטחתי ונרדמתי. אל "החדר" הגעתי באיחור רב. כאשר הצצתי מבעד חור המנעול וראיתי את הטקס שהכינו לכבודי, חזרתי על עקבותי וברחתי הבייתה, ולאימא הודעתי שלא אמשיך ללמוד אצל ה"רבי" הזה. לא הועילו דברי־שידול של אימא ואיומיו של אבא — אני בשלי: ל"חדר" זה לא אחזור!" גם תחנוניה של הדודה

רבקה, אשת הרבי — אותה חיבבנו מכיוון שהייתה "מגניבה" מדי־פעם, לילדי הכיתה דברי מתיקה — לא הועילו, לרכך את עקשנותי. בשבת אחר הצוהריים, הסתלקתי מהבית עוד בטרם הגיעו ה"רבי" ואשתו לביקורם הקבוע.

הסוף היה שגם ילדים אחרים הצטרפו לשביתה שלי. כאן מצאו מקום הורים אחדים, אשר לא השלימו עם שיטות הלמידה והעונשים ב"חדר", לרכוש נפשות להצעתם בדבר הבאת מורה מודרני, אשר ילמד ב"חדר מתוקן". המורה שהובא היה אברהם קוטיק, צעיר נעים־סבר, אשר רכש את ליבנו כבר בשיעור הראשון, בשיר שלימד אותנו ובספר הלימוד הגדוש סיפורים ותמונות. מורה זה שם את הדגש על צורת הכתיבה, ושעות ארוכות תירגלנו כתיבה יפה במחברת מיוחדת. אנו חיבבנו את המורה קוטיק ובאמת הצטערנו שהוא נאלץ לשוב למשפחתו לאחר עונת־לימודים אחת.

המורה היחיד, אשר השאיר את רישומו עליי ועל רבים מילדי העיירה, היה בלא ספק — נחמן פולישצ׳וק. זמן קצר בלבד, לאחר הגיעו לקאפרשט, הצליח פולישצוק לבסס לעצמו מעמד של כבוד והערכה בקרב מכרים והורים; ומה שחשוב יותר — בקרב תלמידיו. לא כל אחד זכה להתקבל ל"חדר המתוקן" של פולישצ׳וק; ואילו ההורים התברכו בעובדה שילדיהם נמסרו לידיים אמונות של מורה מעולה. אמנם קפדן היה האיש ומחמיר במשמעת, הן בכיתה והן מחוצה לה; אולם סגולה זו הוסיפה הרבה ליוקרתו. התלמידים העריכו אותו, למרות שהטיל מרותו בהם, על סבלנותו להסביר שוב ושוב סוגייה שלא כולם הבינו אותה; וכן על אשר הנהיג דין אחד ויחס שווה לכול, בלא משוא־פנים לבני עשירים (בניגוד למקובל).

פולישצ׳וק החדיר לתלמידיו יחס של חיבה וקנאות לעברית; ואם הנהגנו, שנים אחדות לאחר מכן, חובת דיבור עברית לחברי "פרחי־ציון", היה זה כתוצאה מהבסיס האיתן שרכשנו בשיעוריו של פולישצ׳וק. זכור לי שלמדנו מפיו: פרקי תנ"ך, סיפרות, דיקדוק ובעיקר — הכתבות וחיבורים. ההכתבות שלו הורכבו מתוך לקט של פיתגמים שהכילו מילים דומות בהיגוי. יש לציין, שרבים מתלמידי הכיתה ראו לעצמם אתגר לפצח את הדקויות הלשוניות אשר בהכתבות.

מה שנוגע לחיבורים — היה פולישצ׳וק מציע נושאים לבחירה, אולם היה משאיר אפשרות של כתיבת חיבורים כייד הדמיון הטובה על כל אחד. זכור לי, כי אחד החיבורים שלי נבדק על ידי פולישצ׳וק, תוך שיתופו של מורה שהתארח אצלו. כאשר הוחזר לי החיבור, מצאתי רישום בדיו אדומה: "לאחר עיון בחיבורך, נמנינו שנינו וסיכמנו לגמור עליך את ה"הלל" (הציונים אצל פולישצ׳וק היו מ־א׳ עד ה׳).

יש לציין שזכיתי ליחס מיוחד של מורי זה אליי, בגלל העניין שגיליתי ביסודות שפתנו ודיקדוקה. הורשיתי לבקר אצלו, כל־אימת שרציתי, וניתנה לי האפשרות לדפדף במילונים עבי־כרס. בביתו שררה אווירה של עברית וגם ילדיו, רוחמה ועמרם, היו מדברים עברית מגיל צעיר ביותר.


לא ברור לי אם פולישצ׳וק היה בקאפרשט בתקופת קיומו של ביה"ס "תרבות", או שכבר אז עבר אל העיירה סקורני, אשר שם היה — כך נדמה לי — מורה עוד בטרם בואו לעיירתנו. מתוך תצלומים, המובאים בספר זה, מתברר, כי מיספר תלמידים שלו, לשעבר, הצטלמו איתו בעת ביקורו בקאפרשט, לאחר שנים של העדרות ממנה. כן הצטלמו בחברתו האישים הפעילים, באותה תקופה, של התנועה הציונית בעיירה.

לדמותו של המורה נחמן פולישוק (נ. פלתי)

כאילן רב־פארות ורחב־צל, שצמח מתחתיו, גדל האיש בגן התרבות העברית. אוטו־דידאקט היה, ויד איש לא טיפלה בו. מתחתיו צמח ויעש פרי־הילולים. בקיאותו בים הסיפרות העברית העתיקה הייתה רבה, וידיו רב לו במיכמני הסיפרות החדשה, והכול לקח בקשתו. כינור לשוני נפלא היה לאיש, נימיו הוציאו מנגינות לשוניות נעימות.

לאחר יום־עבודה קשה, כמורה במוסדות חינוך אחדים ובשיעורים פרטיים, כמינהג מורה ישראל בגולה, היה מוצא לו את מנוחתו בצל ספרייתו הגדולה, יקרת־הערך. ספרים רבים קנה לו האיש במשך חייו הקצרים ובחיקם היה לן. ממש דברים כפשטותם. כל פעם שסרת לביתו הכפרי, שעמד בקצה העיר מוקף גן גדול, מצאת אותו כפוף על ספריו, ובכיבוד של חידוש לשוני היה מקבל את פניך. על אופן קריאתו המעמיקה יכלו להעיד שולי ספריו, אשר רובם ככולם היו מכוסים הערות שנונות ומבריקות. אבדו הן יחד עם הספרים שהלכו לטמיון. חבל על פניני הערות אלה שלא ראו אור.

כבן ארבעים שנה הלך האיש לעולמו ומיתת־נשיקה מת. חזק ועליז שב מעבודתו, שכב לרגע לנוח ולא קם עוד. בשקט הוציא את נפשו, כשבת־צחוק נעימה מרחפת על שפתיו. לפני הרעה שבאה על קהילת סקוריאן ועל בני ביתו נאסף האיש.



המורה נחמן פולישצ׳וק עם תלמידיו (ב״חדר״ מתוקן). **בשורה הקידמית:** יאסל שיכוורגר, בומה יוציס, יוסל בירשטיין, ישראל (איזראיל) ינוביץ, אליעזר סלשצ׳ן. **בשורה השניה:** אריה (לייב) מר, שמואל מר, חיים וייקמן, שוקה איבצ׳ר. **בשורה השלישית:** אלי טורבן, אהרון מר, הרצל הייסינר, לייב פרוימצ׳וק, אליעזר (לייזר) יוציס, משה ברויטמן, מרדכי (מוטל) פייארמן. **בשורה הרביעית:** יעקב סקלדמן (שומרוני), הרשל מטייביץ, איצל חרסונסקי, וועלוול חרקובר, הרשל פיינבוים. **בשורה האחרונה:** המורה נחמן פולישצ׳וק (פלתי).

באַריא יאַנאַוויטש

אין חדר ביים דרדקי-מלמד

שווער זיך צו דערמאָנען, מיט אַלע פּינקטלעכקייטן, דעם טאָג פון צוריק מיט 65 אָדער 66 יאָר, ווען די מאַמע האָט מיך געפירט, צום ערשטן מאָל, אין "חדר" אַריין צום דרדקי־מלמד. די זיכרונות פון יענער צייט זענען געבליבן בלאַס און שוואַך; אַלעס ווי דורך א חלום.

די בילדער, פון אמאָליקע צייטן, זענען בא מיר אויפגעפרישט געוואָרן דורך מיין שוועסטער־קינד מאָטל טאַרבאַן, דער אַפּטייקער פון קאַפּרעשט. זיינע עלטערן האָבן זיך געזעצט צווישן די גרינדער פון קאַפּרעשט, דאָרט איז ער אויך געבוירן געוואָרן (1882). ביים אויסברעכן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז מאָטל מיט זיינע צוויי זין, באַריא און אבראַשא, אכזריותדיק געהרגעט געוואָרן פון די דייטשע־רומענישע רוצחים; אויך זיין פרוי דיומא אין דעמולט אומגעקומען.

אין יאָר 1932, מיט דער געלעגנהייט וואָס מע האָט געפייערט מאָטל׳ס פופציק־יעריקן געבורטס־טאָג — האָט ער דערציילט פיל פרטים וויאַזוי ס׳האָט אויסגעזען דאָס חדר אין אונדזער שטעטל, אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

דאָס חדר, אין יענער צייט, האָט אויסגעזען פּינקט ווי דער יידישער פאָלקס־דיכטער מארק וואַרשאַווסקי האָט באַשריבן אין זיין באַקאַנטן פאָלקס־ליד "אין חדר":

"אויפן פּריפּעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז הייס;
און דער רבי מיט די קינדערלעך
לערנט אַלף־בית".

אַזוי האָבן יאָרנלאַנג געלערנט יידישע קינדערלעך אין א קליין, ענג צימערל, בא דעם אָרימען מלמד, וועלכער האָט פון שכר־לימוד קוים געהאָט וואַסער אויף קאַשע... ד׳אָס לערנצימערל האָט מען גערופן "חדר", דעם נעבעכדיקן מלמד — "רבי" און זיין פרוי — רביצן.

די רביצן, אנ׳אָנגעשטאָפּטע מיט אייגענע קינדערלעך, פלעגט זיצן אין א קליינעם קעך און דאָרט געקאָכט פּאַפּעשוינע קאַשע, קאַרטאָפלעס אָדער מאַמאַליגע. די חדר־קינדער פלעגן זיך אָפּט שפּילן אויפן דעם ערדענעם פאָל און דאָרט געמאַכט גריבאַלעך און בערגאַלעך. יעדן פרייטיק פלעגט די רביצן פאַרשמירן די גריבאַלעך מיט ליים געמישט מיט באַליגע, אַזוי אַז אויף שבת האָט דער פאָל אויסגעזען גלאַט און ריין. אָבער זונטיק, ווען די תלמידים זענען צוריקגעקומען אין חדר, איז אַלעס געוואָרן ווי פריער.

נעבן חדר איז געווען א קליינער הויף, ווו די קינדער פלעגן זיך שפּילן, אַרומלויפן, שרייען און זער אָפּט זיך צעשלאָגן ביז מע האָט דערהערט "דער רבי קומט"; דעמולט איז אַלעס געוואָרן שטיל און פיין, גלייך ס׳איז גאָרנישט געשען...

אין חדר זענען געשטאַנען צוויי לאַנגע, שמאָלע טישן מיט בענק, וועלכע האָבן אויסגעפולט דאָס צימערל אַזוי אַז ס׳איז קוים געווען מעגליך צו רירן זיך. אויבנאָן,

בא איין טיש, איז געזעסן דער רבי; ביים צווייטן — דער בעלפער. אין חדר האָבן געלערנט אסאך קינדערלעך, פון 3 ביז 5 יאָר, וועלכע זענען געווען איינגעטיילט אין גרופּן (כיתות). אין דער יינגסטער כיתה האָט מען געלערנט דעם אַלף־בית, אין דער צווייטער — "האלב טראָף"; די דריטע כיתה האָט געלערנט "גאנץ טראָף" און די עלטסטע פון זיי — "ציען די שורה", חומש און דאווענען.

עלטערן פלעגן גיבן לערנען זייערע קינדער דעם רבין נאָר אויף א האלב יאָר: מע רופט עס "זמן". איין "זמן" איז געווען פון נאָך פסח ביז צוויי וואָכן פאר ראש־השנה; און דער צווייטער "זמן" — פון נאָך סוכות ביז צוויי וואָכן פאר פסח. שכר־לימוד פלעגט מען צאָלן חודש־געלט. כאָטש אייניקע עלטערן האָבן נישט געצאָלט, פלעגט מען נישט אהיימשיקן דאָס קינד, כדי נישט עובר זיין אויף א "לאוו" פון בטל מאכן ידישע קינדער פון תורה.

איז דאָס יינגאלע אלט געוואָרן 3 אדער $3\frac{1}{2}$ יאָר, פלעגט אים דער פאָטער איינוויקלען אין א טלית און אים טראָגן אין חדר אריין, כדי ער זאָל אָנהויבן לערנען תורה. שוין אין ערשטן טאָג אין חדר, ווייזט אים דער רבי א טאָוול מיט "אלף־בית", געשריבן מיט גרויסע אותיות. די אותיות ש, ד, י, א, מ, ת ("שדי אמת") זענען געווען אָנגעשמירט מיט האָניק, א רמז אז די תורה איז האָניק־זיס. דער פרישער תלמיד זאָגט נאָך דעם רבין די נעמען פון די זעקס אותיות, לעקנדיק דעם האָניק פון זיי. דער טאטע, שטייענדיק הינטער אים, ווארפט אים אראפ צוקערלעך און גראָשנס און זאָגט: "זונדאלע מיינס, דאָס ווארפט דיר אראָפּ א גוטער מלאך פון הימל". אויך די קינדערלעך, פונעם חדר, פלעגן דעמולט באקומען זיסוואַרג; און די שימחה איז געווען גרויס בא ד׳ער געלעגנה׳יט וואָס דאָס קינד הויבט אָן צו גיין אין חדר אריין.

ווינטער, אין צייט פ׳ון בלאָטעס און שנייען, פלעגט דער בעלפער טראָגן צוויי, און אפילו דריי, קינדערלעך; און אונטער די אָרעמעס — אויך איינעס אָדער צוויי; חוצדעם האָט מען אים אָנגעהאנגען אויך עטלעכע טאָרבאלעך מיט עסנווארג, וואָס די מאמעס האָבן מיטגעגעבן אין חדר אריין.

מיט א טייטל אין דער האנט און מיט א קאנטשיק (א קורץ שטעקאלע מיט לאנגע רימעטלעך צום שמייסן) אויפן טיש — וועגן די שאלטיקעס וואָס שטערן ביים לערנען — פלעגט דער רבי איינחזערן, מיט יעדן קינד באזונדער, די גרויסע אותיות פונעם סידור. אין סוף פון ערשטן "זמן" האָט דער תלמיד שוין באדארפט קענען לייענען דעם גאנצן אַלף־בית.

דעם צווייטן "זמן" פלעגט דער תלמיד לערנען "קמץ אַלף" (דעם אַלף־בית מיט נקודות) אויף פאָלגענדן נוסח: "וואָס איז דאָס, יינגאלע?" "אַלף". — "און וואָס שטייט אונטער דער "אַלף"? — א קמץ! — "מאכט עס אינײנעם?... "קמץ אלף — או". אלע קינדערלעך פון דער כיתה פלעגן נאָכזאָגן: "קמץ אַלף — או, קמץ בית — בו א.א.וו.. דאָס האָט געהייסן "האלב טראָף".

דעם דריטן "זמן" האָט דער תלמיד געלערנט "גאנץ טראָף", דהיינו לייענען צוזאמענשטעלן אייניקע אותיות. צום סוף "זמן" האָט מען שוין באדארפט קענען "ציען די שורה".

דער פערטער "זמן" איז געווען געווידמעט צו לערנען "חומש" און דאווענען אין סידור. די ערשטע סידרה, וואָס מע פלעגט לערנען, איז געווען "ויקרא". לכבוד דעם געשעעניש, פלעגט מען שבת נאָכמיטאג איינאָרדנען א ספּעציעלע פייערונג בא די עלטערן אין שטוב, ווהין מע האָט איינגעלאַדן קרובים, געסט, דעם רבין און דעם קינדס חברים. מע האָט דאָס חומש־ייִנגאַלע ארויפגעשטעלט אויף א בענקל; אקעגן אים איז געשטאַנען א עלטער קינד, וועלכער האָט געשטעלט פראַגן דעם "חתן התורה" און באקומען תשובות לויט פאָלגענדן מאָדעל:

— "וואָס לערנסט דו, ייִנגאַלע?"
— "כ'האָב אָנגעהויבן לערנען חומש".
— "וואָס איז די טייטש "חומש?"
— "חומש איז טייטש פינעף".
— "וואָס פינעף? אפשר פינעף בייגאַלעך פאַר א קאָפּיקע?"
"ניין! דאָס זענען די פינעף ספרים פון דער הייליקער תורה".
— "וויאַזוי הייסן די פינעף ספרים?"
— "בראשית, שמות, ויקרא, במידבר, דברים"
— "וואָס פאַר א חומש לערנסטו?"
— "איך לערן חומש "ויקרא"".
— "וואָס איז טייטש "ויקרא"?
— ""ויקרא" איז טייטש: און ער האָט גערופן"?
— "ווער האָט גערופן? דער שמש האָט גערופן די ייִדן אין שיל אריין?"
— "ניין, גאָט האָט גערופן משה רבנו און אים איבערגעגעבן די מיצוות פון דער תורה".

דערדאָזיקער געשפּרעך פלעגט זער אויסנעמען בא די אָנוועזנדע און מע האָט שטורמיש אפּלאודירט. די קינדערלעך פלעגן באקומען האָניק־לייקעך ("כי לקח טוב נתתי לכם"), צוקערלעך און סיראָפּ. די עלטערע מענטשן האָבן זיך ארומגעזעצט דעם טיש און געפּראַוועט "שלוש סעודות"; מע האָט געגעסן טשאָלענט, קוגל און פאַר־טרינקען מיט בראָנפן, ווינטשענדיק "לחיים", אז דאָס קינד זאָל אויסוואַקסן א תלמיד־חכם.

חוץ חומש־לערנען, האָט מען ביים דרדקי־מלמד נאָך געלערנט "מודה אני" און די פיר קושיות פון דער "מה נשתנה"; פּרייטיק פלעגט מען לערנען "קידוש" מאַכן. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לערנען אין חדר ביים דרדקי־מלמד. אייגנטליך איז דאָ געלעגט געוואָרן דער ערשטער יסוד פון דער ייִדישער דערציִונג פון יענער צייט.

צוליב פאַרשידענע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות פלעגט א גרויסער טייל פון די ייִדישע קינדער זיך מוזן באַגנוגן מיט דעם וואָס זיי האָבן באוויזן צו לערנען ביים דרדקי־מלמד.

✡

לאה קולקר (פאליקס)

מוריי בקאפרשט

מכל מלמדיי השכלתי, אולם יותר למדתי מהוריי: מאבי זלמן פאליקס, אשר היה תלמיד־חכם, ירשתי את השאיפה לדעת כמוהו — גם אני אהבתי ללמוד.

מורים רבים היו לי. ניצלתי כל הזדמנות שניתנה לי וכל מורה תרם תרומתו לכל מה שאני יודעת היום. אני זוכרת לטובה את כל מוריי אבל במיוחד את שלושת מוריי הראשונים בקאפרשט לא אשכח עד יומי האחרון, ועליהם ארחיב את הדיבור.

בהיותי בת חמש, הייתי, לפי דעת אבי, די גדולה כדי לתחיל ללמוד. באותה עת התארגנו שלשה מורים והם: ליובה רוצמר, אלעזר צסיס ונוח סופר (בן השוחט) ופתחו כעין בית־ספר פרטי. ליובה־רוצמר לימדה רוסית, צסיס לימד את השפה העברית ותנ"ך ונוח סופר — חשבון.

מכל שלושת המורים, המורה צסיס הצטיין במיוחד בכישוריו הפדגוגיים. אם עוד כיום, תלמידיו הרבים של המורה צסיס שולטים בשפה העברית, זה רק הודות למורה זה.

כאשר עברה משפחתי לאודיסה, פגשתי שם את צסיס. הוא אז למד בסמינריון למורים של רבניצקי. גם באודיסה המשיך צסיס ללמד אותי והכין אותי לבחינות־כניסה לגימנסיה העברית שם. עם כניסת הרומנים לביסאראביה, חזר צסיס הביתה. כאשר חזרה משפחתי מאודיסה מצאתי את צסיס כמורה בגימנסיה העברית בבאלץ שם למדתי.

בסוף שנות השלושים, עלה צסיס לארץ. כשעליתי אני ארצה מצאתי את צסיס מנהל בית־ספר בטבעון וחידשנו קשר־ידידות איתו. קשר זה נמשך עד יומו האחרון, הוא נפטר לפני כ־15 שנים.

את ליובה רוצמר ונוח סופר לא פגשתי עוד. את ליובה אני זוכרת בבהירות רבה, כאישה חכמה, נמרצת שנונה, ומחייכת תמיד ומשרה רוח טובה על תלמידיה.

אם מישהו ממוריי עודנו בחיים, אני מאחלת לו אריכות־ימים עד 120, ואם לאוו יהייה זיכרם ברוך לעולמים.

גימנסיה למכירה...

על גורלה של הגימנסיה העברית "תרבות", אשר קיומה בקאפרשט ארך שנה אחת בלבד (1919), אנו מוצאים בספר "מארקולשטי" (בעמ' 216), ברשימתו של ל י י ב ק ו פ ר ש ט י י ן.

— — — התנועה להקמת גימנסיות עבריות הקיפה את כל ביסאראביה, ובין היתר גם ביישובי האיזור: בבאלצי, בסורוקה, בקאפרשטי ובטאלאנאשטי. ניתן אפילו לומר, כי התנועה להקמת גימנסיות קדמה להקמת בתי־ספר עממיים — — —

— — — בקאפרשטי הקרובה הוקמה אומנם גימנסיה עברית על ידי קבוצת ציונים במקום. המנהל — אחד פולינקובסקי — הוא שהביא את כל הציוד למקום. סודרו רהיטים, ספסלי בית־ספר מיוחדים ("פארטי" — ברוסית), לוחות, סיפרייה, מפות ואפילו גלובוסים ומכשירי פיסיקה וכימיה. אך חיש מהר נוכחו לדעת כי ההשקעה הייתה לשווא וכי אין היענות מספיקה מצד ההורים, או שמא לא הספיק הכוח או הכושר האירגוני. כך או כך, עם כל ההתארגנות המדוקדקת עמד אותו פולינקובסקי לפני שוקת רעועה, ואז גילה בקבוצה המתארגנת במארקולשטי קופצים על מציאה זו. השמועה ידעה לספר בעיירה, כי הקבוצה היוזמת רכשה את הגימנסיה, על האינבנטר שלה, ובעיקר — הרשיון הרישמי הממשלתי לקיומה המוכרז והחוקי של הגימנסיה. בכך, אמרו אז, הערימו על השילטונות

ולא נזקקו לרשיון מיוחד; שכן משמעות הקנייה והרכישה היא שמעבירים רק את הגימנסיה ממקום למקום — מקאפרשטי למארקולשטי. הקונים הנלהבים, נציגי הוועד, אר'זו את כל הכבודה הזאת והביאוה בעגלות לעיירה — — — אכן נוצל השם קאפרשטי לשם השגת רשיון להקמת הגימנסיה במארקולשטי. — — —

מרדכי רישפי (פייארמן)

גולים למקום-תורה

א. הרפתקה בבוץ

משנסגרה בקאפרשט הגימנסיה "תרבות", "נתפרדה החבילה" — ילדים נשלחו ללמוד לבתי־ספר בערים אחרות, לפי שיקולים שונים; אחד מהם הייתה עובדת הימצאם של קרובי־משפחה, אצלם יוכל התלמיד להתאכסן. בסופו של דבר, הרי מדובר בילדים בגיל 10—11 שנה בלבד.

ובכן, מכיוון שאחד מבני משפחתו של אבא התגורר בסורוקה, הוחלט כי אסע ללמוד בעיר זו. מה טיבו של בית־הספר, בו אני עתיד ללמוד — על כך היו צריכים להחליט מאוחיי, בהתחשב עם המרחק עד בית־הספר, רק לאחר שאגיע העירה ימים מיספר לפני פתיחת שנת־הלימודים.

היה זה יום לאחר ראש־השנה. בשעה מוקדמת בבוקר נעצרה, לייד ביתנו, עגלה רתומה לשני סוסים ובה כבר היו ישובות שתי נערות (אחת מהן, נדמה לי, ממשפחת סלשטשן) עטופות גלימות גדולות ומיטפחות־ראש מסתירות את פניהן. בין הבחורים היו משה הויכמן ואהרון קייסרמן. האחד מצוייד במשולש גדול וסרגל־שירטוט, ואילו השני החזיק בזרועותיו נרתיק ובו כינור.

בינתיים קדרו פני השמיים והתחיל לרדת גשם, אשר גבר והלך ככל שהתקדמנו. אנו ישבנו בלא להוציא הגה, מכורבלים בגלימות וצפינו בעצב אל גבו של העגלון. הוא הצליף בלא־הרף בסוסיו, אולם ללא הועיל; מכיוון שבוץ שחור דבק בגלגלי־העגלה וזו התנהלה לאיטה למרות צעקותיו וקללותיו של העגלון.

במעלה־ההר, סמוך לסורוקה, ירדנו מן העגלה כדי להקל את המשא וכדי "לתת כתף". סוף סוף הגענו לראש־ההר ושם נתגלו לעינינו אורות מנצנצים מתוך הערפל הסמיך, אשר כיסה את נהר הדנייסטר וסביבותיו.

— "ברוך השם, אנו מתקרבים לעיר סורוקה" — אמר העגלון. מלאי־שימחה טיפסנו ועלינו לעגלה, וכבר ראיתי בעיני־רוחי את כניסתי לתוך בית חם ושטוף־אורה, שם אוכל לסעוד ולהתפרקד במיטה לאחר שניטלטלנו מרחק של 50 ק"מ במשך 8 שעות ארוכות.

פתאום, לא ידוע איך וכיצד, כאשר העגלון רצה לנטות הצידה כדי למנוע התנגשות בכרכרה רתומה לשלושה סוסים, התהפכה העגלה שלנו ואנו נפלנו לתוך עיסה של בוץ דליל. נשארנו מוטלים בבוץ, בלא יכולת לזוז, עד שהעגלון — היחיד שהצליח לקפוץ בעוד־מועד מן העגלה — הושיט יד לכל אחד מאיתנו, עזר לקום והוליך אותנו אל מקום גבוה, הרחק מהביצה הטובענית.

לא ברור מהיכן צצו והופיעו שני ברנשים נושאי־פנסים, אשר היציעו עזרתם. הם הזמינו אותנו לבוא איתם לבית של ידידים. תוך כדי הליכה, נזכר כל אחד בחפציו: האחד חיפש את כינורו, השני — את לוח־השירטוט והאחרים — את המיזוודות. — "הכול יהייה בסדר! על אחריותנו!" — אמרו האנשים, אשר נראו לנו, אותה שעה, כמלאכי־שמיים. אולם כאשר נתכנסנו לתוך חדר גדול וריק, נתברר לנו כי נפלנו מן הפחת אל הפח. האנשים הריקו את כיסינו, לקחו לעצמם את השעונים, המיזוודות והגלימות. למען

האמת, הם עזרו להקים את העגלה, נתנו יד להעלות אותנו לעגלה וציוו על העגלון שיסתלק העירה והיה אם יספר משהו — אוי ואבוי לחייו...

כאשר היגענו לבית־המלון והיבטנו איש בפני רעהו פרצנו בצחוק, אשר לשימעו נתכנסו עובדי־המלון והצטרפו אף הם לצחוק. במשך השנים הבאות, משנפגשנו, המשתתפים בנסיעה זו, היינו מתארים את מראהו המגוחך של כל אחד מאיתנו. גם אילו היינו רוצים להתחפש כך לפורים, לא היינו מצליחים לחלק בצורה כה מדוייקת את הפנים למחצית שחורה ומחציתה השנייה — לבנה...

ב. הרפתקה בשלג

אחת הבעיות שהעסיקו את התלמידים מקאפרשט, אשר למדו בעיר גדולה הרחק מהבית, הייתה בלא־ספק הבעייה: כיצד לנסוע הבייתה לחופשת חג־המולד בלא להפסיד ימים בחיפוש אמצעי־תחבורה? לנסוע ברכבת — לא בא בחשבון, מכיוון שיום־שלג אחד די בו כדי להפסיק את תנועת הרכבות ברומניה; ולהיתקע באמצע הדרך, בקרון לא־מוסק, נראה כ״תענוג״ שאין בו להרנין לב במיוחד...

ובכן, מה לעשות כדי להגיע בהקדם הבייתה? אנו, הקאפרשטאים, שלמדנו בקישינוב, סידרנו בינגו תורנות, ומדי יום ביומו אחרי הלימודים, היינו הולכים זוגות־זוגות אל בתי־המלון והאכסניות, בהם היו נוהגים סוחרים מקאפרשט להתאכסן. בדרך כלל היה כל בעל־עסקים, אשר מכר מתוצרתו או ערך קניות — נוהג להתאכסן בקביעות באותו המלון עצמו. אבל לך נחש: מי יבוא דווקא בשבוע זה, שעה שאנו כה זקוקים להסעה הבייתה?

מלומדי־ניסיון מאשתקד, אז פרצנו בבכי משנודע לנו כי רבע שעה לפני בואנו לאכסניה, נסע לקאפרשט אחד העגלונים כשעגלתו ריקה לגמרי, נקטנו השנה בשיטה שונה. כתבנו אל הורינו וביקשנו שהם יסדירו את העניין בעיירה. ואומנם קיבלנו הודעה כי ביום פלוני נהייה מוכנים, עם כל המיטלטלין שלנו, כדי שברל ״זיצער״ (כינוי לתגרן היושב בשוק ומוכר שם מרכולתו) לא ייאלץ לחכות. ברל היה מוכר פירות וירקות וגם דגים לשבת. את הדגים — חיים בקיץ וקפואים בחורף — היה ברל מוביל ב״פורגון״ שלו (״פורגון״ זוהי עגלה בעלת דפנות נמוכים וגלגלים גבוהים — מיועדת להובלת משאות). בהתאם למוסכם איתו, היה החלק האחורי של ה״פורגון״ עמוס דגים קפואים, ואילו החלק הקידמי פנוי להולכת התלמידים.

מכיוון שאנו שלושתנו, אחותי בטי, אחי ישראל ואני, היינו חמישים אחוז מהנוסעים, היגיע ברל אל מקום מגורינו ואנו הדרכנו אותו כיצד להגיע אל השאר. בטרם יצאנו את העיר, התחיל לרדת שלג, ומה שגרוע יותר — כומר הצה את הרחוב. ״כאשר כומר חולף על פניך — טוען ברל — סימן רע הוא — לכל הדיעות״. אומנם ברל הזדרז וזרק לעברו של הכומר קנה־קש — סגולה לביטול הגזירה, אבל התחושה שלו הייתה כי היום ״לא יילך לו״.

כעבור מחצית השעה, נוכחנו לדעת כי תחושתו של ברל לא הטעתה אותו. בכביש הפונה לאוריוו, נשבר פתאום הציר הקדמי של ה״פורגון״; כהרף־עין הספקנו לראות כיצד הגלגל ממשיך להתגלגל קדימה ובן־רגע היינו זרוקים לתוך ערימת־השלג העמוקה, אשר לאורך הכביש. עומד לו ברל, בודק את העגלה הנוטה על צידה, מוודא אם הדגים לא התפזרו ומגרד את פדחתו: ״עסק ביש, הייתה לי הרגשה בלב כי משהו יקרה היום!״ ״מזל שאיש לא נפגע. אילו חלילה הפורגון היה מתהפך או מתגלגל מהכביש היה קורה אסון. צריך יהייה בשבת לברך ״ברכת הגומל״.

בין כה וכה צריך לארגן את העניינים. הוא עזר לי, שהייתי המבוגר מבין הילדים, לסדר את הנוסעים הקטנים בצורה הנוחה ביותר, בתנאים הנתונים. סידרנו את הארגזים בצורה "חית"; השמיכות, שנשלחו על ידי ההורים, שימשו כיסוי ומחסה מהרוח למען ייחם להם. ברל עצמו התיר את אחד מסוסיו, השאיר לי הוראות כיצד לשמור על הרכוש ועל הילדים, ורכב אל אוריוו הקרובה כדי להביא עגלה להעברת הנוסעים לתעודתם. בייחוד חשוב היה לו שמיטען־הדגים יגיע לעיירה בעוד־מועד, לפני יום השוק שיחול מחר. עקרות הבית כבר מצפות בכליון־עיניים לקניית הדגים לכבוד שבת...

האמת ניתנה להיאמר: מצבי לא היה ראוי לקינאה... כדי להשגיח על העגלה ועל הילדים כאחד, היה עליי לעמוד על הכביש, ואילו שם נשבה הרוח מכל הצדדים, רוח קרה וצובטת באף ובלחיים. מדי פעם הייתי משקיע עצמי בתוך ערימת־השלג העמוקה שלאורך הכביש, אבל קריאותיו של ילד זה או אחר כי קר לו — הוציאו אותי מתוך המחבוא הארעי. בשעת הצוהריים הופיעה מוחלת ובה שני יהודים מאחד הכפרים הסמוכים. הם הביעו נכונות לקחת איתם את אחותי והילדה השנייה, למען לא יקפאו כאן מקור. מרוב שימחה שהילדות יימצאו במקום־מיבטחים — שכחתי לשאול את האנשים לשמותיהם ולאיזה כפר יוסעו הילדות. כאשר נזכרתי בטעותי, כבר נמצאה המוחלת הרחק מאיתנו.

כעבור שעה קלה נלקחו שני הילדים האחרים לכפר הקרוב ומייד, לאחר מכן, נסע גם ישראל אחי ואילו אני נותרתי לשמור על הרכוש. כבר נטו דמדומי־ערב כאשר חזר ברל ואיתו עגלון עם "פורגון" דומה לשלו. הם קשרו את הפורגון הפגוע אל השלם, כשהצד מחוסר־הגלגל נתמך במוט. אני עזרתי להעמיס את השמיכות והארגזים, גם הגלגל ה"סורר" הועמס, וכל הכבודה זזה בשעה טובה ומוצלחת...

היגענו אל פונדק־הדרכים של יואל מצינצרן, לאחר שבדרך פקדה אותנו סופת־שלג עזה. אפילו ברל וחברו, שניהם עגלונים מנוסים ביותר, תעו בדרך ורק לאחר שהניחו לסוסים כי יובילו לפי חושיהם, הצלחנו להגיע לפונדק.

מדי שעה שחלפה גבו"ה סופת־השלג ומדי־פעם דפקו על הדלת. היו אלו עוברי־אורח, אשר תעו בדרך והיגיעו לפונדק חצי־קפואים, עייפים ורעבים. יואל, בעל האכסניה, קיבל את כולם בסבר פנים יפות, עזר לפשוט את הגלימות העמוסות שלג, והוסיף עצים לשני התנורים. — "אם סוחרים ועגלונים אלו, אשר זו להם הפעם המי־יודע־כמה לעבור בדרך זו — לא יכלו למצוא את הדרך — משמע שהגיהינום עצמו השתלט על העולם".

— "רב יואל — אומר אחד הסוחרים — אם זכיתי וניצלתי ממוות בטוח — הבה ונחגוג כיד־המלך. אני תו"ם מחצית הדלי שמן־חמגיות מן הסוג המשובח ביותר".

— "ואני — אומר שני — תורם ארגז מלא דגים, ואם לא יספיק — אוסיף כהנה וכהנה". מייד קפץ שלישי והביא חביונת יין "אקסטרא", ורביעי — הביא נקניק, "מארץ הנקניקים". רב יואל, אשתו ובתו הפשילו שרוולים; גם האורחים לא טמנו ידם בצלחת; וכעבור שעה קלה נערכה כרה רבתי, אליה צירפו גם אותי, תוך שהם מלגלגים עליי שמסתפק אני בכוסית יין "מיסכנה"...

הסעודה נמשכה עד מאוחר בלילה, עד שכולם נרדמו באשר מצאו מקום להשעין את הראש. למחרת בבוקר שככה הסערה והאורחים התפזרו ונסעו כל אחד למחוז חפצו.

כאשר התקרבנו אל עיירתנו, ראיתי מרחוק את סוסתנו הלבנה כשהיא מתקרבת נכחנו. במזחלת שלנו ישבו אבא ודודי, אשר "לא עצמו עין כל הלילה מדאגה", ומייד בשוך סופת־השלג יצאו לחפש את הילדים הנעדרים. שימחת־הפגישה נמהלת בעצב ותמיהה שלא ידעתי לאן נסעו אחי, אחותי ושאר הילדים. למזלנו, לא הרחקנו לנסוע. בצומת־הדרכים הראשונה פגשנו את העגלות, אשר החזירו את הילדים האובדים.

מעניין, גם שנים לאחר אירוע זה, היה ברל זיצר, כל פעם שנפגשנו, מפליג בתיאורים מסמרי־שערות על מה שעבר עלינו באותה נסיעה: כיצד ניצלנו מלהקת זאבים, מבור עמוק ומשדים ורוחות. מה שהציל אותנו היה אותו הקמע, אשר קיבל מידיו של הרבי רב משה־דווידל זכר צדיק לברכה.



חיי חברה ותרבות
דאס געזעלשאפטלעכע
און קולטורעלע לעבן

ד״ר ניוקע פידעלמאן

שילן אין קאפרעשט

די אלטע שיל

א וויכטיקע דאגה פון די קאפרעשטער איז געווען צו שאפן א מקום קדוש צו דאווענען. אזויווי ס'איז נאָך נישט געווען קיין באָדן און נישט קיין געלד, האָט מען געדונגען א שטוב פון 2 צימער: איינס פאר מענער, דאָס צווייטע — פאר פרויען. דער אריינגאנג אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג איז געווען דורך דער מענערשער. שוין דעם ערשטן שבת האָט אויסגעבראָכן א קריגעריי. די פרויען זענען געקומען אין שיל ערשט נאָך דעם, ווי זיי האָבן פארזאָרגט די קינדערלעך און אוועקגעטריבן די ציגן אין טשערעדע. ווי־אזוי־זשע גייט א פרוי דורך דער מענער־אָפּטיילונג און זוכט נישט אָפּ איר מאן, כדי צו דערציילן אים נייעסן און חכמעלעך פון די קינדער? פרומע יידן, וועלכע זענען געשטערט געוואָרן ביי מוסף־דאווענען, האָבן זיך אויפגערעגט און געפּאָדערט אז די פרויען זאָלן נישט שטערן און גלייך אריינגיין אין עזרת־הנשים. ס'איז באלד אנטשטאנען א טומעל, אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען מענער און פרויען, און וועלכער פלעגט זיך איבערחאזרן כימעט יעדן שבת. גרויסע צאנקערייען פלעגן פאָרקומען אויך ווען קאפרעשטער פלעגן מכבד זיין זייערע געסט און זיי אוועקזעצן אויף פרעמדע פלעצער. די באעוולעטע אָרטיקע פלעגן פּראָטעסטירן און די געשרייען האָבן דערגרייכט ביזן זיבעטן הימל.

אין דער ווירקליכקייט, האָט זיך די באפעלקערונג פון שטעטל פארגרעסערט און די 2 צימעלעך זענען געוואָרן צו ענג פאר די מתפללים. באזונדערס, ווען קינדערלעך פלעגן זיך אמפערן און ארומלויפן, פון צימער או צימער, איז ממש געווען אומעגליך צו דאווענען. אין איינעם א שבת־צונאכטס, ביי שלוש־סעודות, האָט מען ארומגעשמועסט דעם עניין און באשלאָסן, אז מע מוז בויען א מקום־קדוש. ערשטנס, דאַרף די שיל געבויעט ווערן נישט פון קיין פריקעס באדעקט מיט ליים, נאָר ממש פון שטיינער; כדי אויסצומיידן דאָס רייסן פריקעס כון די ווענט, שמחת־תורה, ווען מע צושלאָגט זיך איבערן כבוד אָנצופירן מיט די הקפות. צווייטנס, זאָל דאָס מקום־קדוש באשטיין פון 2 שטאָקן מיט 2 באזונדערע אריינגאנגען. צוויי פענצטערלעך זאָלן ארויסקוקן פון דער ווייבערשער אין דער מענעשער אָפּטיילונג, כדי די ווייבער זאָלן הערן דעם חזן, וויסן ווען צו שטיין שמונה־עשרה א.א.וו.

מילא, וואס אנבאלאנגט באָדן האָט מען קיין באזונדערע שוועריקייטן נישט געטראָפן; דער פריץ דעמי האָט זיך מיט יראת־כבוד באצויגן צום פאָרשלאג וועגן שענקן א שטיקל באָדן צו בויען א שיל. אָבער ווו נעמט מען געלט? נעמענדיק אין אכט, אז דאָס פלאץ פאר דער שיל איז באשטימט געוואָרן אין צענטער, צווישן חווה ביינישעס און סאָסיע יוציס, האָבן די צוויי שכנות מיט פיל פרייד געגעבן די ערשטע שפענדע, און פארשפראָכן נאָך מיטצוהעלפן אויב דער אנדערער טייל פון דער באפעל־קערונג וועט זיך אויך ווארעם אָפּרופן.

ביים צוזאמענשטעלן דאס צעטל, פון די שפענדעס, איז אנטשטאנען א מחלוקת וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע מאָנאט. די אָרעמע טייל פון דער באפעלקערונג האָט געטענהעט, אז די פארמעגלעכע זאָלן דעקן אלע הוצאות פון בויען די שיל... "איר האָט דאָך דעם עולם הזה (די וועלט), גיט־זשע געלט אויף דער שיל, וועט איר האָבן אויך דעם "עולם הבא" (יענע וועלט). מיר, קבצנים, ביים לעבן זענען מיר טיף אין דער אדמה און נאָכן שטארבן אוואדע און אוואדע אין דער אדמה; מיר בייטן נאָר דאָס געלעגער".

דאגעגן, האָבן די רייכע געטענה׳עט, אז אָרעם און רייך זאָלן זיך באטייליגן גלייך אויף גלייך. צוערשט איז די מחלוקת געווען א געלאסענע, מיט ווערטאלעך און וויצן; אָבער, מיט דער צייט, איז געוואָרן ערנסטער און שארפער. ביז צום פארענדיקן דאס צעטל, האָט מען דערווייל מסכים געווען צו לעגן דעם פונדאמענט פון דער שיל. וויאזוי זאָל מען נישט מסכים זיין, ווען די גוטע סאָסיע מיט דער הארציקער ביינעשקע האָבן צוגעגרייט אכילה און שתייה כיד המלך. אמת, קיין געבראָטענע קאטשקעס מיט געגנדזענע פאסטראמע זענען נישט געווען. אָבער הערינגעס, זויער־קרויט מיט אוגערקעס — וויפל מ׳האָט געוואָלט. און דער עיקר, וויין מיט בראָנפן. ווייל נישט אָפט לעגט מען דאָך א פונדאמענט פון א שיל. און דאָך, ווער ווייסט צי וואָלט מען אמאָל ארויס־געענדיקט די שיל, ווען נישט די הילף פון אברהמעלע גרינבערג — א רייכער ייד פון קעשענעוו.

אלטער שרייבער האָט צו אים געשריבן א בקשה, און אויפן גרונד פון דער בקשה איז אראָפּגעקומען א קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם עניין אויפן פלאץ. ס׳איז באשטימט געוואָרן צו שטיצן דאָס בויען פון דער שיל מיט 50% פון די הוצאות, און דאָס איבעריקע זאָל ווערן איינקאסירט פון די קאפרעשטער גבירים. נעמענדיק אין באטראכט, או נישט אלע פארמעגלעכע האָבן געשפענדעט — האט מען געמוזט זיך באגנוגן מיט אויסבויען די שיל קלענער און שמעלער. ביי דער חנוכת הבית האָט מען זיך זער משמח געווען מיט עסן און מיט טרינקען. אין עטלעכע יאָר ארום, האָט מען די אלטע שיל געמוזט צוווארפן און אויסגעבויעט א גרויסע, גראָמע נייע שיל, וועלכע איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען "די גרויסע שיל"...

☆

די ערשטע שמחת תורה אין דער גרויסער שיל

ווען סאיז געקומען שמחת־תורה, האָט מען געפירט דעם גבאי, יצחק בערנשטיין, פון דערהיים אין שיל אריין. אין שפיץ פון דעם גבאי׳ס באגלייטערס, זענען געגאנגען וועלוועל בעקער מיט זיין יינגסטן זון נחום, און געטראָגן מיט שטאָלץ א גרויסן קאבאק אָנגעשטעקט אויף א שטעקן. אין דעם אויסגעלידיקטן קאבאק האָט מען אריינגעלעגט שמאטעס, איינגעגעצטע מיט קעראָסין, און דער פלאָם האָט באלויכטן די פינצערקייט פון דער נאכט. פאָרויס זענען אויך געגאנגען יידן, וועלכע האָבן געטראָגן א באָטל (אזא גרויסע פלאש), וויין מיט גלעזער. נאָכן גבאי זענען געגאנגען דערוואקסענע און אויך קינדער, וועלכע האָבן געזינגען און געטאנצט אויסשרייענדיק יעדעס מאָל: "זאָל לעבן אונדזער גבאי!" אָבער, דערנענטערנדיק זיך צו דער שיל, האָבן געגנערס פון גבאי אים אויפגענומען מיט זידלערייען. ס׳איז אויסגעבראָכן א געשלעג צווישן די צוויי מחנות. די ערשטע געליטענע זענען געווען די ווענטלעך פון חווה דער ביינושקעס

שטיבאלע. די קעמפער פוןביידע צדדים האָבן געריסן פלעקער פון שטיבל, נישט לייגענדיק קיין אכט אויף דער ביינישקעס וויי־געשרייען: ״גזלנים, וואָס האָט איר צו מיין אָרעם, בידנע שטיבאלע?״.

דער טומעל איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען די ווייבער פון ביידע צדדים האָבן געזוכט זייערע מענער אין דער פינצטער, רופנדיק זייערע גענומען: משה, בערל, יענקל, אוי וויי איז מיר, ווו זענט איר? אזוי האט מען זיך געשלאָגן און געוואלגערט זיך אויף דער ערד, ביז די זקנים פון דער שיל זענען ארויס מיט אָנגעצינדענע ליכט און געשריגן: ״ס׳איז חילול־השם. דעם ערשטן שמחת־תורה, אין אונדזער נייער שיל, מאכט איר לייטיש געלעכטער?״. דאן איז דער עולם אריין אין שיל. ערשט דאָ האָבן די ווייבער געקענט זען וויאזוי זייערע מענער זענען צעבלוטיקטע, צעשלאָגענע, מיט צעריסענע מלבושים ווי נאָך א פאָגראָם. די געוואלדן זענען געגאנגען ביז אונטערן הימל.

דאָ האָט דער גאבאי, א ייד א תקיף, א שטאָלצער גביר, א קלאפ געטאן אויפן טיש פון בעלעמער און אויסגעשריגן: ״זאָל זיין שטיל! ״מע באדארף גיין צו די הקפות!״ ערשט איצט איז געוואָרן א נייער געפילדער; אייניקע זענען פאר דעם, אז דער גבאי זאָל אָנפירן מיט די הקפות, און אנדערע זענען געווען געגן. די זקנים האָבן געמאכט א פשרה: דער גבאי, אליין א ווייגשענקער, זאָל שיקן נאָך וויין פארן גאנצן עולם, אז ס׳זאל זיין כייד־המלך; און מיטן טרינקען ״לחיים״ וועט מען זיך איבערבעטן. נישקשה, מיט די הקפות קען מען גיין אויך שפעטער!״

געזאָגט און געטאָן. מע האָט געשטעלט די באָטלס אויף די טישן, דערצו געבראכט הערינג און פארשיידענע צובייסעכצער. נאָך א ברייטן ״לחיים״, האָבן די, וועלכע ערשט צוריק מיט א פאָר שעה, האָבן זיך געריסן ביי די נעז; ערשט זיך געוואלגערט אינדרויסן נעבן דער ביינישקע — שטייען איצט אין שיל, מיט די גלייזער וויין אין די הענט, טאקע צעדראָפעטע, מיט צעריסענע קליידער, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען; זיי שמועסן צווישן זיך, שפאסן, לאכן, ווי אמתע באקאנטע, נאָענטע גוטע ברידער און פריינט. אויך די ווייבער, וועלכע האָבן ערשט נישט לאנג געזידלט, געשאָלטן מיט ביטערע קללות און אויסגעווארפן זיך, איינע דער אנדערער, ״וואָס אין דער קאָרט״, שטייען זיי איצט, שמועסן פריינטליך און באשולדיקן די מענער: ״אינגאנצן זענען די מענער שולדיק; און אויך נישט אזוי זיי אליין, ווי דער שטארקער פרימאָיע וויין!״ אלזאָ, די קאפרעשטער יידן האָבן די נאכט זיך משמח געווען, געזינגען, געטאנצט. ביי די הקפות האָט מען צוגעדריקט די ספרי־תורה צו זיך און אויסגעשריגן: ״אוי, איז די תורה אונדזערע זיס!!

☆

״מאיאָרקע״

נעבן קאפרעשט איז געווען א דאָרף מיטן נאָמען ״פראָדאנעשט״. די איינוווינער זענען געווען אוקראאינער, אָבער מע פלעגט זיי רופן ״די פוילישע גויים״ (כאכלאצקע). זיי האָבן געהערט, אז ביי יידן איז געווען א צדיק ״רבי מאיר בעל־הנס״, וועלכער פלעגט באווייזן גרויסע ניסים. די גויים האָבן אים גערופן ״מאיאָרקע״. איז ביי איינעם פארפאלן געוואָרן א פערד, א קו, א ציג, איז געגוג געווען צו שפענדן געלט אויף ״מאיאָרקע״ —

קומט פאַר א ווונדער: די פאַרפאַלענע, אָדער צוגעגנבעטע, בהמה קומט צוריק א היים. וויאַזוי שפּענדעט מען אויף מאַיאַרקע? די פויערים פלעגן קומען צום שמש פון דער שיל, רב שמואל, גיין מיט אים אין שיל אריין און דאָרט פלעגט דער שמש אויפמאַכן דאָס דעקל פונעם "עמוד", ווו דער חזן שטייט ביים דאַווענען, און דער פויער פלעגט אריינוואַרפן א מטבע — אמווייניקסטן א רובל. רייכע האָבן אריינגעוואָרפן אין עמוד נאָך מערער.

אַנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס ביי א פויער האָט מען צוגעגנבעט א הונט. איז ער אוועקגעלאָפן צו שמואל שמש, אריינגעוואָרפן דעם נדר אין עמוד. ווי סע פּאַריט אָפט, אז א הונט קומט צוריק צום פּאַריקן באַלעבאָס, אין דער הונט, טאַקע נאָך צוויי וואָכן, צוריקגעקומען אהיים צום פויער. די געשיכטע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין דאָרף און אין די ארומיקע דערפער, אזוי אז דער שמש איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען "מאַיאַרקע".

☆

די גרויסע שיל און אנדערע

נעמענדיק אין אכט, אז די גרויסע שיל איז אויפגעבויעט געוואָרן מיט זער באַשיידענע מיטלען, און מיט גאָר שוואַכע מאַטעריאַלן, איז נישט קיין ווונדער, אז די סטעליע און וואַנט זענען פּשוט איינגעפאַלן. דער פאַקט, אז דאָס איז געשען ביינאַכט און קיינער איז נישט געטראָפן געוואָרן, איז אויסגעטייטשט געוואָרן אלס א גרויסער נס. האָט מען געמאַכט אַנ׳ אספה און באַשלאָסן צו בויען א נייע שיל. ביי דער געלעגנהייט, האָבן זיך אָפּגעשפּאַלטן צוויי גרופּן: אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געבויט פאַר זיך א "דייטשישע קלויז" און חסידים, וועלכע האָבן גערופן זייער באַזונדערע שיל — "די חסידישע שיל".

די בעלי־מלאכות און קליינהענדלער וואָלטן קיינמאָל צו קיין שיל נישט געקומען, ווען נישט די אונערמידלעכע, איבערגעגעבענע טעטיקייט פון רב מאיר קופּערשטיין. געשטאַמט האָט ער פונם שטעטל וואָד־ראַשקאָוו. געווען איז ער דאָרט א קאָוואַל, קומענדיק קיין קאַפּרעשט איז ער געוואָרן א תבואה־הענדלער, רייך געוואָרן און זיך פאַרנומען אויך מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז געווען א בן־תורה און נאָך דער ארבייט פלעגט ער זיצן אין א בית־מדרש, צוזאַמען מיט אנדערע ייִדן, און לערנען א בלאַט גמרא מיט תוספות. רב מאיר איז געווען דער איינציקער וועלכער האָט בייגעשטייערט צום אויפבויען די נייע שיל און געהאָלפן מיט געלט און צייט. לויט זיין פאַרשלאַג, האָט מען זיך געווענדעט צו אברהמעלע גרינבערג, פון קעשענעוו, און צום באַראָן גינזבורג — פון פּעטערבורג. נאָך א שטרענגן קאָנטראָל פון די נדבנים, וועלכער האָט געדויערט א פּאָר יאָר, האָבן זיי געשיקט שטיצע ווען אויפבויען די שיל. אַדאַנק זיי, און א דאַנק דער וואַרעמער באַשטייערונג פון די מתפּללים, איז די שיל אויפגעבויעט געוואָרן אין משך פון 6 יאָר.

קאַפּרעשטער פּשוטע ייִדן זענען געווען שטאָלץ מיט זייער שיל און זיך באַרימט, אז זייער "מקום־קודש" איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי די אנדערע שילן. אלע פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידענע ענינים; אלע אונטערנעמונגען פון דרשנים — רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע פלעגן פאָרקומען אין דער גרויסער שיל אין וועלכער

ס'האָבן געדאווגט פשוטע האַרעפּאַשניקעס, בעלי־מלאכות און ערד־ארבעטער. זקנים פלעגן דעו ציילן, אז דאָס גרעסטע פארגעניגן, ביי זייערע עלטערן און ביי זיי, איז געווען צו גיין אין שיל אריין, נישט נאָר דאווענען, נאָר סתם אזוי אריינקומען און שעפּן נחת אפילו פון גרויסן פּאָליש (פּאָרצימער), ווו זיי פלעגן גאנצע שעהן אָפּזיצן, שמועסן און דערציילן מיט וויפל מי די שיל איז אויפגעבויעט געוואָרן.

די מתפללים פון דער גרויסער שיל האָבן אָפּגעשאצט רב מאיר קופּערשטיינ'ס מי, כאר דער שיל, און אים אויסגעוויילט פאר גבאי. אָבער ער האָט דערפון געהאט אויסצושטייען איוב'ס צרות. ער האט געהאָט געגנער, צווישן וועלכע סע זענען געווען די וואס האבן נישט געשעפּנדעט פאר אויפבויען די שיל. זיי האבן אויף אים אויס־געטראכט בלבולים, אים מכבד געווען שמחת־תורה מיט קלעפּ און אים נישט צוגעלאָזט אנפירן מיט די הקפות.

אלע 3 שילן זענען געווען געבויעט כמעט איינע נעבן דער צווייטער, אין דער געגנט, פון מאָטל טאָרבאנ'ס אפּטייק און הינטער משה כאַרסאָנסקי'ס שטוב. די פערטע שיל "דאָס תהילים־שילעכל", איז געווען הינטער דער נייער גאס, נישט ווייט פון פיני שוחט און שמואל לייבערפארב. דאס שילעכל איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם קרייז פון "תהילים־זאָגערס".

✡

עו"ד ברוך ינוביץ

חיי תרבות תוססים בקאפרשט

היישוב היהודי בקאפרשט היה צעיר ונתון במשך רוב שנות קיומו, בתהליכי השתרשות קשים. עובדה זאת הטביעה את חותמה על חיי הרוח של יהדות זאת ועל מוסדות החינוך שלה.

עד סוף שנות השמונים, של המאה הקודמת, היו יהודי קאפרשט, ככל יהודי ביסאראביה, שקועים ראשם ורובם בחיי חולין. האפשרויות, שנתגלו לפניהם עם בואם למקום בכל ענפי התעשייה, הן במסחר, הן במלאכה והן בהתיישבות החקלאית, תבעו התמסרות מלאה לעיסוקיהם, בלי להשאיר להם זמן פנוי להתעסקות החורגת מהעשייה למען הקיום החומרי בכבוד. לא זו בלבד שהם עצמם התמסרו, בכל מאודם, לבסס את קיומם החומרי, אלא גם רתמו לכך את נשותיהם וילדיהם. אחרי מיספר שנות־לימוד ב"חדר", עסקו בני הנוער, יחד עם הוריהם, בעבודות הבית והשדה, וכל מה שלמעלה מזה היה זר להם.

מצב זה גידל דורות של יהודים תמימים, בעלי לב יהודי חם ונאמנים לדתם, אבל מוגבלים מבחינה תרבותית וחסרי־מעוף בשאיפותיהם. בצד היהדות הרוסית התוססת, מבחינה תרבותית; בצד יהדות ליטא הלמדנית, ובצד יהדות פולין החמה והסנטימנטאלית מבחינה יהודית, נראתה יהדות ביסאראביה כקן של פרימיטיביות. באותן שנים רווחה האימרה: היהדות הליטאית היא הראש, הפולנית — הלב והביסארבית — הידיים..

יהודי קאפרשט היו ברובם גבוהי־קומה ומוצקי־גוף, אך ליבם לא הלך אחרי החידושים המתרחשים בעולם הגדול. הם שמרו באדיקות על מסורת אבותיהם, התפללו

מדי בוקר וערב, שמרו על שבתות ומועדים; אולם חיי החולין הסיטו את חיי־הרוח שלהם למסילה צדדית והפכום למצוות־אנשים מלומדה. את השראתם הרוחנית העיקרית שאבו מהביקורים של האדמו״רים (ה״יהודים הטובים״ בלשונם) בעיירה. הללו היו שוהים, שבוע ימים, או שבועיים, אצל אחד מראשי העדה, ואל שולחנם היו נוהרים לא חסידיהם בלבד, אלא גם רבים מהמוני־העם. השיאים בביקורים כאלה, היו סעודות־השבת, כאשר בראש השולחן, הרבי השמיע דברי־תורה, בעוד השומעים מטים אוזן ושותים אותם בצימאון. לתפוס ״שיריים״ משולחנו של הרבי הייתה חוויה שהזינה אותם עד ביקורו הבא של רבי בעיירה. הרבי היה, בעיניהם, בבחינת נציגו של הקב״ה על־אדמות; לפניו שיטחו את דאגותיהם באמצעות ה״קוויטל״, שכתב בשבילם הגבאי של הרבי תוך שקיבל מהם את ה״פדיון״ (שי לרבי). הם האמינו בכל ליבם ברבי והיו אסירי־תודה לו אם נושעו בעת־צרה ועל הפרנסה של יומיום.

נוסף לביקורי האדמו״רים, נהנו יהודי קאפרשט מדרשותיהם של דרשנים ומגידים מישיבות ליטא, אשר היו מטיפים מוסר מעל במת בית־הכנסת ומעוררים אותם לתשובה.

מחנכי הדור הצעיר, באותן השנים, היו בראש ובראשונה המלמדים, מלמדי הדרדקים למיניהם. הללו לא הצטיינו, בדרך כלל בלמדנות יתירה, שיטותיהם היו פרימיטיביות ולא בחלו בעונשי־גוף תוך כדי שימוש ב״קאנצ׳יק״ (מקל בעל רצועות־עור דקות בקצותיו) על אחוריו החשופים של התלמיד. איכשהו הצליחו להנחיל לתלמידיהם את הידיעות הראשוניות ביהדות, את ״סידור״ התפילות, פרשיות־השבוע וקצת משניות. מרבית ההורים הסתפקו בכך; הם לא שאפו שבניהם יהיו רבנים ותלמידי־חכמים, ומייד לאחר סיום מיכסת הלימודים ב״חדר״, מסרו אותם בתור שוליות לבתי־המלאכה או עוזרים לחנויות. רק מעטים מההורים, אשר בניהם התפרסמו כמוכשרים (בעלי ״ראש־טוב״, כלשונם) וכן אלה שפרנסתם היתה מצוייה, איפשרו לילדיהם להמשיך בלימודים אצל מלמד גמרא ותוספות. מלמדים אלה היקנו ידיעות בתלמוד, בעיקר במסכתות בבא מציעא, בבא קמא ובבא בתרא, ולימדום פרשיות־השבוע עם פירוש רש״י, נביאים ראשונים ופרקים בתהילים. היו גם אברכים מחוננים, אשר המשיכו ללמוד בבית־המדרש, ביחידות או בצוותא, מהשכם בבוקר עד שעות לילה מאוחרות.

במשך שנותיה הראשונות כמושבה, ואחר כך כעיירה, התקיימה קאפרשט בלי מרא דאתרא. רבה הראשון, ר׳ יונה קאפליבצקי זצ״ל, התחיל לכהן בתור רב העיירה בסוף המאה הקודמת, ובמותו עלה על כס־הרבנות בנו דוויד קאפליבצקי זצ״ל.

התיאור של יהודי קאפרשט כשקועים בחיי־חולין לא יהיה מלא, אם לא נוסיף, כי במעמקי ליבם הם העריכו לימוד תורה ותלמידי־חכמים. ראינו זאת ביחסיהם לאדמו״רים ולמגידים, אלא שהם ראו את עצמם כאילו אינם כשרים לכך, והמעטים שהתמסרו לחיי־הרוח זכו לכבוד.

עם תום מלחמת־העולם הראשונה וסיפוחה של ביסאראביה, בשנת 1918, לרומניה, חלה תחייה תרבותית של יהדות ביסאראביה. תרמו לא מעט הפליטים, אשר הגיעו אליה מרוסיה והשתקעו בתוכה. בין הפליטים היו משוררים וסופרים, מורים ועסקני־ציבור, אשר מצאו להם כר נרחב לפעילות תרבותית וציבורית פוריה, בקרב יהדות בריאה זו.

אחד מסימניה הראשונים של התרומה בתחום החינוך בקאפרשט היה ייסודו של ה״חדר המתוקן״, אשר בו למדו עברית בעברית ושיטות־הלימוד היו מודרניות. בראש ה״חדר המתוקן״ עמדו מורים דגולים, אשר מהם זכורים עד היום לייב גורמן, נחמן

פולישצ׳וק מרדכי גולדנברג ועוד. הם שהפיחו רוח חדשה בחיים הרוחניים של העיירה. יהודי העיירה גילו הבנה, ואפילו התלהבות, למיפנה החדש — מסרו את בניהם למורים המודרניים. תוך זמן קצר יחסית גדל בקאפרשט דור יהודי חדש, שוחר דעת, גאה בתרבותו הלאומית ומודע לתפקידים הלאומיים המצפים לו. באותו הזמן נוסדה בעיירה ספרייה, אשר רבים מבני־העיירה היו שוחריה ותומכיה.

הפירצה בחיי־הרוח של העיירה נתנה את אותותיה גם בשטחים אחרים. קמו בה מיפלגות שונות ותנועות־נוער למיניהן; בעיקר, עם הקמת סניף ״החלוץ״, אליו נהר נוער העיירה. סניף החלוץ״ נוסד בקאפרשט בשנת 1920. החלוצים עסקו בחקלאות ובתעשיית לבינים לבניין וכו׳. ביניהם היו גם מיספר צעירים ילידי־העיירה. קאפרשט הצטיינה בפעילותה הציונית הענפה, במיוחד בשטח המגביות למען הקרנות השונות. אנו מוצאים, למשל, שעיירתנו מופיעה, בשנת 1928, במקום ה־11, בין 138 נקודות־יישוב בביסאראביה, אשר תרמו למען הקרן הקיימת לישראל. כמו כן מופיעה קאפרשט במקום ה־23 מבין 66 יישובים, שתרמו ב״שבוע החלוץ״ בשנת תרפ״ז. פעולה נאה, למען הקרנות הציוניות, יש לזקוף לפעילותן בעיירה של אגודת הנשים ״ויצו״, אשר בראשה עמדו סוסקה סקליאר ועספירה חייעס, על ידי אירגון נשפים ובאזארים.

מן הראוי לציין את השינויים שחלו בתחום הבילויים של אנשי העיירה. החינוך המוסיקאלי היה מפותח בקאפרשט. בעיקר הודות לחזן המחונן ר׳ דוויד זילברמן ובנו אברהם, אשר אירגנו מקהלה של נערים. תושבי העיירה היו נוהרים בהמוניהם אל בית־הכנסת, שם הופיעה המקהלה כדי להאזין לשירתה. שירי המקהלה היו מושרים בפי־כול גם בימי־חול.

החזן דוויד זילברמן היה נוסע, עם המקהלה שלו, גם להופעות בעיירות הסמוכות; כן היו חזנים אורחים מבקרים בקאפרשט ומופיעים בערבי שירה של חזנות ושירי־עם. כל ביקור של אחד החזנים היה בבחינת מאורע אמנותי, אשר השאיר רושם וגם עורר ויכוחים בנוגע לטיב הזימרה.

כל טקס־נישואין סיפק גם הוא שעשוע לתושבי העיירה. המנגנים בחתונות היו בדרך כלל צוענים מכפר קאפרשט, שבראש התזמורת היה הכנר ליאונאש. חתונה בעיירה הייתה בבחינת מאורע לכל התושבים, למקטון ועד גדול, ולא רק לנוגעים בדבר. השתתפו בה המוזמנים — בפנים האולם, ואילו הצופים — שמיספרם עלה על המוזמנים — צבאו במשך שעות ארוכות ליד החלונות והדלתות.

יהודי קאפרשט היו ידועים כחובבי תיאטרון מובהקים, וכאשר באה להקת שחקנים יהודים לעיירה, היה זה חג לכול. הלהקות הציגו בעיירה הצגות מאת אברהם גולפאדן, יעקב גורדין וכו׳. המחזות שהתחבבו במיוחד על הציבור היו ״שולמית״, ״בר־כוכבא״, ״דאס פינטאלע ייד״, ״המכשפה״, ״שני קונילעמעל״ ועוד. לאחר כל ביקור של להקה, לא נמצא בית יהודי בעיירה שלא שרו בו את השירים מהמחזות שהוצגו.

בימי הירידים, היו מופיעים בעיירה אנשים, אשר ניגנו במכשיר־נגינה מיוחד, שקראו לו ״קאטערינקא״. ציפור מאולפת (תוכי או יונה), שעמדה על כלי הנגינה הייתה מוציאה במקורה פיתקי־מזל, בהם הובטחו לזוכה בשורות טובות ונחמות.

ואחרון־אחרון, אין לשכוח את הטיולים, הרחצה בנהר הריאוט ואת ההחלקות ומישחקי השלג בחורף.

זאב סקלדמן

חוגים דרמטיים בקאפרשט

בשנת 1929/20, כאשר באוקראינה שלטו אנשי פטלורה, דניקין וחוליגנים אחרים, אשר ערכו פרעות ביישובים היהודיים, היתה בריחה המונית משם. מבין היהודים, שהצליחו לחצות את הדנייסטר ועברו לביסראביה, הגיעו רבים לקאפרשט. כאן הם שהו פרק־זמן מסוים, עד שהצליחו להתקשר אל קרובים בביסאראביה או לעבור בהיחבא לקישינוב, משם נשלחו למקום מיבטחים.

בין יהודי־אוקראינה, שהגיעו לקאפרשט, היה אחד זאכארוב, אשר היה כפי הנראה שחקן מקצועי. הוא היה הראשון שהציג בעיירה את המחזה "די כישוף מאכערין" מאת גולדפאדן. יש לשער, שלא נשאר קאפרשטאי אחד, אשר לא ראה את המחזה הזה. ילדים היו שרים ברחובות את הפזמונים מתוך המחזה "האַצמעך איז א בלינדער, ווושע זענט איר קינדער? אט זענען מיר אלע דא" וכן "יהודים רחמו, רחמו" וכו'.

בשנת 1922, לאחר הצלחת המחזה "המכשפה", אירגן אברהם זילברמן חוג חובבי תיאטרון (ליוביטעליעס) והעלה על הבמה את ההצגה "דאס פינטאלע ייד" מאת מוריס טומשבסקי. בחוג זה השתתפו, בין השאר: טושא זילברמן, אייזיק אוקשטיין ואני — זאב סקלדמן. המחזה הוצג בהצלחה ומכיוון שכך, הציג שמעון יוציס עם חוג חובבים את ההצגה "די פיר אגענטן" מאת שלום־עליכם. בשביל קאפרשט היה זה מאורע מפתיע. בני קאפרשט משחקים תיאטרון? וכי קל הדבר בעיניכם? ובכן היו נוהרים מקטון ועד גדול להצגות. וכי היה בעיירה מקום אחר לבילוי?

משנוכחו לדעת כי סחורה זו יש קופצים עליה, הופיע כוכב חדש בשמי הבמה בדמותו של וועלוועל זיגלבוים, אשר הציג את המחזה "דער דארפס יינג" — בהצלחה רבה. הצטיינו: גיטל הייסינר בתפקיד של נאטאשה, ממש כמו שהקנית בעלת שיעור־קומה, וכן ארליכמן בתפקיד של פרוקוף אביה של נאטאשה. לזכותו של וועלוועל זיגלבוים ייאמר, כי הוא ניחן לא רק בכישרון של שחקן ובמאי כי אם גם בכוח התמדה, בנהלו את חוג חובבי־התיאטרון עד שהיגר לארצות דרום־אמריקה.

הראשונים אשר היניחו יסוד לחוג דרמטי ברמה נאותה, שנים אחדות לפני המהפכה, היו: ניוקה פידלמן, ד"ר ברשק, הינדה איבצ'ר, רוזה פיינבוים ואחרים בהדרכתו של המורה מאגנייזין. הם הציגו את "השחיטה" מאת גורדין.

עם נסיעתו מן העיירה של וועלוועל זיגלבוים נשאר חלל ריק בשטח הפעילות הדרמאטית של החיבבים. אז הוטל עלי לארגן מחדש את החוג, אשר נוהל והודרך על ידי במשך עשר שנים. לראשונה הצגתי את המחזה "דער פרעמדער" מאת גורדין וכן "מאטי־מלך דער סטאליער". כאשר הניסיון הוכתר בהצלחה, המשכנו והעלינו על הבמה את "צעזייט און צושפרייט" וכן "דאס גרויסע געווינס" מאת שלום־עליכם. בהצגות אלה השתתפו, עד כמה שזכור לי: אברהם זילברמן, ניוני קייסרמן, משה ברויטמן, אברהם בורשטיין, שרה זיגלבוים, עלקא ספר ושרה וורזוב, בתור קומיקאי הצטיין מינה חרקובר. עלי להזכיר לטובה את בומה יוציס בתור "לחשן" מצטיין. (לפניו — היה שמעון בולשטיין). עם עלייתו של בומה לארץ־ישראל, לא הצלחנו למצוא לחשן כמוהו, כך שהשחקנים נאלצו ללמוד את תפקידם בעל־פה...

השמועה, כי בקאפרשט מצוי קהל חם להוט לתיאטרון, עשתה לה כנפיים, כך שלהקות נודדות של שחקנים פקדו מדי קיץ את העיירה. המקומות, בהם העלו החובבים והלהקות את הצגותיהם, לא היו מתאימים ביותר למטרה זו. כך, למשל, שימש המחסן של גראברמן במשך זמן רב מקום להצגות. אולם, כאשר נודע כי בעיירה טלנשטי משחקת הלהקה של זיגלר, עם סווילה פאסטר וארנה זיגלר בראש, החליט החוג שלנו שאני ומינה חרקובר ניסע להזמין אותם להופיע בקאפרשט.

מכיוון שעומדת להופיע להקה מכובדת כל כך, יש לדאוג לבמה נאותה, יותר מזו הקיימת במחסן של גראברמן. ובכן התגייסנו שנינו, אני וועלוועל זיגלבוים, למיבצע של הקמת במה באולם אחר. הפור נפל על האכסניה של מאיר וערזוב, שם היו מתאכסנים איכרי הסביבה, אשר הגיעו לקאפרשט לימי השוק בימי א׳ וביום ה׳.

בלילות, שקדמו לימי היריד, המתה האכסניה צהלות־סוסים, שיקשוק־גלגלים וקולות של שיכורים. העבודה לא הייתה קלה. לאחר שניקינו את הריצפה והקירות, בלא להשאיר זכר לאורחים שפקדו אותה, ניגשנו במרץ להקמת הבמה. בנינו במה ראוייה לשמה, עם מחיצות, חלונות ודלתות וכן מסך מאולתר. רק את הגג לא הצלחנו לתקן. על כן לא הופתענו כלל, כאשר בעיצומו של ערב־קיץ נעים, בשעת הופעתו של טומשבסקי על הבמה, ירד גשם חזק והקהל נאלץ לחזות בהצגה כשהטיפות דולפות מעליו. לפני כל הצגה היה כרוז עובר ברחובות ומכריז: ״מודיעים לקהל, כי היום בשעה 9 בערב תציג הלהקה של .... במחסן של מאיר וערזוב את ההצגה .... כרטיסים נמכרים במקום. בואו כולכם גברים נשים וטף!״

״אולם״ זה זכה לביקוריהם של להקות מפורסמות בשדה התיאטרון היהודי כגון: משה ליפמן והעני ליטון, מוריס טומשבסקי, סולו פריזאנט עם גיזי היידן, סידי טאל ועוד. יש לציין שלא לכולם האירה ההצלחה פניה. מהם שנתקעו בביצות של העיירה, לתקופת



יושבים: יאסל בירשטיין, איצל מושקוביץ, סויפר, ליפא חרקובר
עומדים: משה ברויטמן, זאב סקלדמן, בומא יוציס, שרה זיגלבוים, שרה ורזוב

החורף, באין כסף להוצאות־נסיעה. לא פעם עזרנו אנחנו, חובבי התיאטרון, באיסוף כספים כדי לאפשר להם המשך מסעם לעיירה הסמוכה..

המחזות שהוצגו, בבימוי שלי, היו רק מסוג הדרמה ומילודרמה. החל משנת 1933 ואילך הכניס בוריה ינוביץ ז׳אנר (סוג) חדש של תיאטרון, שהכיל תמונות בהן השתלבו קטעי זימרה ונגינה. בוריה הציג מספר הצגות מוצלחות ביותר, כגון: ״דער בעל־עגלה״, ״דער קונדוקטור״, ״דאס חסידל״, ״דער פריזיוו״ ״אז משיח וועט קומען״, ״דער צייטונגס פארקויפער״, דער הולט דוניה״. כן המחיז את ״למראשותיו של גוסס״ מאת פרץ, ״העמדער״ — אליעזר שטיינברג. שיחקו בהצלחה רבה: בוריה ינוביץ, לייב פרוימצ׳וק, שוניה סקליאר, דורה אקרמן, בלה ליבסטוג וכן בומה יוציס, אשר הוסיף פיזמונים אקטואליים מחיי העיירה. בחלק המוזיקאלי השתתפו: אברהם זילברמן ורוזנפלד. הצגותיו של בוריה ינוביץ הושפעו מהתיאטרון של אמנות זעירה, אשר יעקב שטרנברג אירגן ברומניה. ההכנסות מההצגות הוקדשו לתמיכה בסטודנטים מחוסרי־אמצעים ולהרחבת הסיפריה בקאפרשט. ההצגות האחרונות התקיימו לפני 1940 עד לכניסתם של הסובייטים לביסאראביה. הוצגו: ״מענטשען״ ו״טוביה דער מיליכיקער״ מאת שלום־עליכם.



גיטלי הייסינר
חבירה ותיקה בחוגים הדראמאטיים

דבר העורכים

בין כל המחזות, שהועלו על קרשי הבמה בקאפרשט, הצליח השיר העממי ״דער בעל־עגלה״ להתחבב על הציבור, כך שהיו שרים אותו בכל הזדמנות — בעבודה, בטיולים וכו׳.

המחזה זו הוצגה בעיירה, בקייץ 1934, על ידי בוריה ינוביץ, לפי המתכונת של הבמאי והמשורר הידוע יעקב שטרנברג.

השתתפו בהמחזה זו: בוריה ינוביץ, שוניה סקליאר, דורה אקרמן, בלה ליבסטוג, שרה זיגלבוים, בומא יוציס, לייב פרוימצ׳וק.

ליווי מוסיקאלי — אברהם זילברמן והאחים רוזנפלד.

דער בעל-עגלה

(א פֿאַלקס־ליד, בעארבעט דורך שימחה שווארץ)


פאסאזשירן: נו, רב ביינוש! העי, רב ביינוש!
ווען וועט מען שוין פֿאָרן? (2)
בעל־עגלה: באלד, אָט באלד, קומט דער
פארשוין; עקט מיר ניט די יאָרן. (2)
פאסאזשירקע: געלאָפֿן בין איך, אוי
פארסאָפעט, אבי זיך נישט פארהייעט (2)
פאסאזשירן: וואָס זענט איר, מומעשי, אזוי
צערעשט און אזוי פארשמייעט? (2)
פאסאזשירקע: זייט־זשע מוחל (2)
רוקט אייך, רב יעקל (2)
רב יעקל: נו, פאוואָליע, העי פאוואָליע,
כ׳האָב דאָך דאָ א פעקל.
אלע: זעסט דאָך ער האָט א פעקל.

✡

פרוי: וואָס שרייט איר אזוי קינדער?
די וועלט גייט נאָך נישט אונטער (2)
אלע: מומע, קיינער פרעגט אייך ניט,
שווייגט, וועט זיין געזונטער (2)

✡

פרוי: געוואלד, געוואלד, מיין מאזאָליע!
בעל־עגלה: וואָס איז אזא בהלה?
אנ׳אויסכאָפעניש אף אייך
נעמט און סאָדיעט אייך אנידער
וועלן מיר פֿאָרן גלייך. (2)
אלע: וויאָ, וויאָ, אוועקגעפֿאָרן, אוועקגעפֿאָרן
מיט מזל יידן, ווייבער (2)
בעל־עגלה: נאָר סע גראגערט און מע
גראגערט א רוח אין זייערע לייבער (2)
וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ
אלע: אוי סע פֿאָרט (2)
איי, ס׳א פארגעניגן (2)
בעל־עגלה: אוי וויי, פערדאלעך, סע נישט גוט
האָבער איז געשטיגן (2), וויאָ, וויאָ
פאסאזשיר: נו, העי, פעטער, כ׳בעט אייך
פֿאָרט גיך — איך דארף צום גוטן
יידן (2)
יידענע: נו, איי, פעטער, פאמעליכער פֿאָרט,
אוי, אוי, מיינע מערידן!
בעל עגלה: וויאָ, וויאָ, פערדאלעך!
וויאָ, וויאָ, אָדלערלעך
הערט נישט וואָס ריידן די לייט,
פירט די פארשווינדאלעך,
טרייסלט די ביינדאלעך
וויאָ, א קרייטשמע איז ניט ווייט.



מהם שהשתתפו בהצגה "דער בעל־עגלה"

בעל־עגלה: טרר, טרר, טרר —
האלט איין אביסל סוסים,
פערדאטשעס נישט גערירט;
עפעס סקריפען מיר די אקסן —
כ׳האָב דאָך ערש געשמירט (2)
אנ׳ערל: העי, דאי באָזשע,
בעל־עגלה: וואניא, נאם טאָזשע
פאסאזשיר: יידן, ס׳א טייערע ציג,
דאָס איז א טייערע ציג,
א ציג פון ציגן־לאנד.
בעל־עגלה: דולט נישט דעם קאָפּ
ס׳איז נישט קיין ציג
אלע: ס׳ווייזט אויס ס׳זאָל זיין א צאָפּ.
בעל־עגלה: קודא אידעש?
ערל: אידו, אידו, אידו
בעל־עגלה: אז מע רעדט מיט אנ׳ערל
אלע: דבערט מעען יידיש

בעל־עגלה: און אז מע רעדט נישט מיט
אנ׳ערל
אלע: אוואדאי יידיש
וואנקא — אידיש, אידיש, אידיש
בעל־עגלה: א טאק פּאָאידעש?
ערל: טאָ פּאָאידו
בעל־עגלה: א יאק נע פּאָאידעש?
ערל: טאָ נע פּאָאידו
אלע: יידיש, יידיש, יידיש, יידיש, יידיש, יידיש

✡

אלע: אוועקגעפאָרן, אוועקגעפאָרן
מיט מזל ווייבער, יידן (2)
א גוי, א צאָפּ, א סוחר׳ל —
קינדערלעך צופרידן (2)
ו ו י אָ!

ד״ר נחום פידעלמאַן

א בית־מרחץ אין קאפרעשט

ווען די בעלי־בתים פון קאפּרעשט האָבן באשלאָסן צו בויען א בית־מרחץ פארן שטעטל, האט מען אויסגעקליבן דאָס פּלאַץ נעבן דער גרויסער "ריפּע". ערשטנס, איז דאָס געווען ווייטליך פון שטעטל, און אין פאל פון א שריפה זאָל נישט שאַדן קיין אנדערע הייזער; צווייטנס, מע האָט דאָרט געפונען א קערניצע, וואָס איר וואסער איז נישט געווען אזוי ביטער ווי אנדערע קערניצעס. אויך דאָ האָבן די קאפּרעשטער געקארגט מיט געלט; באנוצט, ביים בויען די באָד, מיט שלעכטן מאטעריאל און גאָר שוואכע פאכמענער פון ציגיינערישן דאָרף. דעם דאך האָט מען געדעקט, נישט מיט שינדלען אָדער בלעך, נאָר מיט סטו. דאָס אלעס, און אויך דער שיטערער באַדן, האָבן געבראכט דערצו, אז די ווענט האָבן זיך געזעצט; אויסגעזען ווי הויקערס און טאָגעגליך געווען אויסגעשטעלט דעם געפאר אומצופאלן. דערוויל אָבער פלעגן קאפּרעשטער, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, אז אריינצוגיין אין באָד איז פארבונדן מיט סכנות־נפשות, יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג געגאנגען אין שוויצבאָד. דאָ אין באָד, נאָך זייענדיק אין פאָרצימער, ווו מענטשן האָבן זיך אויסגעטאָן אדם־נאקעט, האָבן זיך געהערט קולות פונעם שוויצבאָד: "הייס־הייס, אוי, ס׳איז גוט הו־אא! נאָך שעפּאלע!" "דאָס גרעסטע פארגעניגן איז געווען צו ליגן אויף דער אויבערשטער באנק און זיך שמייסן מיט א בייזעמל געמאכט פון דעמבענע צווייגאלעך און בלעטער. אין שוויצבאָד האָט מען זיך אויפגעהאלטן א צוויי־דריי שעה. געווען אייניקע, ווי אברהם־איציק רימער און חייקל פונעס סקלאד, וועלכע פלעגן קומען די ערשטע און אוועקגיין די לעצטע. זיי פלעגן דערציילן שבת אין שיל, די יעניקע וואָס זענען אוועקגעגאנגען פריער, אז די

היץ איז געווען אויסערגעוויינליך, און געלויבט די קאפרעשטער באָד אז זי האָט א "שם" אין דער גאנצער געגנט. מע דערציילט, אז ס'איז אמאָל געקומען צו גאסט אנ'אמעריקא־נער ייד, וועלכער האט פארלאָזט קאפרעשט נאך אלס קינד. האָט אים זיין קרוב מיטגענומען פרייטיק אין שוויצבאָד. צוקומענדיק צום מרחץ און זעענדיק פון דרויסן די אלטע חורבה, האָט דער אמעריקאנער נישט געוואָלט אריינטרעטן אינעווייניק, זאָגנדיק, אז ער מוז צוערשט אָנשרייבן א צוואה... אפילו ווען דער קרוב האָט אים, מיט כוח, אריינגעפירט אין שוויצבאָד, האָט דער אמעריקאנער נישט אויסגעהאַלטן מער פון פינף מינוט און א צוטומעלטער ארויס. די קאפרעשטער האָבן יאָרנלאנג דערציילט דעם עפיזאָד מיט שפּאָט; אויסגעלאכט דעם אמעריקאנער וואָס "ווייסט נישט וואָס גוטס הייסט"; לעגט אכט אויף אויסערליכע קלייניקייטן און פארשטייט נישט דעם זיסן טעם פון אנ'אמתער שוויצבאָד. פאר זיין אוועקפאָרן, האָט דער אמעריקאנער איבער־געלאָזט 100 דאָלאר, וואָס זאָלן דינען אלס פאָנד צו בויען א נייע באָד. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו שיקן, פאר דעם צוועק, געלט אויב דער קרוב וועט באשטעטיקן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען פון די הונדערט דאָלאר איז שוין זכר נישט געבליבן, — טיילווייז אויסגעגעבן אויף אָפּטע רעפּארירונגען פון דער אלטער באָד, און אדאנק דער גרויסער סומע, וואָס חברה־קדישא האָט ארויסבאקומען ביי דער רייכער אלמנה פון א קארגן גביר — איז מען צוגעטרעטן בויען די נייע באָד.

פיאָדער און קאלינע

ווען דער אלטער ביידער איז געשטאָרבן, האָט זיין פּאָסטן איבערגענומען זיין איידעם אייזיק, וועלכער איז געווען פון פאך א שוסטער און האָט קיין שום אנונג אין ביידעריי נישט געהאט. געראטעוועט די לאגע האָט פיאָדער, וועלכער האט זיך גוט אויסגעקאָנט אין הילכות ביידעריי. אים האָט מיטגעהאָלפן זיין ווייב קאלינע. דאָס גליקליכע פּאָרפאָלק איז געקומען קיין קאפרעשט גאנץ אונערווארטעט, פון אנ'אנדער שטעטל, ווו דאס בית־מרחץ האָט אָפּגעברענט. אייזיק האט זיי אויפגענומען און ביי זיי זיך אויסגעלערנט דאָס פאך. ווער זענען געווען פיאָדער און קאלינע, וועלכע זענען געוואָרן די פּאָפּולערסטע "פּערזענליכקייטן" פון שטעטל? קאלינע האָט געזאָגט, אז זי איז אלט 92 יאָר און אז ער, פיאָדער, איז — 60. קיין געבורטס־דאטום האָט זי נישט געוווסט; אָבער געדענקט האָט זי, אז מיט איר ערשטן מאן האָט זי חתונה געהאָט ביי 15 יאָר.

קיין גרויסער "קראסאוויץ" (יפה־תואר) איז פיאָדער נישט געווען. דאָס פּנים — א געשטיפּעלטס; די האָר פון קאָפּ און באָרד — רויט און שווארץ; א בילמע אויף איין אויג; די נאָז פארקרימט און גרויסע, טונקלע, שיטערע ציין דערצו. ביים רעדן פלעגט ער באשפּריצן דאָס פּנים פון מיטשמועסער. ער האָט שטארק ליב געהאָט דאָס גלעזעל וויין און, ווען ער פלעגט אריינוואַרפן 2—3 גלעזער וויין, האָבן זיך די ליפּן אפילו נישט באנעצט. ער איז געווען א מכניס־אורח און אלע בעטלערס, וועלכע זענען אראָפּגעקומען אין שטעטל פלעגן איבערנעכטיקן ביי פיאָדערן, מאכנדיק דערביי א גרויסע כוסה — זומער אין דרויסן, אויפן גראז נעבן דער באָד, און ווינטער — ממש אין באָד גופא.

קאלינע האָט, ווערדליק אירע יאָרן, אויסגעזען פיל ייִנגער פון אים. שטענדיק פלעגט זי רעדן מיט א בייזער, אויפגערעגטער שטימע — סיי מיט די ווייבער אין באָד, ווען

זי פלעגט זיי באדינען; סיי מיט פיאַדערן און מיט אייזיקן. פיאַדער פלעגט אָפט געזידעלט ווערן פון זיין אשת־חיל מיט נישט זער אַנטשטענדיקע ווערטער; אָבער ער האָט געהאָט זיין באשטענדיק ווערטל; "איך בין אויף דיר נישט ברויגעז". יעדן זונטיק פלעגט מען זען דאָס פאַרפאַלק, פיאַדערן און קאַלינען, קומענדיק פון מלכה מאַשקאָוויטשס שענק זי — פאַראויס מיט געשרייען אויף א קול; ער — נאָך איר, טראָגנדיק א דריי־ליטראָווע פלאש מיט וויין, נאָך דעם ווי זיי האָבן "געמאכט א גרויסע כוסה" ביי מלכה'ן אין שענק.

נישט איינמאָל פלעגן די געשרייען זיך ענדיקן מיט פעטש. געוויינליך איז פיאַדער געווען דער געליטענער. ער פלעגט אָפווישן דאָס געזיכט און זאָגן זיין אייביק ווערטל; "אויף דיר בין איך נישט ברויגעז". יעדן פרייטיק, דער טאג פון שוויצבאָד, פלעגט פיאַדער ארומגייען, לענגאויס דער גאַס, קלאפנדיק מיט א שטעקאלע אויף א ריסקל און שרייענדיק אויף א קול "יידן אין באָד אריין", דערמיט האָט ער צוּוויסן געגעבן, אז היינט איז פאראַן א שוויצבאָד. געשפאנט האָט ער, אין דעם טאָג, מיט גרויס גדלות, גלייך ווי ער וואָלט זאָגן: "היינט זענט איר קאפרעשטער, אלע צוזאמען — ביי מיר אין די הענט!"

דערהערענדיק דאָס קלינגעגען "אין באָד אריין" האָבן יידן אוועקגעלעגט זייער ארבעט, פארמאכט די געשעפטן, שנעל גענומען די וועש אונטערן אָרעם, צומאָל אפילו נישט איינגעוויקלט, פון איילעניש און יאָגעניש. אפילו די זקנים זענען געוואָרן פלינקער, רירעוודיקער, כדי צו באווייזן פארכאפן א קעסטל צום אריינלעגן דאס וועש און א פלאץ אויף דער אויבערשטער באנק... אויסטועז פלעגט מען זיך אין ערשטן צימער, די גאדעראָבע, ווו די ווענט זענען געווען באהאנגען מיט קעסטאלעך וועגן וועש.

פון דאָרט איז מען דורכגעגאנגען אין צווייטן צימער, ווו מע פלעגט זיך אָפּקילן נאָכן שוויצבאָד. ערשט אין דריטן צימער, דאָרט איז פאָרגעקומען די אמתע שימחה. דאָ פלעגט מען זיך שמייסן מיט בעזימלעך. דער, וואָס איז געליגן אויף דער באנק, האָט "גענומען א פלייצע", און דער צווייטער, וועלכער איז געשטאנען און געשמיסן מיטן בייזעמל, האָט "געגעבן א פלייצע". נעבן ביידע איז געשטאנען א שעפאלע קאלט וואסער, געבראכט פון א גרויסן פאס, וועלכער איז געשטאנען אין צווייטן צימער. אין דעם שעפאלע פלעגן ביידע, דער גיבער און דער נעמער, איינגעצן א נאסן האנטוך און אָפקילן דעם קאָפּ, ווען מ'איז געליגן אויף דער אויבערשטער באנק, ווו די היץ איז געווען זער גרויס. כדי צו מאכן א פארע און זי זאָל זיין וואָס שטארקער, פלעגט מען אלעמאָל אריינגיסן א שעפאלע וואסער אויף די הייסע גליענדיקע שטיינער אין אויוון.

דאָס "שמייסן זיך אין באָד" איז געווען אנ'אנגענומענע, באליבטע טעטיקייט. ס'זענען געווען מענטשען, וואָס ביי זיי איז דאָס שמייעסן געווען א באזונדערע ספעציאליטעט. מענטשן פלעגן זיך אריינלאָזן אין שמייסן ביז צו קאָפּ־שווינדלעריי. נישט איינמאָל, פלעגט מען אראָפגיין פון דער אויבערשטער באנק און אומפאלן א פארחלעשטער. מע פלעגט באגיסן מיט קאלטער וואסער, און ווען דער פארחלעשטער האָט זיך דערמונטערט, האָט ער געלויבט די היץ, דאָס גוטע בייזעמל וואָס ציפּט אזש די הויט און ס'איז ממש א מחייה־נפשות אין באָד אויף דער אויבערשטער באנק. אָט דאָ, האָט יעדער ייד — סיי אָרעם, סיי רייך, נישט געטראכט פון קיין פרנסה; נישט געזאָרגט וואָס וועט זיין דער תכלית פון פארעלטערטע מיידלעך ביי זיך אין שטוב. דאָ

האָט ער זיך געפילט ווי א "באראָן", א זאַרגלאָזער, א צופרידענער, געפילט א טעם ממש פון דעם גן־עדן.

די אלע פארגעניגנס, וואָס די אלטע אייגעהויקערטע באָד האָט פארשאפן דער יידישער באפעלקערונג, זענען געווען אויסשליסלעך אדאנק פיאָדערן, וועלכער האָט, מיט געטריישאפט און איבערגיבנקייט, באזאָרגט — לויט זיינע מעגליכקייטן — מיט אלעס וואָס די באָד האט זיך גענויטיקט אויף פאַרצוזעצן איר עקזיסטענץ. ער האָט אויפן צעבראָכענעם דאך געלעגט לאטקעלעך; אונטערגעשטעלט דריקלעך, די סטעליע זאָל נישט איינפאלן; אויסגעבינדן די בעזעמלעך צום שמייסן; געריי‌ניקט די מיקווה און באנייט די וואסער; דאָס האָלץ האט ער צוהאקט; די ליסקע צוגעפירט און אפגעלייגט ביי דער צייט; געהייצט דעם קעסל באנאכט ערב פרייטיק; אונטערגעהיצט די שטיינער פונעם אויוון; מיט איין וואָרט אלעס־געטון איינער אליין.

פרייטיק אויפדערנאכט, ווען יידן זענען געגאנגען אין שיל אריין, פלעגן קומען אויך פראָדאנעשטער פויערים, כדי צו געניסן פון שוויצבאָד. פיאָדער פלעגט זיי באדינען ביז 11—12 אזייגער ביינאכט. אויף ניי־יאָר פלעגן פיאָדער מיט קאלינען גיין קיין דאָמולזשען. דער דאָרטיקער גאלעך, מיט זיין פרוי, פלעגן זיי מכבד זיין מיט ווייַן און פארשידענע מאכלים. זיי פלעגן זיך פארוויילן און לאכן, קוקנדיק אויף זיי, און זיי אהיימגיבן פון כל־טוב. האָט פאסירט, אין א ווינטער, אז גייענדיק אהיים פון דאָרף דאָמולזשען, האָט קאלינע זיך אוועקגעזעצט אָפרוען און מ׳האט זי געפונען א פארפרוירענע. און אין נעכסטן יאָר האָט דער זעלבער שיקזאל געטראָפן אויך פיאָדערן. נאָך זייער טויט איז די באָד אינגאנצן איינגעפאלן.

דער נייער ביידער פון דער אויסגעבויטער באָד, האָט געהייסן באָריס שמוישמאן, (א געבוירענער פון טעלענעשט), און גערופן האָט מען אים "באָריס מיט 3 מאל אי" — אי שמש אין קלויז, אי ביידער אין באָד, אי קבצן, א מטופל מיט קינדערלעך...

☆

הערת העורכים

על בחירת הנהלת וועדת ביקורת לספריית "תרבות" בעיירה כותב א. יוציס בעיתון.

"אונזער צייט" (1604) מיום 9.1.28.

— אונזער "תרבות"־ביבליאָטעק האָט פאר די לעצטע פאָר חודשים ווידער אויפגעלעבט. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן א נייע פארוואלטונג אין באשטאנד פון: שמעון הייסינער, יעקוב גאָלדענבערג, פיני יוציס, פ. ליידערמאן און חיים זאלצבערג; ה. ל. כערסאָנסקי, ברוך יוציס און מרדכי גאָלדענבערג — אין רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. א דאנק זיי, זיינען לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן א פאָר אָוונטן, די הכנסה פון וועלכע איז געגאנגען אויף צו קויפן נייע 100 העברעישע און יידישע ביכער פון די נייעסטע און בעסטע ווערק.

ס׳איז צו האָפן, אז די נייע פארוואלטונג וועט אויך אויף ווייטער ארבעטן ענערגיש.

א. יוציס

הערת העורכים:

על פעולתו של החוג הדרמאטי, לטובת ייסודו של חדר־קריאה בקאפרשט, כותב בומה יוציס בעיתון "אונזער צייט" מס' 2028 מיום 18.6.29.

קאפרעשט

שוין לאנג פילט זיך בא אונז א נויטווענדיקייט אין א קולטורעלן אנשטאלט, וועלכער זאָל ארום זיך קאָנצענטרירן די גאנצע היגע יוגנט. נאָר די אלע פרווון, וואָס זענען ביז איצט געמאכט געוואָרן, האָבן זיך — איבער פארשידענע סיבות — נישט איינגעגעבן. צוריק מיט אפאָר חודשים, ערשט נאָך דעם וואָס ס'האָט זיך באקומען די נויטיקע ערלויבעניש דערצו — האָט זיך דאָ געשאפן א איניציאטיוו־גרופע, וועלכע איז גלייך צוגעטראָטן צור גרינדונג פון א לעזע־זאל נעבן דער ביבליאָטעק "תרבות".

בכדי צו שאפן דעם נויטיקן פאָנד, פאר דער פראָיעקטירטער לעזע־זאל, איז שבת, דעם 8־טן ד.מ., אויפגעפירט געוואָרן די דראמע "קרייצער סאָנאטא" פון יעקב גורדין, אונטער דער רעזשי פון ה' אברהם מרגלית מיטן אָנטייל פון די ליבהאָבער: שולמית סקליאר, וועלצי גארשטיין, וועלוועל סקלאדמאן, שרה זיגעלבוים, מ. קארקאווער, יוסף בירשטיין, שרה ווערזוב, אסתר בליומעס, איצל מאשקאוויטש און י. מרגלית.

אין גאנג פון דער פאָרשטעלונג, און באזונדערס אין די לעצטע צוויי אקטן, איז געווען צו באמערקן די פארדינסטפולע ארבעט פון א גענייטן רעזשיסער. די יונגע שפילער — אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע ראָלן, און די איבריקע — ניט שלעכט. אין אלגעמיין, האָט די פאָרשטעלונג געלאָזט א פיינעם איינדרוק אויף די פארזאמלטע.

די ליבהאָבער — א יישר־כוח פאר זייער ארבעט. א באזונדערן דאנק די ה"ה: אברהם מרגלית (רעזשיסער), שמעון הייסינער, יענקל גאָלדענבערג און פיני יוציס — פאר זייער מי און ענערגיע לטובת דעם ערפאָלג פונעם אָוונט.

צוליבן שלעכטן וועטער, אין יענעם אָוונט אָבער, האָט ליידער די מאטעריעלע זייט פונעם אָוונט ניט געגעבן די ערווארטעטע רעזולטאטן, אזוי אז ס'וועט נאָך אויסקומען צו זוכן נייע געלעט־מיטלען פאר דער לאנג־ערווארטעטער לעזע־זאל.

א. יו

אין "אונזער צייט (קעשע־עוו) № 2052 פון 16.7.29 לייענען מיר א קאָרעספאָנדענץ פון בומא יוציס וועגן ערעפענונג

פון א לעזע־זאל אין קאפרעשט

שבת, דעם 6־טן ד.ח. איז, אין לאָקאל פון דער היגער ליי־און־שפּאַר־קאסע, געפייערט געוואָרן די ערעפענונג פון דער לעזע־זאל "תרבות".

נאָך א קורצער ערעפענונגס־רעדע פון שמעון הייסינער, טרעטן ארויס מיט לענגערע רעדעס חיים־לייב חערסאָנסקי און מרדכי גאָלדענבערג, וועלכע שטרייכן אונטער: דער ערשטער — די באדייטונג פון א לעזע־זאל, און דער צווייטער — פון ליטעראטור און פרעסע בכלל.

ד"ר יוחנן קאפליוואצקי באגריסט ווארים די ערעפענונג און ווונטשט, דעם נייגעגרינדעטן אנשטאלט, א לאנגיעריקע און ערפאָלגפולע עקזיסטענץ.

זער א פיינעם איינדרוק לאָזן, אויף די פארזאמלטע, די פאָרלעזונגען און רעציטאציעס: "א נייער ניגון" — פון יצחק לייבוש פרץ און א "אָרים מאָלצייט" — פון מרדכי ספעקטאר —

פאַרגעלייענט דורך חיים לייב כערסאנסקי; "די נשמה" (י. ל. פרץ) פאַרגעלייענט דורך דעם שריפט־שטעלער מרדכי גאָלדענבערג און צו ענדע — "דאָס פרײלעכע קאַפּיטשקאַלע" — רעזשיסירט פון א. מרגלית.

אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג, ווערט אַרויס־געטראָגן א דאַנק דעם ראַט פון דער היגער "לייִ און־שפּאַר־קאַסע", וועלכע האָט אָפּגעגעבן 2 צימערן, פון איר לאָקאַל, פאַר דער לעזע־זאַל און ביבליאָטעק. ארום 9 אזייגער אין אָוונט ווערט די פייערונג ערקלערט פאַר געשלאָסן.

א. יו.

מרדכי רישפי — ברוך ינוביץ

הסיפרייה הציבורית "תרבות"

בבואנו להעריך את הרמה התרבותית של הציבור הקאפרשטאי, נוכל להגיע לכלל דיעה מגובשת רק אם נעקוב אחר יחסו של ציבור זה לסיפרייה הציבורית.

מוסד זה, אשר בו ביקרו, מקטון ועד גדול, השפעתו הייתה ניכרת לא רק על ציבור הקוראים הרשומים בו. מדי יום ביומו, בשעות 3 עד 6 אחה"צ, אפשר היה לראות צעירים ומבוגרים כשהם נוהרים אל הסיפרייה, בשאתם בגאווה ספרים להחלפה.

עובדה היא: הציבור שלנו, לכל שיכבותיו, היה צמא למילה הכתובה; כל אחד לפי טעמו ולפי רמת השכלתו. כך, למשל, זכור לנו כי אפשר היה לקבל, אצל גנדיל זלצמן, רומנים של שמ"ר ביידיש. קוראים, מסוג אחר, השיגו סיפרי־כיס אצל יוסף סקליאר, ואפשר היה גם להשתתף שם בחוג לקריאה. ילדים, בגיל ה"חדר" ובית־הספר, היו מנויים בסיפרייה של אגודת "פרחי־ציון", אשר שכנה בבית האחורי של יוסף פעק.

מקום מישכנה של הספרייה לכל הציבור, היה לאחר מכן בקומה העליונה של בית יעקוב גרשטיין. שם הספרים היו מסודרים בארונות, לפי מדורים: עברית — למבוגרים לחוד ולילדים לחוד; ספרים ביידיש וגם בלועזית. כאן זכה כל ספר למיספר וההחלפה נעשתה לפי תשלום חודשי ודמי־עריבות. נדמה לנו שהספרנית, באותם הימים, הייתה פאני ליידרמן.

במרוצת השנים, העמיד הבאנק להלוואה וחיסכון, שניים מחדריו לרשות הסיפרייה הציבורית; ובמשך הזמן הוקם אולם־קריאה בחדר נוסף.

בהנהלת הסיפרייה חלו, בשנות קיומה של הסיפרייה, חילופי־גברא; עד כמה שזכור לנו, היו שמעון הייסינר ויענקל גולדנברג ("שמעון־יענקל") — בכל הרכב שהוא. אולם, באחד המחזורים, קמה אופוזיציה מהדור הצעיר וזו קיבלה לידיה את הנהלת הסיפרייה למשך שנים מיספר.

במרוצת השנים התחלפו מיספר ספרנים. ביניהם זכורים לנו: פרידה קליימן, מוטיל פיארמן ופאני הויכמן.

ההכנסות, לרכישת ספרים ולהחזקת הסיפרייה, באו מתשלום הקוראים, ובעיקר — מנשפים שנערכו מדי־פעם לטובת הסיפרייה.

עם פתיחתו של אולם־הקריאה, נערכו כאן ערבי שאלות ותשובות, על נושאים שונים, אשר ריכזו קהל רב.

עם בואו של השילטון הסובייטי, נסגרה הסיפרייה ומה שקרה עם למעלה מאלפיים הספרים — זאת לא נדע לעולם.

הערות העורכים:

ברשימה "בית־העם" פורסמה הכתבה הבאה, בתרגומה לעברית. אנו מביאים כאן את הכתבה במקור.

"אונזער צייט", קעשענעוו, 26.9.1929

קאפרעשט

ביי אונדז איז פאָרגעקומען א גראנדיעזע פייערונג לכבוד דעם לעגן דעם גרונטשטיין פון א "בית־עם".

אויפן פלאץ פון "בית־עם" — וואָס ס'האָט מנדב געווען דער אלטער ר' יעקב סטופטשאק — זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע פּאלאטקעס פאר א רייכן בופעט און לאָטאָרעיע. אויפן בדייטן פלאץ זענען אויסגעשטעלט געווען סערווירט טישלעך פאר דעם פובליקום און ביים אריינגאנג א שען דעקאָרירטער טויער מיט א גרויסן אויפשריפט: "ברוכים הבאים". ס'האָט געברענט א גרויסער "גאזאָוואָי" לאָמפּ, מוזיק א.א.

נאָך פון שבת פארנאכט זענען אָנגעקומען אהער געסט פון דער ארומיקער געגנט, וועלכע זענען געקומען אָנטיילנעמען אין דער פייערונג.

אָנגעהויבן האָט זיך דער פּאָלקספעסט מיט א גראנדיעזער דעמאָנסטראציע פון דער יוגנט, וועלכע האָט דורכמארשירט איבער אלע גאסן, בראש פונעם איניציאטאָר פון דער פייערונג — ד"ר יוחנן קאפליוואצקי, אלע מיט נאציאָנאלע פאָנען אין די הענט, זינגענדיק פארשידענע העברעישע לידער. ארום 6 אזייגער פארנאכט אין די גאנצע היגע באפעלקערונג, ווי אויך די געסט פון דער פרעמד, ארויפגעגאנגען צום פלאץ פון דער פייערונג.

מיט רעדעס און באגריסונגען טרעטן ארויס די ה"ה: ד"ר יוחנן קאפליוואצקי, אפריים יוציס ("המיצפה"), מרדכי גאָלדענבערג, דירעקטאָר פון דער "שקאָלא פרימארע" ה' וולאסי, נאָטאר פראָדאן, אברהם ברונשטיין, ניוקע פידעלמאן און לאנגמאן (מארקולעשט). ס'האָבן זיך אויך באקומען באגריסונגס־דעפעשן פון פארשידענע יוגנט־אָרגאניזאציעס ווי אויך פריוואטע פערזאָנען פון דער פרעמד. נאָך דעם וואָס ס'ווערן פארקויפט די ערשטע גרונטשטיינער, הויבט זיך ערשט אָן די אמתע שימחה.

די ריינע הכנסה פון דער פייערונג איז געווען בס"ה 18,000 לעי.

א. יו.

מרדכי רישפי (פייארמן)

"הבה ונקים בית־עם!"

הרעיון נתעורר באחת השיחות שניהלנו בינינו — אני ויוחנצי (ד"ר יוחנן קפליבצקי). למה צריך "בית־עם"? הדבר ברור למדי: צריך שגם בקאפרשט יוקם בניין, בו ירוכזו מוסדות התרבות, שם יהיה מקום להרצאות, חוגים וכד'. שקיים צורך — על כך אין ויכוח; השאלה היא: כיצד מוציאים אל הפועל רעיון חשוב זה?

לאחר שדשנו בעניין פעמים מיספר, הגיע השלב של "אילו": אילו היה מישהו, קאפרשטאי או לא־קאפרשטאי, משאיר עיזבון של כך וכך אלפים להקמת מוסד על שמו... מכאן עברנו אל שלב של "פניות": בהתחשב עם העובדה שבני־העיירה פזורים בארצות שונות בעולם הגדול, אין טבעי יותר מאשר לפנות אליהם בבקשה כי יתרמו, כל אחד כפי שידבנו ליבו, למטרה הנעלה של הקמת "בית־עם" בקאפרשט.

אומר ועושה — ריכזנו כתובות של קאפרשטאים, אשר מעבר לים, והקדשנו ימים אחדים לכתיבת מיכתבים. כאשר באתי למחרת מישלוח המיכתבים אל יוחנצי, מצאתי אותו במצב־רוח לא־מרומם. במה העניין ? ! — טוב ויפה — הוא טוען — פנינו אל בני העיירה במרחקים, אולם מה נאמר להם אם ישאלו : ואתם, תושבי קאפרשט, אשר ההנאה מ״בית־העם״ תהייה כולה שלכם — מהי תרומתכם שלכם למיבצע זה ? באותו מעמד סיכמנו : יש ללכת אל תושבי העיירה, להסביר להם את חשיבותו של ״בית־העם״ ולבקש תרומות שבועיות, כל אחד כפי שיטיל על עצמו.

בהתחשב עם העובדה, שבעיקבות כל החלטה שהחלטנו, נהגנו לדון מייד גם בדרכי הביצוע, סוכם בינינו כי יש לצאת אל העם : בשלב ראשון — לפעולת הסברה והתחייבות — שלוש פעמים בשבוע; ואילו לאחר מכן — רק אחת לשבוע. ואומנם, מני אז ועד הפסקת בנייתו של ״בית העם״, יצאנו שנינו מדי שבוע ״לחזור על הפתחים״ — כפי שהתבטא יוחנצי — כדי לאסוף כסף לצרכי הבנייה.

עד היום אינני יכול להבין כיצד הצלחנו לעמוד במאמץ זה, אשר היה מלווה לא־פעם בוויכוחים מורטי־עצבים מצידם של בעלי־היכולת, אשר לא רק שנמנעו מלתרום, אלא נהנו במיוחד לשאול שאלות, לעניין ושלא־לעניין, תוך כוונה ברורה לקנטר אותנו על כל מישגה או תקלה. לעומת זאת היה ״עמך״ מפגין יחס של אהדה ואימון לעושים במלאכה, וזה מה שעודד אותנו להמשיך במשימה על אף הכול.

לימים הרחבנו את שטח פעילותנו אל הכפרים שמסביב לקאפרשט, זכורה לי נסיעה מעין זו, כאשר אני וחנה רבינוביץ נסענו בעגלה לאחד הכפרים. היה עלינו לעבור דרך יער עבות. בינתיים קרתה תקלה לעגלה, וכאשר תוקנה — כבר השתלטו ביער צללים ארוכים ומאיימים. פתאום התנפלו עלינו שני איכרים מזויינים בקילשונות, ודרשו מאיתנו ״את הכסף או את החיים״. למזלנו הסתלקו השניים למישמע שעטת רוכבים. היו אלה ז׳נדארמים, אשר הזדמנו למקום והם אף התנדבו ללוות אותנו אל מחוז חפצנו. כאשר סיפרנו בכפר את אשר קרה לנו זכינו לתרומות, אשר לא חלמנו עליהן.

קרוב לשנה נפגשנו, יוחנצי ואני, כמעט יומיום. באגף השמאלי של בית חותנו, זיסיה כ״ץ, פתח יוחנצי ״חדר מתוקן״, בו לימדתי גם אני חלקית עד נסיעתי ללמוד בצ׳רנוביץ. בהפסקות, ואחרי הלימודים, היינו מתכננים את התוכניות שלנו ; מכאן היינו יוצאים לגבות את התרומות השבועיות בשביל ״בית־העם״, והנה היינו חוזרים כדי לספור את ״הפדיון״ — כפי שכינינו זאת בהלצה.

יום אחד, בשעת ההפסקה, פגש אותי יוחנצי בפנים קורנות מאושר : שמע, מוטל, כבר יש לנו מחצית של ׳בית־העם׳. מתברר שהיגיע לאוזנו מידע על מיגרש, בקירבת הבאר, אשר מאחורי בית כ״ץ ; והמיגרש שייך לזוג חשוך־בנים ר׳ יעקב סטופצ׳אק. ״אחרי הלימודים נלך לראות את המיגרש, אשר הזוג סטופצ׳אק הואילו לתרום למען ׳בית־העם׳ ״. תוך כדי הליכה סיפר לי יוחנצי על המאמצים שהשקיע כדי לשכנע את בני הזוג. ״היתה זו ממש עבודת פרך ! ״ . . . צריך היה לחתום על כתב־התחייבות, שהופקד אצל הרב, כי שלט בגודל מתאים יודיע לכל באי ״בית־העם״, כי המיגרש נתרם על ידי ר׳ יעקב סטופצ׳אק ורעיתו.

כאשר נערך בשבת 6 בספטמבר 1929, טקס של הנחת אבן־היסוד לבניין ״בית־העם״, כבר שהיתי בצ׳רנוביץ והתחלתי לימודיי בסימינריון למורים. על הטקס עצמו אנו קוראים בכתבה שנכתבה על ידי א. יו. (אברהם יוציס) ב״אונזער צייט״ מיום 26.9.1929.

"אצלנו התקיימה חגיגה גרנדיוזית לכבוד אבן־יסוד ל"בית־עם". במיגרש של "בית־העם", תרומתו של ר׳ יעקוב סטופצ׳אק הזקן, הוקמו אוהלים גדולים למיזנון עשיר ולהגרלה. בשטח הנרחב סודרו שולחנות ערוכים מיגדנות ומשקאות בשביל הציבור. בכניסה הוצב שער יפה ומקושט ובראשו סיסמה "ברוכים הבאים". מנורת־גז גדולה האירה את השטח, תזמורת ניגנה וכו׳. עוד משעות בין־ערביים, התכנסו כאן אורחים מהסביבה הקרובה, אשר הגיעו כדי להשתתף בחגיגה.

החגיגה העממית החלה בהפגנה עצומה של הנוער, אשר צעד בכל הרחובות ובראשם — היוזם של החגיגה ד"ר יוחנן קפליבצקי — כולם כשדגלי הלאום בידיהם ושירים שונים בפיהם. בשעה 6 לפנות־ערב עלו אל מיגרש החגיגה כל תושבי המקום וכן האורחים מהסביבה.

נישט דער בליץ־לאָמפט פון זיינע עלטערנס ציוניסטישן אידעאל האָט באהעלט זיין פריע פאָעזיע. און אויכעט די שפעטערדיקע פראָזע זיינע, וועלכע איז אָבער געווען און פארבליבן טראָץ דעם וויסטן סאָציאליסטישן רעאליזם — א טראדיציאָנעלע, יידיש שטייגערישע. אין זיינע בלוט און מילך יאָרן — הערצלס — האָט דער זשאר פון די קוילן, אויף וועלכע קאפרעשטער עובדי־אדמה האָבן געבראָטן פאַפשויעס, געווארעמט זיין מוזע.

די גראמען זיינע, ריווקינס, זענען געווען גלעקלדיקע. דער ריטם א מוזיקאלישער, ווי ער אליין, וועלכער איז פון קאָפ ביז די פיס געווען א געזאנג. די סביבה, פון וועלכער ער האָט געשעפט זיין אינספיראציע — א אידיליש דאָרפיש־שטעטלדיקע, דהיינו: באלעגאָלעס, ערד־ארבעטער, פראָסטע בחורים און מיידלעך. מיט איינעם וואָרט — א קאָרנראָזעווער דיכטער.

און אויף אזויפיל, איז נישט נאָר זיין קאפרעשט, נאָר ער אליין, מיט זיין גאנצן מהות געווען אָנגעהעפט אין דאָרף. אז ער האָט זיין פאָעטישן ערשטלינג און לעצטלינג — וועלכער איז דערשינען אין יאָר 1938 אין בוקארעשטער פארלאג "שויבן" — א נאָמען געגעבן — "פון שכײנישן דאָרף". ס׳הייסט ווען די שענסטע טעג אינם לעבן זענען די... ווייסע דאָרפישע נעכט.

לאָמיר אויף א טשעקאוועסט מטריח זיין דאָ זיין ליד, מיטן זעלביקן נאָמען — צו וועלכן דער בעלצער פאָלקס־זינגער זייליק בארדיטשעווער ז״ל האָט פארפאסט א ניגון — און וועלכעס האָט ריווקינען ביז־לילה בארימט געמאכט, פונעם דונאי ביז צום דניעסטער:

פון שכנישן דאָרף

נאכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
פארבלאָזען אמאל צו מיין גאָניק
זיי לעשן מיין טרויער; זיי גלעטן מיין אומעט
און פליסן ווי זאפטיקער האָניק.
לידער כאכלאצקע, מונטערע, פרישע,
וואָס שמעקן מיט פעלד און מיט שייער —
זיי פולן די לופט אָן מיט ווארימקייט ליבער
וואָס שטראָמט פון א היימישן פייער.
נאכט איז אין שטעטל, איך ליג אויפן גאָניק.
ווער דאָרף איצט דער מאמעס געלעגער?

איז וואָס אז ס'איז איינס, אין וואָס אז ס'איז צוויי
איז וואָס אז ס'איז דריי שוין דער זייגער ?
הער איך און ווייס ניט, ס'איז יום־טוב אין דאָרף,
ס'הוליען דאָרט גלאַט אזוי יונגען.
איז וואָס איז דער חילוק, א באלד וועט מיר דאכט
די לבנה אויך אָנהויבן זינגען.
גיסן אזוי זיך פון שכנישן דאָרף
היימישע, זאפטיקע טענער,
ביז ס'הייבט אָן דער פרימאָרגן צו ווארגן די נאכט
און ס'הויבן אָן קרייען די הענער.

מערקט איך ווי רויזנצארט ריווקין איז פארליבט אין זיין היים; דעם פרישן קלאנג פונעם פערז און די לאשטשענדיקע ווייכקייט פון די ווערטער. ממש עס טריפט פון זיי מיט שלווה און בראשיתדיקער פרייד.

נאָכמער בארימט אין ער געוואָרן מיט זיין פאָלקסטימלעכער פאעמע — "חיים־ברוך אָטא־פאָר־איך", פארעפנטלעכט אין דער בוקארעשטער וואכנצייטונג "די וואָך".

אָט ווי הערצל האָט, אין א שפעט־נאכטיקער שעה, מיר דערציילט — אויף זיין פיקחותדיקן אופן — די זיסע געבורט־ווייען פון אָט דעם געזאנג, וועלכער האָט פאראייביקט דעם קאפרעשטער מלא־דיצהדיקן באלעגאָלע. "איבערגעלייענט — האָט זיך נחתדיק געקוויקט הערצל — פרץ מארקישעס פאעמע "נישט געדאגה'ט", ווי ער פארגייט זיך פון גרויס נחת וואָס זיין מענדל פון כאסלאָוויטש איז מיטאמאָל געוואָרן א... קאָלכאָוניק. האָב איך מיר אזוי געזאָגט: מעכעטייסע, דו גיב אים טאקע, מארקיש, דיין מענדלען אָן אדערויף פון פרייד, נאר צי אים וועט באמת טרעפן אזא גליק ? איז הלוואי איך זאָל בלייבן א... ליגנער.

נאָר אז מיין זעמליאק חיים איז באמת מלך־פריילעך, אין דעם בין איך זיכער. כ'לעבן: ווער איז צו אים גלייך, ווען מיין חיים־ברוך זעצט זיך ברייטלעך אוועק אויף דער קעלניע, כוואַשטשעט מיט דער בייטש און זינגט זיך אונטער א וואָלעכישן ניגון ? און וויל ער גיט ער די פאסאזשירן זיינע "פאָיעזד" און נישט — "סטאנציע". מיט איינעם וואָרט — ער קעניגט איבער זער גאנצן טראקט.

איז דעריבער: יעמוד חיים־ברוך אָטא־פאָר־איך, און הוליע מיר לדורות אויף אלע שליאכן פון אונדזער שירה. איז זאָל די וועלט וויסן: אז אויב באסאראביע איז דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל פון רומעניע, איז קאפרעשט איר נאָפל".

יאָ לדורות, גישט לדורות, אָבער "חיים ברוך אָטא־פאָר־איך" איז געוואָרן א שם־דבר. דער עפיש־הומאָריסטישער אינטערמעצאָ פון אונדזער יונגער דיכטונג.

— ג —

און הערץ ריווקין — דער פונעם פאך פארמעסטער און טיכטיקער בוי־טעכניקער פון שאָסייען, האָט זיך גאָר אויף אָן ערנסט זיך פארמאָסטן צו ענדערן דעם קאָליר פון זיין אידילישער בעסאראבער היים פון גרין אויף רויט.

אָבער מיט אַן א שיער קלעמעניש זאָג איך: לאָמיך מיך דאָ נישט נעמען אויסרעכענען זיינע פּאָעטישע חטאים... ווייל כ'האָב נישט ווייניקער — אויב נישט מערער — קאָמוניסטיש אונטערגעזינדיקט פון אים...

די אַלטיטשקע באָבע־צייט טוט זיך אירס: אזוי אז אין הרת־עולמדיקן לעבן, פון יעטוועדן שעפערישן מענטשן, קומט — ווען פריער, ווען שפּעטער — דער גורלדיקער טאָג, ווען דאָס דיכטערישע וואָרט אויפן גומען, איז געגליכן צו א הייליקן, וואָס פאַרהיט און באַשירעמט זיין צונג און זיין פעדער פון פאַרשוועכנדיקע עבירות.

— איז געדענקט זיך: זענען מיר עס ביידע — הערץ ריווקין און איך — געשטאַנען אויפן ראָג, פון דעם דעמאָלטיקן סאַמע יידישסטן קוואַרטאַל פון בוקאַרעשט דער קרוינשטאַט — קאַלעא וואַקאַרעשט און זיך "געקוויקט" מיט... באָלשעוויסטישע גיפט־טראָפּנס. די סם־טראָפּנס זענען נעמלעך געווען די חלפישע שורות פון דעם רוצחישן אַרטיקל אין דער מאָסקווער "איזוועסטיא" אונטערן קעפּל "די שטיוול פונעם גאָספּאַדין טראָצקי".

ווער זשע זענען געווען די געפּערלעכע שטיוול פונעם "אויבערפּאַררעטער" לייב בראָנשטיין־טראָצקי? לאָזט זיך אויס, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער סאַמע חריפות־דיקסטער פּובליציסט און וויצלער — קאַרל ראַדעק. דער ייד, וועלכן מען האָט באַצייכנט ווי דער לץ פונעם קרעמל.

האָט אזוי אַרום, געדאַרפט הייסן, אז נאָך די דענקער, שרייבער, גענעראַלן, מאַרשאַלן, און טעאָרעטיקער — איז צום לץ שוין אויך געקומען א סוף. און אז מען הרגעט שוין ליצנים אויכעט, איז שוין טאַקע אויף אַן אמתן עק וועלט.

האָט מיטאַמאָל, דער שטאָלטנער בוי־אינזשינער, דער פּאָעט דער קראַסאַוועץ — הערץ ריווקין — מיך אזוי כּהאי לישנאַדיק א פרעג געטאָן: צי געדענקט איך דעם אליינִיקן, אַלטן דעמב, וואָס שטייט אויפן שליאַך צווישן דעם דאָרף פּראַדאַנעשט און זיין שטעטל קאַפּרעשט?

— יאָ, בפירוש געדענק איך. ווייל קען מען עס פאַרגעסן אזא דעמב א ריז, וואָס שטייט נאָך דערצו אזא עלנטער און מרה־שחורהדיקער — עלעהיי ווי ער וואָלט עס באַיאַמערט זיינע אַלט־בחורישע דעמבענע יאָרן; ווייל ער האָט נישט זוכה געווען צו קיין לייטישן ביימער־זיווּג.

— איז אויף אָט דעם דעמב וואָלט איך איצטער געהאַט א גרויסן חשק... זיך אויפצוהענגען. דאָס שוידערוואָרט "אויפצוהענגען" האָט דער אָח מיינער ליצירה ולצרה, אַרויסגעזאָגט אזוי אַנזיכטיק קלאָר, אזש עס איז מיר טונקל געוואָרן אין די אויגן. און תיכף האָט ער — הערץ ריווקין — גענומען אזוי אימפּעטיק יאָגן צווישן די האַנדל־וואַנדלדיקע וואַקאַרעשטער יידן, ווי ער וואָלט אין אַן אמתן וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין.

✡

ויהי ערב, ויהי בוקר יום שני.

אין דער רעדאַקציע פון אונדזער פּראָגרעסיוו־געזאָנגער צייטשריפט "שויבן" — וועמענס רעדאַקטאָרן עס זענען געווען יעקב שטערנבערג ז"ל און שלמה ביקל ז"ל

איז זיך שוין געהאט צונויפגעקומען גאנץ „קעקאלע־קהל" — ווי דער חכם עתיק **ביקל** פלעגט זיך, אויף זיין קאַלאמייער שטייגער, וויצלען איבער אונדז.

און דאָ פלוצלינג, שוין גאַרנישט לויט זיין מיושבדיקער טבע, צעספּראַלעט הערץ ריווקין די טיר און וויכערט אריין אין דער רעדאַקציע — אַן אויסגעבלייכטער מיט רויטע אויגן. קענטיק אז ער האָט, א גאנצע נאכט, קיין אויג נישט צוגעמאכט. און נאָכדעם, אַן דעם ער זאָל אפילו א פּיפּס טאָן דאָס ער האָט געבראכט א „פרישן פּאַפּאַלעק" — ווי ער פלעגט געווײַנלעך הלצהדיק אָנרופן זיינס א ניי ליד — האָט ער א טיפן דעכע געטאן און גלייך עס גענומען פאַרלייענען.

— און איצט, ווען איך לייען עס צום ווײפלטן מאָל, הער איך נאָך אלץ זיין טונקל קול, און זע זיין דעמאָלטיקן געשטעל און אויסזען.

...איבערגעלייענט דאָס ליד, דאָס ליטעראַרישע געזינדל זיך נישט געלאָזט לאנג בעטן און איז ארויס מיט מיינונגען.

יעקב שטערנבערג, אַן אַנגעשפּאַרטער אין זיין משה רבינו שטעקן, האָט ארויסגעקטרעכצט: — „גוט האָלץ, שלעכט האָלץ. ס'זעלביקע אש, נאר נישט דער זעלביקער פלאָם; און דער פלאָם קען, נישט נאָר אייך פארצערן, נאָר אונדז אלע פארברענען". און אין א רגע ארום: „איר הערט, הערצל, איך בין א ייד מיט אינטואיטיווע... נאָזלעכער. איר זאָלט זיך נישט דערוועגן, נישט נאָר פארעפנטלעכן אייער עלעגיע, נאָר זי אפילו פאָרצולייענען פארן עולם. ווייל מיר וועלן אלע פארשריען ווערן ווי טראָצקיסטן. און מאָסקווע איז שוין באלד אונטער דער נאָז" — האָט ער א יעכץ געטאָן.

(א הערה: כאָטש — אני הקטן — האָב דעמאָלט, ווי אויך איצטער, דערווידערט שטערנבערגן, בין איך אָבער געצווינגען צו באמערקן: אז ווי נאָר די עלעגיע איז באקאנט געוואָרן, האָט מען שוין אָנגעהויבן פארפאָלגן הערץ ריווקינען. מען האָט אים פשוט פארטריבן פון אלע אונדזערע אויפטריטן, אויסגעפייפט, געיאָגט. און אין דער אונטערערדישער רומעניש־קאָמוניסטישער „סקינטעיא" — „דער פונק" האָט מען אים דערקלערט ווי א בוגד).

שלמה ביקל: „א בלאט וואָס פאלט פרעגט זיך מער נישט נאָך ווו סע פארטראָגט אים דער ווינט. און אז ס'איז געשען אזוי אז דווקא איר, ר' הערץ ריווקין, האָט געהאָט אין זיך מוט, גראָד איצט, פארפאסן אזא קינה — הייסט עס אז דער רוח־הקודש פונעם תנ"ך רוט אויף אייך. איז זאָלט איר לייענען, אייער איכה, בפני עם ועדה. איך לייג אייך פאָר איר זאָלט זי אָנרופן — בן אָדם.

...אבער הערץ ריווקין איז נאָך אלץ געשטאנען ווי א מקונן. און ווער ווייסט? אפשר האט ער שוין דעמאלט געאנט, אז מיט אָט דעם קלאג און צאַרן־ליד זיינעם, האָט ער זיך געחתמעט זיין **טויט־אורטייל**.

ווי זאָל דאָ נישט קומען אויפן זינען דער מאקאברער זאָג: אז דער האָן באדויערט וואָס ער האָט אויפגעוועקט דעם באלעבאָס אזוי פרי, ווען ער זעט שוין זיין קאָפּ אויפן קלאָץ...

☆

...געוויינלעך זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: "אז נאָך א שריפה ווערט מען רייך. מיט ריווקינען איז געשען פאַרקערט. ער איז — שוין אין דער סאָוועטישער מאָלדאַוויע — ליטעראַריש נתעלה געוואָרן פאַר... דער שריפה; פשוטער: פאַר דער לעצטער סטאַלינישער שחיטה.

ער האָט אפילו באַקומען די אַלפאַרבאַנדישע דריטע פרעמיע פון דער מאָסקווער יידישער צייטונג "אייניקייט" פאַר זיין נאָוועלע "דער טאַטע און דער זון". דער אַלוויסיקער קריטיקער דאַבּרושין ז"ל איז זיך אויס פאַרגאַנגען פון נחת, וואָס ריווקין שילדערט אזוי מייסטערהאַפט די נאָכמילחמהדיקע סאָוועטישע בויאונגס... גליקן, און האָט אים אויך פראָקלאַמירט ווי דוויד בערגעלסאָנס גרעסטן תלמיד.

קלער איך איצט נאָך:

זאָל זיין אז ריווקין זאָל זיך האָבן דערמאָנט אין שלמה ביקלס אַן עצה, אין א בריוו צו אים: אז "פּראָזע... וואָלט אפשר געווען מער, נאָך מער, צוגעפּאַסט פאַר אייך — דעם שעפער מיט א קלוג ניכטערן געמיט און מיט דער ליבשאַפט צו דער אַרכי־טעקטור פון פאָרעם".

אָבער גיכער לייגט זיך אויפן שכל: אז דער קאַפּרעשטער הערץ הייסינער־ריווקין האָט זיך אַנגעכאַפּט אין די מישטיינסגעזאָגטע "קרבנות המיובח" פונעם — להבדיל — סאָציאַליסטישן רעאַליזם; ווייל צו אָפּט האָבן די אויסוואורפן, די מלשינים־שרייבער געשווירענע באַלשעוויקעס, אים געזידלט, פאַרפאָלגט עד חרמה, אז ער איז א טראָצקיסט און א פאַררעטער מבטן ומלידה.

און פונעם שרייבער־פאַריין ביז צו דער... תפיסה איז א שפּאַן־וועגס.

האָט ער דערבּער זיך געוואָלט ראַטעווען, און געשריבן אין באַקאַנטן סאָוועטישן נוסח.

און כאָטש אין זיין ביכל דערציילונגען "אַרום קעסל־צעך", זענען פאַראַן נישט ווייניק באַהאַרצטע יידן און יידענעס, ייִנגלעך און מיידלעך, באַהויכטע מיטן נאָסטאַלגישן לירישן אָטעם פון זיין קאַפּרעשט, וועלכן ער האָט אזוי ליב געהאַט, האָט ער — דער געזונטער מבין — זיין פּראָזע, פאַר מיר, נישט אַנדערש אָנגערופן ווי... פּראָסע.

און זער נישט קיין פריילעכער פלעגט ער מיר זאָגן, אז טראָץ די אַלע שבחים, גיט ער זיך אָפּ רעכענונג, אז די עפּישע געביידע איז שלימיסטער פון אַלץ וואָס ער האָט געבויט, ווייל דער יסוד אירער איז... שקר וכזב.

☆

איז לאָמיר פאַרגעדענקען: אין משך פון די ניין חדשים — אין דער קעשענעווער תפיסה — ווען מען האָט אונדז, ביי א מנין יידן, טעג און נעכט געמאַטערט אויף די אומציייליקע אויספאָרשונגען; איז הערצל געווען דער, וועלכער האָט אפילו אין שווידערלעכע אומשטענדן, דערוויזן אז זיין ייחוס־בריוו איז גבורה ב"הא הידיעה".

קיינער, קיינער איז נישט געווען אזוי מוטיק ווי ע ר. אויף אזויפיל, אז זיין עלעגיע — וועלכע איז אַן א שיער מאל געלייענט און דערמאָנט געוואָרן לגנאי פונעם מיניסטער אליין, און וואָס איז יאָ געווען געווענדעט קעגן תליון סטאלין — האָט ער אויך נישט אנערקענט און נישט געחתמעט אז ס'איז א אידעישער חטא. א מין פאַטעישער ממזר.

מיט הערץ ריוווקינען האָבן מיר — משה אלטמאן, מאָטל סאקציער און איך — זיך אָפגעזעגנט אויף אלע תמיד, אין קויבישעווער גהינום התחתון — די אזויגערופענע "פערעסילקע" — געמיינט: איבערזידלונגס תפיסה, אין חודש נאָוועמבער פונעם יאָר 1949.

ער איז אוועק בחיפזונדיק מיט א ספעץ־עטאפ אויף א בויונג אין דער קאזאכישער קאטאָרגע־שטאָט — עקיבאוסטוס.

מיר דריי, וועלכע האָבן שוין אויסגעזען ווי האלב־מתים, האָבן נישט אנדערש געטראכט אז ער וועט אונז איבערלעבן; ווייל, ערשטנס, אפילו אין גולאג, איז דער כאָך זייגער, פון א בויאונגס־אינזשינער, געווען זער אָנגענומען. ממש א מין רעטונגס־גארטל. און, צווייטנס, האָט ער נאָך נישט פארלוירן זיין מראה. געווען און פארבליבן, ביז אין דער לעצטער רגע, הערץ ריוווקין בן לייזער ורבקה הייסינער.

האָבן מיר אים דעריבער פארטרויעט אלע צוואות אונדזערע: ער זאָל דערציילן און דערציילן — ווי אן עד לדורות — די נשים צדקניות, די קינדער אונדזערע, און אלע וואָס ליידן פון געשיכטלעכער שיכחה.

אָבער, אימהדיק אומגלויבלעך, עס איז געשען גרויליך להיפוך.


ער איז אין לאגער קראנק געוואָרן אויף א קאנסער; און ווייל ער האָט געוווסט אז ער גייט צו דער עקידה, האָט ער פאר דער אָפעראציע, אָנגעזאָגט זיין ידיד־נפש דעם לאגערניק — וועלכער האָט אים אָפערירט — דער פראָפעסאָר קאָרנפעלד ז"ל, אז ער זאָל נאָך זיין — הערצלס־פטירה, אפשטיקן אלע בריוו און בילדער, זיין פרוי עטאָלע מאלאמוד ז"ל.

און אין חודש מערץ, אינעם יאָר 1951 האָט ע ר אויגעהויכט זיין נשמה.

און אזויארום האָט זיין ליטעראַרישע ירושה, און באזונדערס זיין נביאישע עלעגיע איבערגעלעבט זייער שעפער — דעם אומשטערבלעכן וווּנדערלעכן זון פון קאפרעשט — הערץ ריוווקין — הייסינער.

כבוד זיין אָנדענק! זיכרונו לברכה!

נתניה, 1978



הערץ ריווקין

ס׳איז דא ביי מיר אין הארץ א לאנד

ס׳איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, וואקסן דאָרטן לידער
פרישע ווי פרימאָרגנדיקע טויען,
יינגען הילכן דאָרט אויף סטעפּעס:
— ״מיר ארבעטן, מיר זינגען און מיר בויען!״
ס׳איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד קלאפּן אויס דאָרט האמערס
פרייד פון ארבעטער און בויער,
טראקטאָרס זינגען אויס דאָרט איבער פעלדער
ס׳ליד פון פויערטע און פויער.
שלינג איך, שלינג פון יענע לידער
יעדער וואָרט און יעדער קלאנג
און ס׳וויל זיך מיר אזוי אויסשאלן
אזא מונטער פריש געזאנג.

צוריקקער

פראגמענטן פון א פּאָעמע

ווי איך זאָל מיין - ווייַ ניט צוימען
וויל מיין יידיש הארץ ניט שווייגן,
האָסט געזען א מאָל א בוים וואָס צוויטעט
מיט צעהאקטע צווייגן?

1

צי ביסטו געווען אמאָל אין וואלד אן אוראלטן
ווי טויזנטערביימער מיט גאָלדענע קרוינען,
זיי שטרעקן די צווייגן מיט בלעטער און זוכן
— אזויווי מיט מענטשלעכע פינגער — די שכנים
און ציען ארויף זיך צום בליאסק פון די שטערן
און וואקסן ווי ברידער — אינאייינעם. אינאייינעם.

צי האַסטו געזען זייערע אוראלטע וואָרצלען
וואָס פלעכטן זיך איבער און ערדישע גרונטן
און ס׳דאכט פון קדמונים אין גרונטן זיי דרימלען —
צי האָסטו געזען ווי מיט זאפטן זיי טרייבן
די גזעס, די צווייגן, ז׳י בלעטער — צו הימלען.

צי האָסטו פארנומען דעם צער פון דעמבעס
אין שטילקייט פון אָוונט — לויטערן, קלאָרן —
צי האָסטו באנומען דעם וויי פון די ביימער
וואָס פאלן אוועק מיט פארשניטענע יאָרן?

דער עכאָ פון אומקום. דער רויש פון זייער פאלן
— אָט באלד און עס וועט זיך די ערד דאָ צעשפאלטן —
נאָך היינט גייט מיר נאָך מיט דער פרישקייט פון נעכטן
דער טרויער פון גרויסן וואלד, דעם אוראַלטן.

2

ס׳האָט ניט איין געפאר געלאָקערט מיינע שעהן
איך האָב מיט שטאָלץ און מוט זיי אויסגעמיטן.
גלויבן מיינער, טרייב די טונקלע זעונג.
וואָס אין בליק אין מיינעם האָט איינגעשניטן.

☆

ליים און ציגל פאר די חורבות
פאר דעם הארץ וואָס איז ביז וויי דערשיטערט
דער טאָג א ניי־געבוירענער האָט זיך מיט פרייד צעלויכטן
נאָר די נאכט מיט אָפשיין פון געשפענסט נאָך ציטערט.

כ׳טרייב די זעונג און זי קומט נאָך קלאָרער.
היימישער פייסאזש אין טונקל־כמורנע פארבן.
און עדה יידן דערשראָקן אויף די וועגן
איבער זיי לבנה א שווימענדיקער שארבן.

רויך פון פעלדער אשיקע זיך קייקלט ביי די ברעגעס
און די פינצטערניש געדיכטער, אלץ געדיכטער —
אויגן, בליקן — שפרייזנדיקע פונקען
און די נאכט קוקט שארף מיט טויזנטער געזיכטער.

ס׳איז מיין שטעטל אויף די וועגן,
ס׳איז מיין שטעטל אין זיין שטומען וואָגל.
הימל — פעך און שוועבל.
פייערדיקער האָגל.

ס׳איז מיין שטעטל אויף די וועגן
אין זיין גורלדיקן וואָגל
איך נעם ארום א יעדן יידן
קוש אים אויס פון קאָפּ ביז נאָגל.

פליטים, פליטים אויף די וועגן
שטויב איבער די קנאָכן.
ס׳איז מיין הייט אין פייער,
ס׳איז מיין זעל צעבראָכן.

3

זון־פּארגאנג זיך שפּילט מיט וואסערן פון רואיק־פליסנדיקן
רעאוט.
א קינד — איך האָב פארבלאָנדזשעט נאָכן באָדן זיך פון ברעג,
אין אָנבליק פון דער נאכט וואקסן העכער אויס די סקאלעט
און ט׳קלאפּט אין הערצל צוויעקעס איין — מיט העמערלעך —
די שרעק.

פּלוצעם פון דער טונקל, נאָר ווי אין א מעשה, מיט זיין מאָגער
פערדל
מיט זיין פעסל וואסער, מיט די קאנען — א ירושה פון זיין
זיידענס־זיידע
פליט אדורך. א צעחושטער, וועלוול ״לאמעדאָווניק״.
וואָס די חשכות לאַזט אים קוים פון שאָטנס — אונטערשיידן.

אָט פליט ער ווידער וועלוועל וואסערפירער, נאָר ווי צו א שריפה,
איבער דעכער, הייזער — שפּרייזט זיין מאָגער פערדל.
און עס ברענט דער קלויסטער. און די סטעפּעס ברענען.
אין די פלאמען — זיינע אויגן. אין די פלאמען זיין גרוי־פערדל.

און איך יאָג מיך. יאָג מיך. שוועל פון ערשטער כאטע.
קאנען — רויטע וואסער. פערדלס בליקן — טרויעריק
דערשראָקן.
בענקשאפט מיינע, האָסט געבראכט מיך אהער צו טראָגן,
און איך ווייס ניט: כ׳בין א קינד נאָך צי א גרויער זקן.

4

שניידט א טערן דורך די נאכט,
און באלויכט די גרויע ליקן,
טרויער מיינער, לאָז מיך שפּרייזן
לאָז מיך געבן דיר א תיקון.

וויפל טעג האָט עס געכאָוועט
אָ די ווארעמקייט — מיין שויס.
מיט פארקריצטע ציין איך שטיי איצט
ביי מיין פאָטערט חרוב הויז.

ס'איז דעם וויי ניט איינצוצוימען,
— עס האמערן אין מוח די שלייפן —
עס גייט דאָס האַרץ די ברעגעס איבער.
נעט און שמיד עס איין אין רייפן.

5

פון פאָדלאָגע הויב איך אויפעט אונדזער יומטובדיקן לאָמפ,
טראָכדן געזעגנע זיי שפילן נאָך מיט לעבעדיקע פארבן,
שניידט א טארפער קוויטש די שטילקייט פלוצעם דורך.
עס בריט די הענט א שווארץ פארקוילטער שארבן.

א ליידיקער צעבראָכענער — מיין פאָטערס אלטער ביכער־
שראנק.
איינזאם און צעטראָגן, פול מיט ווייטיק שטומען —
קוקן פון די ווענט אראָפּ צעריסענע געזיכטער
פון טמאָליענסקין און פון משה ליליענבלומען.

און כאָטש דאָס ווייטע אויוונדל איז שוין לאנג צעבראָכן
זשומען אלץ ארום נאָך, ווי אמאָל, אין קיך די פליגן.
און אין ווינקל וו זי פלעג מיט ליבשאפט פאר די קינדער
ווארעמעס גרייטן
ווי א פאווע שוועבט אי בלוי, אי דורכזיכטיקן אום — דער
מאמעס ניגון.

האָרציקע, יידישע מאמע. וו איז זי אצינדער, וו איז זי.
אויף וועלכע וועגן זיצט זי פארקאַרטשעט, געבויגן
און אין בענקשאפט נאָך די קינדער אירע
וו ווײנט זי אויס זיך אירע אלטע, מידע אויגן ?

6

באוואקסן די סטעזשקעס וואָס פירן צום ברונעם.
פארזשאָווערט עס הענגען דער עמער, די קייט.
אין ס'ציען זיך שאָטנס געדיכטע און לאנגע,
פארדעקן דאָס גראָז מיט זייער אָוונטיק קלייד.

ביים הילצערנעם ברונעם מיר פלעגן דאָ קינדווייז
ניט איינמאָל זיך שפילן ביז נאכטיק דעמער
אַ שבועה געגעבן, איז הייליק די שבועה.
— מע מוז די לבנה ארויסציען אין עמער.

שמייכלט לבנה און ווינקט פונעם וואסער
ווייצט מיט איר בליאסק וואָס ווערט קלאָרער און העלער —
ברוגזע יאטן ביז צום פארצווייפלען
ווארפן איר שטיינדלעך אין זילבערנעם טעלער.

שטיי איך און קוק; ס'איז די זעלבע לבנה
נאָר עפּעס דער ברונעם געוואָרן איז טיפער.
צי בענקט ניט דאָס הילצערנע פלייטל אין אָוונט
נאָכן געיעג פון די יאטן די שטיפער?

איך צי אלץ דעם עמער און קאָן אים ניט גרייכן,
פלוצעם אין ברונעם א ברענענדיק ליכטל,
אין וואסער איך זע ווי עס צאפּלט און ווארפט זיך
א קינדיש געזיכטל.

די סטעזשקעס וואָס פירן צום ברונעם — באוואקסן.
פארזשאווערט עס הענגען דער עמער, די קייט.
שאָטנס זיך ציען געדיכטע און לאנגע,
פארדעקן דאָס גראָז מיט זייער אָוונטיק קלייד.

7

נאכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
ווו זענט איר, ווו זענט איר אצינדער
צי האָט אייך דער שווארצער מחבל פארטריבן
אינײנעם מיט שאָף און מיט רינדער?

צי בלאָנדזשעט איר סודותדיק אום אינעם וואלד
און רוט מיט יונגען ביים שייטער?
צי אפשר נאָר קעגן געפארן און טויט
איר יאָגט מיט די נאכטיקע רייטער?

נאכט איז אין שטעטל און שטיל איז ארום.
די שטילקייט איז פול מיט געפארן.
ביים בריקל וואָס פירט צו דעם שכנישן דאָרף
וואכן צוויי הויכע זשאנדארן.

פלוצעם א עכאָ רייסט דורך די נאכטן
צוויי שאָטנס דערשטיקן די וועכטער,
לבנה באווייזט זיך אויף גיך און פארשווינדט
און ס'דאכט אז זי קייכט פאר געלעכטער.

דאָס וואסער אין טייכל פליסט רואיק און שטיל.
ס'איז איינס צי ס'איז צוויי שוין דער זייגער.
מיט פעלדער אוועק זענען יונגען אין וואלד,
אוועק צו זייער נאכטיש געלעגער.

בלאַנדזשען אום נאכטיקע לידער אין פעלד
און רוען מיט יונגעןביים שייטער.
צי אפשר אקעגן געפארן און טויט
זיי יאָגן מיט נאכטיקע רייטער.

8

בענקשאפט, בענקשאפט, מאמע מיינע
האָסט געבראכט מיר היינט צוטראָגן
דעם גערוך פון גרינעם פרילינג,
אויף א היימישן וואָגן.

לייג איך מיך אין שטרוי אריינעט
און די נאכט — מיט קלאפ פון טלאָען —
טרייבט די אומרויקע רגעס
און די וואכע מיינע שעהן.

ווער קאָן ציילן איצט די מיילן
ווער וועט מעסטן — וייטן
אויף דעם רייטוואָגן פון נאכט
איך, מיין בענקשאפט — ביידע — רייטן.

און עס איילן אונדז אקעגן
— טרויער מיין, ביסט אויך געקומען ?
דערפער, שטעטלעך נישט דערברענט
בלינדע שטיבער — ווי בעלי־מומים.

בלאַנקען זיי אויף פרעמדע וועגן
— "ווי וועט זיין דיר אונטערצינדער !"
ערגעץ וויינט א שטים פון ווייטן :
עס רופט א מאמע אירע קינדער...

אוי דו טרויער מיינער, טרויער,
וויש די טרער אָפּ פון די אויגן
אויף די שליאכן פון מיין היימלאנד
הענגט שוין אויך א רעגנבויגן.

☆

עלעגיע

ס'האָט בלוט אין מיר פאר בושה, פאר פארדראָס
זיך היינט צעברויזט, צעזשומעט,
נאָך קיינמאָל האָט ביז היינט דער נאָגנדיקער אומעט
ניט אזוי צעבראָכן מיך, פארמאטערט.
ווי א ווונד האָט צווייפל מיין געמיט צעיאטערט.
ווי א ווונד.

אזויפיל צווייגן אויף וועלכע ס'האָט גלויבן מיינער אינעם מענטשן
זיך צעוואקסן, ניט איינמאָל זיך צעבליט מיט פרישן זאפט, —
זע נאָר ווי זיי ברעכן זיך און צו דער ערד זיי פאלן
מיט אזא ציניש־שוידערלעכער קראפט.

זע נאָר, זע נאָר.

זוך איך ווערטער מיך אליין צו טרייסטן,
וויל ביי מיר פאר מיר אליין כאָטש עפעס פועלן,
און ס'ברענט אין בריט ווונד ווי זשארענדיקע קוילן.
גאולה, וועלט־דערלייזער און מארטירער.

מענטש, ווער ביסטו, זאָג!
פירער צי פארפירער?
— מענטש!

אין חלל פון מיין איינזאם צימער
האָב זיך אזויפיל שווארצע בשורה־ברענגער אויפגעהאנגען
און זיי הענגען, הענגען.
כ'האָב מורא מיין אייגן וואָרט אויף ליפן היינט צו ברענגען.
מענטש מענטש, מיט וואָס, איך מיך טרייסטן,
אָפגעפלויגן היינט א סטייע ווייסע טויבן . . .
ס'טוט אזוי מיך ווי מיין בלינדער גלויבן,
ס'טוט אזוי מיך ווי.

שטיי איך איצט און ציטער,
ציטער פארן מאָרגן,
פארן סודותדיקן שפעטער,
איך און דו און ער —
ווער זענען מיר עס, ווערן כאָטש ניט קיין קינפטיקע פארעטער,
ניט קיין קינפטיקע פארעטער?

א נעפל האָט פארצויגן אויך דעם בליאסק פון מוטיק־פעסטע בליקן.
מיר דאכט, א דור א גאנצער איז פארוווּנדעט, קראנק מסוכן.
ס'האָט די ווונד זיך איינגעגעסן ביזן מארך פוןביינער.
כ'בין ניט איינער. כ'בין ניט איינער.

טרערן ווארגן, שטעלן זיך אין האלדז,
— מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ . . .
— מענטש!

— —

שטילער. שטילער. אַפּגעווישט די טרערן.
זאָל דער שונא כאָטש ניט זען, ניט הערן.
ס'איז דער וועג נאָך אזא לאנגער, אזא שווערער.
מאך די אויגן צו און גלויב און בענטש !

מענטש. לייטערונג. גאולה. וועלט־געוויסן.
טיף אין הארצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן.
אָפּגעריסן.

פעברואר 1937

איבערברוך

ציען זיך קרומע און נאקעטע וועגן,
שלענגלען זיך שליאכן אויף סטעפּעס,
רוען די שליאכן זיך אָפּ אין די שטעטלעך
וואָס דרימלען און בענקען נאָך עפּעס.

שטייען אזוי זיך די שטעטלשע שטיבער,
זינקען אין שטויביקער ענגשאפט,
האָט ידער געסל א כאפּטע מיט ייִנגען
וואָס וועבן די טעג אויס אין בענקשאפט.

שטייען די טאטעס אויף שוועלן פון קראָמען,
קריגן און זידלען זיך איינער מיט צווייטן,
רייסן זיך איבער פארבייגייער־קוינים
און שלעפּן אריין זיי צו זיך אין די קלייטן.

און יעדן פארטאָג ביים אָריינפאָר אין שטעטל
ווארט מען אויף פורלעך מיט ווייץ און מיט קאָרן,
רייסט מען זיך איבער א פויער מיט טוווע,
שפּריצן דאָרט פויערשע אויגן מיט צאָרן.

דרייט זיך אום ייִנגווארג מיט אומרו אין אויגן,
טוליעט זדי אומעט צו טאטעשע היימען,
בענקען נאָך עפּעס די שטייִטלשע ייִנגען
און ווייסן אליין ניט נאָך וואָס און נאָך ווײמען.

לויפן די צוגן אויף ווייט־ווייטע שטרעקעס,
פירן צו גרויסע, צו רוישיקע שטעט,
יאָגט נויט פון די שטיבער און שרייט צו די ייִנגען :
— "אנטלויפן, ווייל מאָרגן וועט זיין שוין צו שפּעט !"

ציען צור שטאָט זיך די יינגלעך און מיידלעך,
שפייען די לונגען דאָרט אויס אין פאַרבריקן
אין טויזנטער דרייען זיך אום אין די גאסן
מיט ליידיקע מאָגנס און צאָרניקע בליקן.

מישט זיך אויף גאסן אויס זאטקייט מיט הינגער,
זויגט יעדער טאָג פרישן מארך פון די ביינער,
שפּראָצט א פארדראָס וואָס צעוואקסט זיך אין הערצער
וואָס הארטעווען פויסטן ווי גאסיקע שטיינער.

פארשווונדן ווערט אומעט פון יינגלשע אויגן,
הערצער זיי ברויזן, פויסטן זיי דראָען,
עס ציילט שוין דער הונגער פאר וואָכן — די טעג
ער ציילט שוין מינוטן — פאר שאָען.

וואקסן א.וי יענע קרעפטיקע מאכנעס
וואָס טראָגן די פענער פון אויפשטאנד אויף גאסן,
זיי ברענגען דעם רוף פון רעוואָלט אין קווארטאלן
וואָט הונגער אליין האָט געלערנט זיי — האסן.

איז וואָס אז די טפיסעס די גרויע, זיי האָבן
די גיריקע מיילער צעעפנט, צעפראלט, —
עס שפּראָצן די מאכנעס פון קעמפער און וואקסן
ווי גראָזן אויף פעלדער, ווי בוימער אין וואלד.

הונדערטער יינגען מיט מוט אין די בליקן,
ווער קאָן זיי דען ציילן, ווער ווייסט זייערע נעמען?
א בענקעניש בליט אין די הערצער אין זייערע,
זיי ווייסן יאָך וואָס שוין זיי ווייטן נאָך ווען.

הערץ ריווקין

חיים-ברוך, אט-א פאר׳ך

כוועל א מעשה אייך דעציילן
פון א שטעטאלע א קליינס
וו דאָס שטעטאלע געפונט זיך
זאָל אייך זיין אלצאיינס.

וויסן זאָלט איך נאָר דעריקער
אז ס׳איז דאָרט פאראן א באן
ווייט א מהלך פונם שטעטל
קילאָמעטר גאנצע ניין.

און ערשט איצטער וועט איר הערן
ווער עס פאָרט טאָג־אויס, טאָג איין
מיט א פולער בויד פארשוינען
פונם שטעטל צו דער באן.

פאָרן, פאָרט א בעל־עגלה
הייסן, הייסט ער חיים־ברוך
און דאָס גאנצע שטעטל רופט אים:
״חיים־ברוך, אָט אָ פאָרד״.

און "חיים־ברוך, אַט אַ פּאַרעד"
איז א לוסטיק, פרייליך יידל,
שטענדיק מיט א וויץ, א ווערטל
תמיד מיט א פריילעך לידל.

— "כל־זמן אורציע שענקער לעבט
נאָך
"איז א דאנק "השם יתברך",
— "גיב זשע ביילע גיך די בייטש מיר,
"ווארט א רגע, אַט אַ פּאַרעד" . . .

אזוי פּאַרט זיך חיים־ברוך
לאנגע יאַר שוין אויף די וועגן
קלאפּט דעם שליאך אין שניי, אין
בלאָטע,
פירט מלחמה מיט דעם רעגן . . .

און אינדערהיים זיין כייע־ביילע
שענקט אים יעדעס יאַר א זכר.
יעדעס יאַר א נייעם פרעסער,
יעדעס יאַר א נייעם בחור.

נאר חיים־ברוך, "אַטאַ פּאַרעד"
האָט פון שטענדיק פיינט צו זאַרגן,
אויב סאיז היינט א ביסל שווערלעך
וועט דאָך לייכטער ווערן מאָרגן.

ווען אויף אלע ברייטע שליאכן
וועלן פּאָרן זיינע יאָטן
און אז ווייל וועט זיין דער מאַמען
און אז ווייל וועט זיין דעם טאַטן.

☆

פליען טעג און סלויפן וואָכן
פון חדשים ווערן יאָרן
און חיים־ברוך "אַט אַ פּאַרעד"
אלץ געפאָרן און געפאָרן . . .

☆

. . . יינגען וואקסן ווי די דעמבעס
שטארקע הענט און ברייטע פּלייצעס,
ביינעש זיצט שוין אויפן פורל
און ער האלט שוין פעסט די לייצעס.

נעמט דער טאַטע אים צום באן מיט
פאַיעט ער די פערדלעך אָן,
זיצט חיים־ברוך ווי א פריץ
זיצט און שמייכלט אויבנאָן . . .

קוקט זיך ביינעש איין אין "יוויזעל"
און באטראכט דעם רויטן האָן,
וואָס ער שטייט און היט דעם ברונעם
שוין פון יאָרן, יאָרן אָן.

און חיים־ברוך פאָרט שוין ווייטער
פאָרן סלופעס, בערג און טאָלן
די פארשוינען אויפן פורל
נאָר זיי גראגערן און מאָלן.

הערט ניט ביינעש וואָס זיי רעדן
סאיז פאר דעם נישטאָ קיין צייט
סווייזט דער טאַטע מיט דער בייטש
אָן
אז די באן איז שוין ניט ווייט.

איז דער צוג שוין אָנגעקומען
לויפן, יאָגן די פארשוינען
האָט קיין גרונד זיין פרייד די גרויסע
האָט קיין גרעניצן זיין שטוינען.

אין דער צוג שוין אָנגעקומען
איז דער צוג שוין אָפּגעפלויגן,
אלעס, אלעס ווי א וויכער
אלעס ווי א פייל פון בויגן,

ביינעש ווייסט ניט וווהין צו קוקן
לויפט ארום אין די וואגאָנעס,
העלפט דעם טאָטן שלעפּן, טראָגן
בייכיק־פולע טשאמאדאנעס,

זענען טשאמאַדאנעס שווערע
און א ברייטער איז דער וואָגן,
מיט א צענדליק פאסאזשירן
פערדלעך לויפן, פערדלעך טראָגן . . .

אַט איז מען ווידער אין דעם שטעטל
צוגעפאלן שוין די נאכט,
עסן פערד געשמאק אין שטאָל שוין
סאיז דער טויער צוגעמאכט,

אויפן גאַניק זיצן יאַטן
ביינעש איז דא היינט דער ״גיבור״
זאלט ער זיי אין איין דערציילן
און די חברה פרעגן איבער.

— ״נו, א פאראַוויקל, חברה,
״נו, א ביסל פאסאזשירן,
״ווייסט דער רוח אים ווי ער קאן
״אזויפיל מענטשן דאָרט דערפירן״,

און די יאָרן לויפן, יאָגן
גלייך מ׳טרייבט זיי מיט א בייטש
וואקסן חברה ווי אויף הייוון
א יינגאטש נאָך א יינגאטש.

וואקסן יינגן, נו איז וואָזשע,
אויסגעצויגן זיך אליושע?
טראקטן דארף מען דאָך ניט זוכן
נאָך א וואָגן? אויך נישקאָשע!

מ׳דארף נאר איינגעבן א ביטע
אין דעם קליינעם ליי־שפּאַר־בענקל
און דער ״אלדאמאש״ איז פארטיק
שוין פון לאנג אין אורציעס שענקל.

קויפט מען צו אזוי א וואָגן
א פּאָר לאָשיקעס ווי בערן,
אין פארטאָגן לאזט שוין שאפּסע
אויך זיין הילכיק קול דאָ הערן

און סאיז שאָפּסע אזא מיאוסער
און האָט אויגן מיט טראכאָמע
— ... ״אוי א קאָפּ — נאָר א
מיניסטער
״ווי זאָל זיין פאר אים דער מאָמע״.

זהאָט נאָך מערער ליב אים, ביילע
כאטש ער איז ביי איר דער מיאוסטער
— ... ״אזא שוואכער איז ער שאָפּסע
״גאנצע נעכט נאָר היסט ער,
היסט ער!״

נאָר נאָך ביינעשן דער צווייטער
דער בלוי־אויגיקער אוריימל
שמעקט ניט צו די פערד אפילו
ווייסט נאָך ניט וואָס הייסט א ציימל,

סזאָגט דער יארשעוווער ״אוטשיטיעל־
אז ער וואקסט א גרויסע כלי,
שמייכלט אונטער חיים־ברוך
און עס שמייכלט אויך זיין ביילע.

״סוועט אוריימל, — זאָגט חיים־ברוך
״זיין מיר דאכט גאָר א מלמד,
ניט ער קען א ציימל אָנטון
״ניט ער ווייסט וואָס הייסט א
כאמעט״,

און סשמייכלט אים א וואָנציע
ווען דער לערער קומט אים ווייזן
— ״סהאָט אוריימל פינעף פערטלעך
״אָנגעשריבן היינט אָן גרייזן״ . . .

קומען יאָרן און פארגייען
און עס וואקסט אויך דאָס געזינדל
סהאט חיים־ברוך אויף דער עלטער
א מיזינקע — הינדל.

און סאיז הינדאלע א פייער
און סאיז הינדאלע א ספירט;
א פּאָר אייגאלעך וואָס ריידן:
— ״קוקט אויף מיר נאָר און
קרעפּירט״!

זענען טעג אזוי געפלויגן
הינדל אין שוין אויך א גרויסע,
סמאכט אליושע דאָרט ביי אורציען
שוין א ״כוסה״ נאָך א ״כוסה״.

סאיז אליושע דארט א חשוב
ווייל מווייסט אז שווייגן, שווייגט ער,
נאָר גיט ער עמיצן א גלעט
בייט ער יענעם דעם כאראקטער...

ווערטלט זיך אויף אים חיים־ברוך
ביי א גלעזל וויין אין שענקל
— "עליק איז אייך ניט אוויימל
"ניט קיין בוכהאלטער אין בענקל",

"קען קיין דרשות אייך ניט האלטן
"און קיין ביכער אויך ניט פירן,
"נאָר פאַרט ער אייך אריין אין
"זובנאַי־פערעאולעק"
"מוזט איר פארלירן א פאָר
פאאסאזשירן".

און אווריימל? שוין פון לאנגע יאָר
אווריימל
קיין אמעריקע א וועק איז
און ער לאָזט קיין וואָרט ניט פאלן
פון אַט יענע ווייטע שטרעקעס.

אַפט דערמאנט אים כאיע־ביילע
און זי הערט ניט אויף צו זיפצן,
— "וויפיל זאָגסטו, חיים, וויפיל
"פערצן יאָר שוין גאָר צי פופצן?...

— "און אז פערצן און אז פופצן
"און אז גאנצע טאקע זעכצן
— גיט חיים־ברוך זיך א בייזער —
"נאָר זי הערט ניט אויף צו קרעכצן"...

"סאיז דיין "למדן" שוין אין ניו־יאָרק
"א מאגנאט פון לאנג מיסטאָמע
"דארף ער שרייבן פלוצים בריוולעך
"צו קבצנים טאַטע־מאַמע"?

"שאַפסע קער זיך אויף ניט שפילן
"מיטן בייטשל דאָרט אין קיעוו
"און פונדעסטוועגן איז שרייבט ער
"יעדן חדש אָן א בריוו"...

קומען בריוולעך אָן פון שאַפסען
סאיז צום ליינען א מחיה,
"טאַטע — שרייב ער — סאיז א
"סטראַי" דאָ
און א וועלט א שפּאָגל־נייע..."

— ...און זאָל הינדל גיכער קומען
"סאיז פאר איר דאָ א גן־עדן..."
... "און די קליינע אָקטיאברינע
קושט די באָבען מיטן זיידן..."

— "טשודנע נעמען" — זאָגט
כאי־ביילע —
"אזא נאמען גאר "טשיאפרינע",
... "און עס גרוסט אייך ליב און
ווארעם
אויך מיין צווייטע "פּאַלאָווינע"...

און חיים־ברוך פונדערווייטנס
פונם "סטראַי" פון יענעם האלט ער,
"סשרייבט שוין שאַפסע" —
זאָגט ער — בעסער
פון אברהמען דעם בוכהאלטער"...

גייען יאָרן, לויפן יאָרן
סאיז א "אכציקער" חיים־ברוך
"נו איז וווזשע, שוין א זקן?"
ווארט א רגע, אַטא פאַרעך!"

פאַרט אליושע, פאַ.ט אויך ביינעש
ווער מיר בלאַטע, וואַס מיר רעגן,
פורלעך דריי און פערדלעך שלעפן
איבער שליאכן, איבער וועגן.

(מתוך השבועון "די וואך", מס' 43—44,
מ־28 בפברואר 1935, בוקארשט.



מריש — ביאנוב

צבי (הרשל) צלמן

בין המושכים בעט־סופרים, ילדי־המקום, בהם נתברכה עיירתנו, יש לכלול גם את המשורר צבי צלמן.

הוא נולד, בשנת 1913, להוריו משה וזלטה צלמן. בשנת 1931 סיים את לימודיו בסמינר למורים בצ׳רנוביץ.

כבר בגיל צעיר התחיל לכתוב שירים בעברית, אשר אחדים מהם ראו אור בשבועון ״העולם״ וגם במאסף ״פרודות״, אשר הופיע בקישינוב בשנת תרצ״ד.

בשנת 1937 הופיע בהוצאת ״אינאיינעם״, בוקרשט, ספר שירים ביידיש (94 עמודים) בשם ״מאסקן־קאראהאַד״, כעין מזיגה של שיר ותפילה.

בשנת 1939 הוא פירסם בבוקרשט פואימה ביידיש ״בלוט״ (64 עמודים).
ספר השירים שלו ביידיש ״ציגיינער־מאַטיוון״, הופיע בשנת 1940.

בתקופת מילחמת העולם השנייה, נעלם צלמן ברחבי ברית־המועצות, ועד היום קיימות סברות מנוגדות בקשר לקיומו: יש גורסים שהוא ניספה בטראנסניסטריה ומקום־קבורתו לא ידוע, ואילו האחרים סבורים שצלמן חי אי־שם בברה״מ.

בין כה וכה, הוא לא רק נעלם, אלא גם קול־שירו נאלם.

✡

צבי (הערשל) צלמן

מנצרת ועד לוז

למה לנו שירים
מאלה המשוררים,
היוצרים בחרוזים —
שירי פרח ירוק ?
הלא כל גוף דווי —
וכל לב נמוק !
לנו בביטויים —
חסרי מישקל וחרוז
ישירו הפועלים —
מנצרת ועד לוז —
בלילות ובימים —
שומרי הכבישים.
עת על הר הפרנאס —
בלי אור בנפש —
יוצרים מדי יום —
יוצרים טיט ורפש —
כולם חסרי תום —
כולם ילדי יום !
והפועלים —
ילדי העם —
על הסדנים בפטישים,
יוצרים שירי שריר ודם
הפורחים בכל לב —
ובספינות עלי־ים !...

ליחף

אנה מועדות פניך, יצור ? —
— שור !
ידיך דם מגואלות מלב אח !
הדמעה בעיניך קפואה ככפור.
והכוהן מקטר קטורת ומור. —
ומברך את לוע תותח !
דמע ודם !
כתמים אדומים : יבשת וים !
ליבות האנשים מושלכים לטרף,
והנגף במחנה לא ירף ! —
היקום מגואל בדמים —
בשלולית הדם עוד חמים...
פצועים...
אנקות הלל. הארץ מלאה קברים,
אנה פעמיי אשים ?
בינות רקיעים ויבשת הדמים —
מוות מרחף —
אנה תסתתר חברי היחף ?
הא לך פצע לבבי ! —
נהמת הדורות ! —
— שירי —
הוא מוות וחיים גם יחד —
אל פחד ! —
הבה נחץ בדמים
גם יחד !!!

פורסמו ב״העולם״ — גליון ל״ב—ל״ג
ע׳ 618, מיום 14.4.1938.

דער בעסאראבער צוג

לאנג, ווי דיין לעבן זיך שלעפט —
מיט טעג אַן ברויט,
מיט נעכט אַן טרייסט,
מיד און פארשווארצט,
דער צוג זיך שלעפט פארשווייסט !
און דער וועג איז שווארץ
און די פעלדער גרין.
און די קינדער וואָס פראשעווען,
שרייען מיט הארץ :
— מאשין !
און דער צוג זיך שלעפט.
אין די זייטן — דער צעלעם.
דער ברונען, דאָס דאָרף,
און אלע פארוואונדערט :
— מאשין !
און אין צוג
כראָפּען פויערים געשמאַק,
און פארוויקלט מיט א זאַק
איז דער קאָפּ און די פיס,
און זיי טרוימען זיס :
— ״דאָס ווייב אין דער היים

נאכט ווייס די ווענט,
און מיט אירע בלאסע הענט
ווישט זי אין ווינקל
די קאַמפּאַדע וואָס ברענט!"
— "דאס קינד אין דער היים
מיט זאמאסקע שמירט
דעם וואָגן וואָס פירט:
פּאשע פאר קי, פאר שאָף און
פאר פערד —
אויף מאמע ערד!"
וועקט דער קאָנדוקטאָר
דעם פויער פון שלאָף!
— בילעט!
— (באקשיש) —
אַהער שטראָף!"
קראַצט דער פויער
דעם שאָפענעם קאָפּ
און שלעפּט פונעם שטיוול
דעם שווייסיקן
לוין...!)

☆

און דער צוג זיך שלעפּט
ווי דיין לעבן לאנג —
מיט טעג אָן ברויט,
מיט נעכט אָן טרייסט —
פאַרשווייַסט...!

☆

מיין היים

— — טונקלע ווי נויט וואקסן די בערג;
און פויערטעס זשמיקען קויטיקס ביים ברעג
פון דיין ים בעסאראביע — דיין ים פון
הונגער און ליד!

עי! — דו שטעטעלע מיין!
די זון צעגליט הענגט
איבער געפלאָכטענע שטיבער
פון צווייגן און פון ליים,
איז דאָרט מיין וויגעלע געשטאנען —
אין בעסאראביע מיין היים.
און דער רעאוט ווי א חלום
צווישן בערג און ווילדע סקאלעס —
פאסט ווי טונקלער טרוים,
ווי שווארצער וויין
און וועקט דאָס בלוט...
און ארום אויף סקאלעס —
אויסגעקריצט
זענען קערפער נאקעטע
פון מיידלעך טרויעריק און שיין;
מיט אונטער־שריפטן: סודותדיקע
יעראָגליפן.
ווייל זינען דיינע זענען:
וואָס טראָגן שווארצע העמדער
מיט אויסגענייטע
רויטע קעלנער!...
און אויף בערג דיינע ארום
זענען דערפער צעזייט
מיט ברונעמער און צלמים,
און יעדן אָוונט מאכן פויערים ליכט,
און באלויכטן יעזוס שמייכל אויפן
געזיכט.
און זומער־צייט, ווען קאָרן בליט,
דער האָבער און דער צוויט, —
קומען ציגיינער מיט ברייטע געצעלטן
און גנבנען הינער און רויכערן,
און קוקן אויף הענט וואָראָזשענדיק
וועגן ווייטע וועלטן...
און אין ווינטער —
פאָרן מיר אויף דיין גלאָז־גלאטן
רעאוט,
און ס'פארגייען אונז די זאָפּרעוועס
אין אלע שפּיצן פינגער,
ציטערט אונז ס'הארץ —
פון בענקעניש; פון בלאָנדזשעניש
און הונגער!

☆

און ווען דער טאָג פארגייט;
פארגייען דיינע הערצער און בלוט
און שטיקן זיך אליין
אין א שטילן סטעפּן־געוויין.

☆

עי! דו שטעטעלע מיין!

סקאלעס...

— — און מאָרגן —
רויט ווי בלוט פון פרישע ווונדן,
טריפט די שיין אין רויזן בעכערס
אין באגינענדיקע שטונדן.
און דער רעאוט, אַט דער שטילער,
שווייגט און ווארפט א מורא אַן,
מיט זיין שוויגן עפעס וויל ער —
מיט די סקאלעס איוואן אַן.
סקאלעס הענגען אויף די בערג
און צווישן זיי דער רעאוט פליסט,
מאמעס זשמיקען ביי זיין ברעג
און פון די אויגן טרערן גיסט:
ווער פון זיי ס'האָט פארלוירן
א דימענט פון א קינד
און ווער א שייפאלע באשוירן
אין וואסערן בלינד.
און ווען גאָר אין פרילינג
ס'האָט פארשווענקט,
זיצט ווי א שטיק שטיין —
קרענקלעך און פארבענקט.
היילן זענען שרעקלעך טיף,
דער מיקלט פון א שלאנג.
צעבייסט זי דיך —
טוט דיר ווי און באנג.
און גרינע או שווארצע
יאשטשעריצעס,
ווי קליינע קראָקאָדילן,
נעסטן זיך אין פיצעריצעס,
דאָרט וו מעהלן מאָלן מיקן.
און צווישן אַט א די פעלזן
שפּראָצן פיאלקעס אַן א שיר.
און די בלויע צווינטער־נעלקן —
ביי די היילן אַן א טיר.

✡

און אין טונקעלע טיפע היילן,
רינען טרערן ביי א פּאָר
וואָס זיי שווערן ביי די הערצער —
וואָס זיך האלטן אויף א האָר.
און שעפטשען הערט זיך אין די היילן,
ווי די תפילות אין א קלויסטער.

✡

ווי די תפילות אין א קלויסטער!



שמואל פוטיק

קווים לדמותה של
ד"ר סוסאלע קליימן ז"ל

הסתלקה, ללא־עת, ד"ר סוסאלע קליימן; שירת־חייה באמצע נפסקה. עוד היה בכוחה לתת ולתרום להקלת סיבלות־אנוש ולא עמד בה הכוח. ליבה נאלם דום.

כבר בשחר נעוריה, דגלה סוסאלע בתפיסות מארקסיסטיות־לניניסטיות והייתה מגדירה השקפתה בבהירות מדהימה, בניתוח קר של איזמל תפיסתה הפילוסופית. היא מאמינה בדרכה ומפתחת עולם רוחני רחב־אופקים בתורות החברה והרוח.

היו בינינו ויכוחים אידיאיים־רוחניים, אשר ברובם היו כעין אקרובאטיקה אינטלקטואלית חדה ומעניינת; וכל אחד נשאר נאמן לדרכו. היה זה ביטוי של נוער שוחר הבנה בהוויית־ העולם, החברה והחיים.

אנו ביססנו את תפיסת עולמנו הציונית־סוציאליסטית על פי תורתו של א.ד. גורדון, ואילו היא, סוסאלע, נדדה למרחקים — לאיטליה ללימודים בבית־ספר לרפואה. הצטיינה בלימודיה והייתה ידועה כסטודנטית מבריקה. במישטר הפאשיסטי של תקופת מוסוליני, גברה בה התפיסה המבוססת על המארקסיזם־לניניזם ויחס חיובי למישטר הסובייטי, המעניק "חופש", דימוקראטיה ואושר לחברה האנושית — כפי שזה בא לידי ביטוי בתהליך ה"השמאלה" בנוער היהודי בימים ההם.

לימים — יצאתי לתפקידי בתנועת "גורדוניה" בקישינוב ובקאפרשט. נפרדו דרכינו — ואני עליתי ארצה ונותק הקשר בינינו.

☆

חלפו שנים. במילחמת־העולם השנייה בא הכורת על 6 מיליונים יהודים וביניהם — הורינו, חברינו ויקירינו מימי־הנעורים. כולנו היינו נתונים בזעזוע, שפקד אותנו, עם היוודע תוצאות השואה וגורל עמנו.

סופר לי, כי עם בואם של הסובייטים לביסאראביה, עמדה סוסאלע על מהות מישטר־האימים שסטאלין "האיום" הנהיג בארצו והשליט, עם תום המילחמה, בארצות הגרורות ואלה שנכבשו על ידו בארצות הדימוקראטיה העממית.

בראשית שנות החמישים היגיעה אליי ידיעה ראשונה על היותה רופאה בצ׳רנוביץ ועל הניסיון שלה ליצור מגע איתנו לבחינת אפשרות עלייתה ארצה.

חלפו שנים רבות והיגיעו מיכתבים ראשונים ממנה, בהם ביטוי של כמיהה לעלייה, ביטוי לייאושה הגדול מהמישטר הסובייטי ולהכרתה בצדקת־דרכנו להגשמה הציונית עם הקמת המדינה היהודית. סוסאלע הייתה בין הראשונות שהיגיעה עם הגל של העלייה המחודשת מברית־המועצות.

☆

פגשתי אותה לראשונה במרכז־הקליטה "אבא חושי" בחיפה, וראיתי כי אותות־הזמן השאירו עיקבות בדמותה וחזותה. התבגרה בתפיסת־עולמה והמשיכה בסקרנות רוחנית לעיין בסיפרות, פובליציסטיקה, מדע ובעיות־חברה.

ראשית דרכה במדינה. נדהמה למראה תופעות, אשר עמדה עליהן, בראיית המציאות מול החזון. אומנם צפתה באור הגדול של היצירה המופלאה בחידוש עצמאותנו הלאומית; העלילה הנהדרת של קליטת־עלייה המונית; קיבוץ גלויות; יצירת מיפעלי תרבות וחברה; פיתוח משק וכלכלה; התיישבות מפוארת ועמידת־הגבורה של המדינה במערכות־השיחרור והגאולה במילחמות נגד ארצות־ערב, כאשר שיא הניצחון הוא בתוצאות מילחמת־ששת־הימים; מילחמה, אשר תרמה לביסוס מעמדנו בהכרת־העולם, כי אכן ניצחה ישראל בכוח עוצמתה הצבאית, הרוחנית והאידיאית.

בימים הראשונים התהלכה כבעולם־האגדה: ספגה רשמים וניסתה להיקלט בחברה החדשה בעיר חיפה. מהר מאוד עמדה בפני תופעות שליליות בחיי־חברה. אם כי נקלטה מהר מאוד במיקצועה בת.ר רופאה בקופת־חולים והייתה ידועה כמאבחנת מעולה. חבריה למיקצוע קיבלו אותה בתור אוטוריטה מוחלטת כרופאה. יחד עם זאת, קשים היו עליה חבלי־הקליטה החברתית. לא יכלה להשלים עם תופעות "הניכור", האדישות, הקינאה והשינאה, אשר קנו להם אחיזה בחיי החברה. תופעות אלה העכירו את רוחה. לא־פעם התריעה בזעף ובקיצוניות על התופעות השליליות; חבריה לא הבינו לרוחה והתעלמו מתוכחתה...

והינה פקדה אותה מחלה קשה, שגרמה לה סבל רב בסוף חייה. לא עמדו בה הכוחות להיאבק במחלתה. מאבקי־החיים, שהייתה נתונה מראשית דרכה כנערה בקאפרשט, עבור דרך איטליה וברית־המועצות — התישו כוחותיה; ובימיה האחרונים הייתה נתונה במצב של ייאוש ואכזבה.

סוסאלע ז"ל, ביטאה בחייה את הכמיהה ליופי, להרחבת אופקי התרבות והמדע; שאיפה לחיי שלימות במישטר חברתי תקין. היא חייתה במבוכות, אבל לא גנזה את השקפותיה ונאבקה עליהן. דמות של תלמיד־חכם הנלחם על דעתו ומנסה להגשימה בחיים — הייתה דמותה.

חבל על דאבדין ולא משתכחין. תהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

ד"ר סאפיע (סאסל) קליינמאן

א געבעט צום יום-כיפור

מאמע רחל! דו ביזט מיין
גאָט
מיין איינציק גלויבן,
ווייל דו האָסט, ווי דיין שטערן,
פאַרויס
שטענדיק דעם אמת געטראָגן
און דאָס ביטערקייט אין הארץ
טיף פארגראָבן...

איך בין די שוועסטער פון
איציק מאנגער
וואָס האָט, אלס יונגער, זיין גאָט
מיט בלוט... באשפריצט
פאר זיין טויט.
צו דיר קני איך
נישט נאָר אין נויט
איך בעט
ביי דיר יעדן טריט!
הער מיין געוויין,
וויש אויס מיינע טרערן

און ברענג א שמייכל
אף מיינע ליפן
נעם צו דעם טרויער
פון מיין פאָלק.

געגנוג שוין בלוט פארגאָסן,
פרעמדע געטער טריי געדינט
פרעמדע טעכער
מיט גייסט און וויסן פארפולט.

געוואָלט האָב איך דער וועלט
א נייעם גאָט פון אמת שענקען
נאר זי איז נאָך צו שוואך, וויכּד
און ווייט פון מיין דענקען.
אלע געטער האָבן
מיך פאראָטן
מיין גלויבן אויסגעלאכט
און מיט פארמאכטע אויגן
צו דיר געבראכט.
ווייל דו אליין, האָסט
געהערט מיין געוויין.

נשמה
ציטער
איז קוש דיין קינד
מיט אלע זינד.
מאך מיין נאָמען נאָר
ביים לעבן גליקלעך
און ווירקלעך
זאָכן מיינע לידער
אלע געטער הערן.
מיין מוח
און כוח
זיי דערווייזן
אז איין גאָט אליין
וועבט
און אייביק לעבט
ז׳ער גאָט פון שענקייט
און פון אמת.

איז דו מיין מאמע
און איך — דיין קינד.

חיפה, 9.10.70

ד״ר סאפיע (סאסל) קליינמאן

טוליע מיך צו...

צו דיר, מיין יונגער,
מיט מיין מידן און פארשארפטן
פראָפיל,
מיט מיין אלטן
טרויער־שטעמפל
פון מיין פאָלק
בין איך געקומען.

בלינד פון צופיל
זען.
נישט געצווינגען
נאָר פון זיך אליין
בין איך צו דיר געקומען.

אז דו האָסט מיך געצויגן
און מיינע לעצטע חלומות
געצויבערט
מיט מיין לעצטער ליבע
מיך פארקניפט.

איז שענק מיר דיין שמייכל
דרוק מיר די האנט
אזוי ווארעם...
און נאָך ווארעמער
וויש אויס די טרערן
פון די בלינדע אויגן
און הייל מיט זיי דיינע ווונדן.
מיין שפראך
איז אלע שפראכן,
מיין היים זענען
אלע וועלטן
אויף דער וועלט.

מיין פען איז מיין הארץ
און מיין טינט איז
מיין בלוט.
ווילסט מיך זען —
זאָל זיין דאס אויג
דיין הארץ
און הער זיך צו צו מיינס
עס קלאפט
אזוי
:אָך שטארקער ווי דיינס
עס קלאפט אין טאקט
דור איין
דור אויס.

איז מיט גאָט, אָדער אָן אים —
טוליע מיך צו די פאָלדן
פון דיין אָריענטאַלישן קלייד.
מיין סטריפטיז־טאנץ האָב איך
דאָרט אין גלות פארענדיקט
און מיט דיר צוזאמען וויל איך
זינגען
מיין ערשט און קיינמאל
נישט דאָס לעצטע
פרייהייטס־ליד.

8.4.70

ד"ר סופיה (סוסל) קליימן

לראש השנה

ראש השנה
ואיזה שושנה
קרועה ?
הראש לחוד...
ורחוקה עוד השנה !


קניתי כרטיס
הוא היה בכיס
אבל איחרתי את הרכבת.

שברתי משקפיי
מרוב צבע
ואימוץ עיניים
כי אותך ראיתי
עולם הפוך ומסולף.
כל כך גדול
וחזק
אבל חולה
חולה...
מתקרב לאט
לאט
לסוף — — — השנה
ללא
שושנה.

היפה, 4.10.70

מריש־ביאנוב

ד"ר משה סמבטיון



אחד מבני קאפרשט, אשר רכש לו שם בינלאומי בעולם הסיפרות, חקר התלמוד וכו' — הוא בלא־ספק ד"ר משה סמבטיון.

באנציקלופדיה לחלוצי היישוב ובוניו (כרך ו') מאת דוויד תדהר, אנו קוראים:

"רב ד"ר משה סמבטיון נולד בכפר דונדושאני, פלך ביסאראביה, בשנת תרע"ג (שנת 1913) לאביו ר' אהרון ליבסטאג שו"ב ולאימו אסתר־לאה (אשר עברו לעיירה קאפרשט).

משה קיבל חינוך מסורתי ב"חדר" ובישיבות. עוד בשחרותו גילה כישרונות של "עילוי", ובהיותו בן 8 שנים כבר ידע על־פה גמרא "ברכות". הוא למד בישיבת קישינב, בהנהלת הרב הגאון יהודה־לייב צירלסון. בגיל בר־מיצווה נודפס שירו הראשון ב"העולם" הלונדוני. ערך ירחון "סמבטיון" בתוך הישיבה.

בגיל 18 הוא קיבל סמיכות להוראה בבודאפשט, שם גם הוכתר בתואר ד"ר למדעי היהדות וד"ר לפילוסופיה. פירסם מאמרים וסיפורים בעיתוני הגולה "העולם", "דגלנו",

"אונוער צייט" ועוד. ערך ירחון עברי לחקר התלמוד "הישיבה" ושבועון אידי "טראנסילוואנישע פרעסע".

בשנת 1932 עמד בראש אירגון־הגנה חשאי "ברית סמבטיונים" נגד פרעות הקו־זיסטים ברומניה. ב־1934 היגיע בדרך־לא־דרך לנמל חיפה. בארץ עבד ביום כפועל־בניין ובלילה — עסק ביצירה סיפרותית והכין לדפוס אנציקלופדיה של שמות ישראל בשם "שמון עברי". — — —

במסיבה, שנערכה לרגל הופעת הכרך הראשון של השמון העברי, בהשתתפות סופרים ועיתונאים, ציין המשורר יעקוב פיכמן בדברי ברכתו את ערכו וחשיבותו של השמון, אשר ביאליק הכתיר אותו בתואר "ספר היחסין לעם ישראל". — — —

בשנת 1935 ייסד וניהל בארץ מכון גבוה למדעי היהדות "יהדותן".

בשנת 1939 ערך, בעיתון "המשקיף", את המדור הסיפרותי. מאמריו עוררו פולמוס והוא נעשה איש־ריב ומדון "ידו בכול ויד כול — בו".

ב־1940 הופיע מחקרו הבלשני "לשון נופל על לשון"; ב־1943 הופיע סיפרו "עברית סמבטיונית" שעורר סערה בחוגי ועד הלשון. ב־1945 ייסד הסתדרות סופרים ועיתונאים ישראלים "אשכולון". כתוצאה מכך הוחרם על ידי אגודת הסופרים העברים.

בשנת 1946 הוציא במהדורה עברית את סיפרו "חיי סמבטיון" (אפוס־יהודי־אירופאי).

ב־1947 הוציא את סיפרו "מימרון" — לקסיקון של אימרות ופיתגמים ישראליים וכלליים.

ב־1949 הופיע סיפרו "שפינוזה — גנב־סיפרותי", אשר היה מאורע בעולם הפילוסופיה.

בשנת 1955 פירסם את הכרך הראשון "מילון תלמודי אנציקלופדי" מתוך כעשרה כרכים.

בשנת 1957 היגר לקנדה, שם שימש כמורה ורב במונטריאל. הוא זכה שם לפירסום בגלל סיפרו "עולם האהבה והנישואים", המתבסס על דינים והוראות הלקוחים מן המיקרא, התלמוד, מהקוראן והמיתוס היווני. ב־1964 קיבל מענק מממשלת קנדה, אשר סייע לו בפירסום הכרך השני של ה"מילון התלמודי".

סיפרו "ביקורתון עברי" (סיפרות ואמנות) הופיע בשנת 1969. בשנת 1979 הופיע "יומן סמבטיון" (155 עמודים).

מריש־ביאנוב

זרובבל סקליאר־סקר

בין בני עיירתנו, אשר ניחנו בכישרון־כתיבה, תופס מקום מכובד זרובבל סקר (סקליאר). הוא היה אחד העורכים של "ספר גורדוניה", בו פירסם שורת רשימות מעניינות ביותר על ראשית פעולתו בתנועה וכן על התלאות, אשר פקדו אותו בתקופת פעילותו בהנהגה הראשית, כאשר עלו לשילטון ברומניה אנשי "מישמר־הברזל".

בארץ היה חבר, במשך שנים, בקבוצת "ניר־עם" ושימש בתפקיד של מורה ומחנך. יחד עם צוות עורכים מהקיבוץ המאוחד, הם פירסמו ספר "מפי הטף", בו רוכז לקט מובחר של תגובות, הארות ו"מעני־לשון" שנאמרו, בהזדמנויות שונות, על ידי ילדים בתנועה הקיבוצית.

בהוצאת "תרבות וחינוך" הופיע סיפרו "בוקר טוב, השמש", אשר נושאו העיקרי הוא החינוך המשותף בקיבוץ, כפי שהוא משתקף בעיניו של ילד. אנו מביאים קטעים, מתוך מאמר של שמואל ברגסון שפורסם ב"הד החינוך":

"לפנינו ספר כתוב בכישרון, בלשון מתוקנת ובהומור רב. הספר חושף את עולם־הילד כפי שהוא רואה את עמו וכפי שילדים יכולים לראותו ולהבינו בדרך זו. — — —

"בוקר טוב, השמש!" — הוא ספר ילדים טוב, שגם מחנכים ימצאו בו עניין ובוודאי אנשי ההתיישבות העובדת."

ציירים קאפרשטאים בתערוכה של בלה לביא




עומדים: ישראל רשף, יפה וירצברג (שיינדלי מער) בלה לביא (ליבסטג).
יושבות: שיפרה שניידר (בורמן)

בלה לביא (ליבסטג) בתערוכה שלה



ישראל רשף (פייארמן) בתערוכה שלו



הומור ופולקלור בקאפרשט
הומאר און פאלקלאר אין קאפרעשט

עוזר ברונשטיין

כיצד ניתן לזהות איש קאפרשט?

למעלה ממחצית שנות חייו בוסס הקאפרשטאי בבוץ. בוץ בשפע סיפקו לו: גשמי־סתיו זועפים וכן מימטרי־האביב, אשר באורחם לחברה אל הפשרת־השלגים, רקחו לנו רפש דביק וטורדני שסגר על מגפינו והציפם טפחים מיספר מעל לקרסוליים. אם נוסיף להילולה הזאת אותם ימי־קייץ, בהם חל שיבוש בלוח־הזמנים אצל הממונה על ארובות־השמיים — נמצא שלא טעינו בחשבון.

על כן זהיר איש קאפרשט בהליכתו. עד היום הזה, ה׳א פוסע במתינות ובאיפוק; מדי־פעם עוצר הוא מלכת ומתבונן סביבו, מושיט ידו קדימה — זכר לאותם ימים רחוקים, כאשר היה בודק במקלו עומקה של בצה, בחפשו אבני־עראי למידרך כף־רגלו. תכונה זו לקח עימו, דרך ימים ויבשות, גם ברחובות־הכרך המרוצפים, הליכתו גלית ובדילוגים וימינו — פורצת לפנים כאילו מחזיקה במקל.

2. **נשמה יתרה.** — אנשי קאפרשט לא התנשאו מעולם. צנועים וענווים היו; מוניטין וייחוס לא נחשבו בעיניהם; לממון ונכסים לא גילו להיטות מיוחדת; גם בכבוד הקלו ראש. לעומת זאת: מדי־פעם התעופפו אצלנו פמוטים בבית־הכנסת הגדול; על פי רוב בשימחת־תורה כפתיחה ל״הקפות״. קהל־החוגגים השתוי, אשר התלבט ארוכות מיהו הראוי להשמיע את הפסוק הראשון של ״אתה הראית״, החל בוויכוח ומכיוון שהיו חלוקים בדיעותיהם הזניקו פמוטים להכרעה סופית.

3. **יחס לציבור ולמוסדות.** — עד כאן מה ששייך לנשמה יתרה, אולם כאשר מדובר בדברים של ממש — מעשי צדקה, טובת הכלל, ענייני רשות־הרבים, כמו: ביקור חולים, גמילות חסדים, תלמוד תורה, נציגים ואפיטרופסים, אירגוני נשים ו״מתן בסתר״ — לכל אלה הפגין הקאפרשטאי אדישות מוחלטת. לא היה אצלו ״נפקא מינה״: מי הם חברי הוועד, מי תרם ומי התרים; העיקר — שהוא יהיה היושב־ראש. באשר ל״מזומנים״ העניין נראה כך: אם החוק מונע ממנו לכהן בשני תפקידים, הרי הוא מעדיף שימסרו את הגיזברות ליוסף. מדוע דווקא ליוסף? ברור, כסף מזומן דבר עדין הוא מאין כמוהו; ובאשר ליוסף — מיותר להרחיב את הדיבור. הרי כל אחד מכיר אותו...

☆

הכנסת אורחים

אורחים כובדו והתכבדו בקאפרשט מבלי למלא שאלונים. האימהות שלנו היגישו לשולחן ממיטב מעשה־ידיהן מבלי לשאול שאלות ולהקשות קושיות. מארחת, המקדימה חקירה לכיבוד, אינה קאפרשטאית כלל; ואם כן, ברי לנו שהיא התבוללה וסטתה ממינהגי הכנסת־אורחים קאפרשטאית וראוייה היא לרחמים...

סברה הייתה מקובלת בקאפרשט: "המרבה לשאול, מגישה מעט מאוד". מארחת מסוג זה גורמת לאורח ש"יקדים תרופה למכה":

— "אה, תודה רבה. סעדתי ממש לפני בואי הנה. לשתות? לא, לא! אני בכלל לא צמא!"

מבינים אתם תשובה של בן־אדם? בחוץ 35 מעלות בצל, ואילו הוא — כלל אינו צמא!

ובכן, מה נותר לו לאורח המיסכן לעשות? עכשיו כבר ברור לו שהחקירה תימשך וכל כוונתה — לחסוך בטירחה והגשה.

— "מה? לא יאומן כי יסופר! אתה מתנזר מלגימה? אתה מתחמק מטעימה הגונה? האם שמעתי נכונה? משמע, אתה לא קאפרשטאי אמיתי או שפרח מזיכרונך כיצד נוהג קאפרשטאי מק.רי! דע לך! לקאפרשטאי סוג אלף יכולה את להגיש: צוננים ורותחים, צלויים ומבושלים, מטוגנים ומאודים, כופתאות ואיטריות, פתיתים וכיסונים, קציצות ולביבות, רפרפת וקצפת, דג מלוח ודג מעושן, דג מבושל ודג ממולא. מה ששייך לביצים — אין גבול לגיוון: ביצה שלוקה וביצה מגולגלת, ביצה קשה וביצה רכה, ביצה טרופה וביצה מקושקשת...

☆

משהיגיע הדבר לכלל אכילה ושתייה חזקה עליו, על הקאפרשטאי, שיפקיר עצמו ללא־תנאי וישליך את נפשו מנגד למלא רצון כרסו, עד כדי כך ששוב אינך מסוגל להפתיעו אפילו לא בחמיצה קרה וגם לא בחמין־של־שבת; על אחת כמה וכמה — בלגימה הגונה ובנגיסה ראוייה לשמה.

☆

כה היו אומרים בקאפרשט: "יש לחפש בקערה ולחטט בקדירה"; "צבע הלחיים מעיד על פעולת השיניים"; "כה יתן לנו אלוהים בריאות ופרנסה וכוח לעיכול — באשר ל"סכו"ם" נדאג בעצמנו".

☆

עוזר ברונשטיין

אויב ארויס מיט לשון — איז מיט קאפּרעשטער לשון

ערשטער מאָנאָלאָג: איינם מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן

זאָגט א קאפּרעשטער: "זעלסטפּארשטענדליך" — קוק איך אים אָן ווי א משוגענעם. מונעשעך — אויב ס'איז "זעלבסט, נאָר דו אליין ווייסט פון דעם סוד — גייט עס מיך אָן אין דער לינקער פּיאה. אָבער, אויב איך ווייס אויך ווו דער הונט ליגט באַגראָבן —

אין נאָך עטלעכע יידן האָבן הינטערגעשטעלט דעם אויער — איז עס שוין א סוד פאר גאנץ בראָד; היינט, ווו איז דער "זעלבסט" דיינער? דו, שוטה בן־יידענע וואָס דו ביזסט!

אָדער, לאָמיר נעמען, למשל, אזא וואָרט ווי "אויסטערליש". אין קאפרעשט האָבן מיר געוווסט, אז ס׳איז אזוינס ווי אזעלכעס, אָדער — סע טויג אף כפרות. וואָס פארא "אויס־טערליש" אף אייערע קעפ? איר מיינט אוואדע, אז איר מוזט זיך נאָכקרומען — דער ווח ווייסט וועמען; אלסדינג, וואס זיי "בעלעמעטשען" דארפט איר דען איבערקייען?

נאָר פון אלעמען, פארדריסט מיך ווען א קאפרעשטער איז מודיע, אז ער "גייט עסן מיטאָג". סע טראָגט מיך אזש אונטער, אזא פארדרוס האָב איך. מחמת, ווער האָט, בא אונדז אין קאפרעשט "געגעסן מיטאָג"? אויב מע האָט שוין יאָ אמאָל געגעסן, איז עס געווען "אָנבייסן". איז, אויב איר ווילט שוין יאָ וויסן (נאָר צווישן אונדז זאָל עס בלייבן) האָט מען אין אסאך הייזער צוגעשלעפט דעם אָנבייסן ביז צו דער וועטשערע.

— פארוואָס? — פאר די לעכט־בענטשן! וואָס ווילט איר: איך זאָל אייך ארייַנלעגן פינגער אין מויל?!

קאפרעשטער "עולם" פלעגט פאָרן אף ירידים; און אז מע שטייט אף א יריד, האָט מען אינזינען פרנסה און מע סטארעט זיך ניט ארויסצולאָזן דעם קונה פון די הענט. אויב סע קלעמט אונטער דעם ארבע־כנפות — מאכט מען "המוציא" אומגעוואַשן; דער עיקר — סע זאָל זיין אביסל פדיון, ווייל סע רוקן זיך אונטער די ימים־טובים און סע גייט א ווינטער...

מאָלט אייך אויס, אז ס׳זענען בא אונדז אין קאפרעשט געווען באלעבאטים אזעלכע, וואָס האָבן זיך געקענט פארגינען ארייַנקוועטשן א לימענע אין די סארדעלן, אפילו אין א וואָכענדיקן טאָג. פון אָנבייסן מיט וועטשערע — שמועסט מען ניט. זייערע פראזדני־קעס מיט זייערע וועטשערינקעס, מיט זייערע קערמיישלעך — זענען געווען א "שם דבר". חנוכה האָט בא זיי "געגעגנט מיט ווארעניקעס"; דער חמישה־עשר בשבט האָט זיך בא זיי געצויגן און איז פארקראָכן עט ביז אין פורים אריין; און די המן־טאַשן, מיט די פלאָדן, האָבן זיי געסטייעט ביזן שבת הגדול.

האָבן זיי, אָבער, נישט געהאָט קיין צייט זיך צו זעצן צו טיש, מחמת גאנצע טעג זענען זיי געווען פארנומען מיט "אָטפראווען" פורלעך צו דער גארע. סע האָט זיך בא זיי געמאָלן אין די מילן און גערעשט אין די מאסלעבוינעס. זייערע קלייטן זענען געווען פול מיט קונים און אָנגעשטאפט מיט סחורה; און אפילו באנאכט, אף די געלעגערס, האָבן זיי געפלאָנעוועט וויאזוי אָנצויאָגן ראָטשילדן. האָט מען זיך טאקע, אף דעם חשבון, געוווּרטלט בא אונדז אין קאפרעשט: "דעם גרויסן גביר" לאָזן די געשעפטן ניט שלאָפן; און דעם גרויסן אָרעמאן — טאָרען די "רויטע חברה" א גאנצע נאכט; ווי אין פסוק שטייט: "סדנא דארעא חד הוא" — מאכן רש״י: "די וועלט איז קאלעכיק און זי דרייט זיך".

איך זע, אז איר שמייכלט, א? סע געפעלט אייך! א קלייניקייט: **קאפרעשטער לשון**;! איי, איי, איי, קאפרעשטער לשון, קאפרעשטער לשון! כאָטש איינס מיטן דריטן

איז ניט קיין מהותן — פונדעסטוועגן האָבן קאַפּרעשטער מדקדקים געמאַכט פון איין שלאָק — דריי.

— וויאַזוי ?

— גאַנץ פּשוט. אַנ׳אויבערשלאַק מיט אַן אונטערשלאַק — האָט איר צוויי; און מיט אַ דורכשלאַק — האָט איר אַ קיימא־לן פון דריי!

בדרך כלל, האָט מען בא אונדז אין קאַפּרעשט ליב געהאַט צו קנאַקן מיטן דרייערל, אָבער נישט מער. מחמת וואָס "צו" איז איבעריק. און ווידעראַמאָל, גאַנץ פּשוט; "צו" — צי צו די טיר — איז שוין צוויי "צו"; און "גאָט, נעם זי דיר צו" — איז ווידעראַמאָל דריי. מער דאַרף מען ניט; ס׳איז גענוג. פון אייער מויל אין גאָטס אויערן...

אַ מויד אין קאַפּרעשט איז געווען — אַ מויד; און אַ בחור איז געווען אַ בחור. פאַרשטייט זיך, אַז כל זמן די מויד איז געווען אַ מויד, און דער בחור — אַ בחור; האָט, אָבער, געלעגט אַף זיי אַנ׳אויג דער שדכן שוואַרצזייד, און האָט זיי פאַרשריבן בא זיך אין פּינקס־ספר׳ל, זענען זיי גאָר אינגיכן געוואָרן אַ פּאָרפּאָלק. און אַ פּאָרפּאָלק האָט זיך ניט געקענט באַגיין: אַ קיילעכיק יאָר — אָן אַ "פּאָרל קאָנען מיט וואַסער"; פּרייטיק — אָן אַ "פּאָרל" וועש; און אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ "פּאָר" שטיוול מיט אַ "פּאָר וואָלענע זאָקן.

איי, איי, איי! ווער קען ציילן און ווער קען וויסן וויפיל פּאָרלעך און וויפיל שלעק ס׳זענען נעבעך אונטערינען געוואָרן און אָפּגעמעקט געוואָרן פון דעם "ספר החיים"? מחמת מיר, קאַפּרעשטער, בעוונותינו הרבים, פּינקט ווי אַלע בעסאַראַבער, האָבן פאַרביטן אונדזער שאַרפן "קמץ" אַף אַ שטומפּיקן "פּתח", וואָס איז לעפּקע ווי אַ מאַמעליגע און נאַריש ווי אַ פּלאָקן; מיר קר מען זיך נאָך די ליטוואַקעס מיט די "יעקעס", מיט נאָך אַ טוץ אַנדערע שלעק. "אַ רוח זיי אין טאַטן אריין, ביז אין עשיו הצדיק און... גאָרנישט.

מיינט איר, מן הסתם, אַז איך בין געווען בעסער פון אַלע? ניין! סע הויבט זיך ניט און סע לאָזט זיך ניט אויס. פּינקט ווי אַלע קאַפּרעשטער, האָב איך זיך צוגעוווינט צו "עסן מיטאָג", פאַרטרונקען מיט קאַלטער וואַסער; און אין אַ שלעכטן ווטער, פלעג איך זיך אַרויסכאַפּן אַף דער גאַס מיט אַ שירעם, גלייך ווי איך בין אַ "יעקע" פון דור־דורות, ביז... ויהי היום (בעסער געזאָגט: ויהי הלילה, אַקוראַט — בחצי הלילה)...

☆

פאַרוואָס זיך נאָכקרומען?

מאָנאָלאָג נומער 2:

ובכן, ויהי בחצי הלילה.

געווען בין, אין מיינע יינגע יאָרן, אַ שומר. אַפן לשון פון דער צווייטער עלייה הייסט עס — "אַ וועכטער". האָב איך, הייסט עס געוועכטעט אין אַ קאָלאָניע, וועלכע איז נאָך עד־היום גרויס ווי אַ גענעץ, אַ פאַרוואָרפן ווינקל אַף אַ שפּיץ באַרג, ווו סע בושעווען ווינטן און רייסן די טשערעפּעס פון די דעכער, באַטאָג און באַנאַכט, אַ קיילעכדיק יאָר. נאָר נישט וועגן דעם איז די רייד...

מיינע שותפים, צו דער שמירה, האָבן זיך געביטן אלע דריי שעה. איינער פון זיי איז געווען א רעזינער — איש העליה השנייה. ווען ער האָט דערהערט, אז דער נייער גאפיר (איך; הייסט עס) בין א קאפרעשטער, האָט ער זיך גאָר מחייה געווען. "קום מיט מיר — האָט ער געזאָגט — וועל איך דיר ווייזן וויאזוי מע וועכטעוועט. דו מיינסט אוואדע, אז וועכט־וועון איז א פשוטער עניין!"

איך אליין הייס לייבל. אין די יינגע יאר האָט מען מיך גערופן "לייבעלע", ווייל איך בין געווען "יענער קאָנפעקט". איצטער רופט מען מיך רב לייבל און דאָס איז שוין א "פאָוויעסטקע" פון זיין ליבן נאָמען. דו פארשטייסט. נאָך איידער דיין טאטע האָט בדיעה געהאָט ארונטער צו גיין אונטער די פיר דריקלעך, האָב איך שוין געטרעטן וויין אין זאמארין. און וויסן זאָלסטו: איך בין נישט אבי ווער!! איך בין א פאבריקאנטס א זון. און כאָטש אונדזער פאבריק איז באשטאנען פון א טשעוווגענעם קעסל מיט צוויי פאָלאָניקעס, האָבן מיר אויסגעקאָכט גאנץ וואזשנע פראניעס און צורצערעס, וואָס זענען זיך צעגאנגען אין מויל; און אָט מיט דער סחורה זענען מיר ארומגעפאָרן אף די יארידים, איך מיט מיין טאטן, הייסט עס — עליו השלום.

ידען דאָנערשטיק, פלעגן מיר פארפאָרן קיין קאפרעשט אפן יאריד. בא אייך אין קאפרעשט איז געווען איינער א שענקער: זיסיע ציגיינער האָט מען אים גערופן. בא אים אין שענק איז געשטאנען א גראמאָפאָן אפן פענצטער, מיט דער טרובע אין דרויסן ארויס. דאָס שענסטע לידל, וואָס מיר האָבן ליב געהאט צו הערן איז געווען: "די מומע פעסל פונעם הינטערגעסל".

איך בין אזוי געווען פארטיפט אין רב לייבלס מעשיות, אז כ'האָב נישט געפילט וויאזוי לייבל האָט מיך ארייגעפירט אין שיל אריין. באם עמוד האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט ארויסגעטאשטשעט פון דאָרט א פלעשל בראָנפן מיט א פושקע ביטשקעס. "דאָס — זאָגט ער — איז פארבליבן א נשאר־חי פון שימחת־תורה..." פון די טיפע קעשענעס, פון זיין שינעל, האָט ער ארויסגעשלעפט עטלעכע ציבאלעס און א היבשע פאָרציע ברויט. אונטער דעם "נר־תמיד" האָבן מיר איבערגעקערט א שטענדער און מיר האָבן זיך גענומען "זאָגן קינות"...

— "אָט דאָס הייסט געוועכטעוועט — זאָגט רב לייבל און קרעכצט אונטער: איי, איי, איי, שלעכטע צייטן. אמאָליקע יאָרן, וויפל בראָנפן מע האָט געבראכט אין שיל אריין — האָט ניט געסטייעט. דער עולם האָט געזופט ווי די לאָשיקלעך בא דער קאָריטע... היינט צוטאָג, ווען א ייד האָט יארצייט און ברענגט א קליין פלעשל בראָנפן — איז געגוג. ברענגט ער איינס א גרויס און איינס א קליינס — איז אויך גענוג. ברענגט ער צוויי גרויסע און צוויי קליינע— גיט מען זיך אויך אנ'עצה."

און אזוי ווי מיר זיצן — איך און רב לייבל הייסט עס — און "פראוועןן דעם סדר", עפנט זיך אויף די טיר.

— "ויבוא המן בן המדתא האגגי — האָט רב לייבל כימעט ווי אויסגעשריגן.

וואָס איז די מעשה? אין דעם צווייטן עק פון דער קאָלאָניע האָט געוועכטעוועט א "יעקע". האָט ער, ווייזט אויס, אָנגעשמעקט אז אין שיל קען מען "אָפלעקן א ביינדל", איז ער נישט געווען פויל אויפן גאנג...

— "יא, יא — מאכט צו אונדז דער "יעקע" און קוקט אונדז גלייך אין פנים אריין — איין ביסכען תהילים, ווארשיינלעך, דער בעסטער וויץ — איז דער... סליוואָוויץ"...

פארשטייט זיך, אז רב לייבל האָט אים מכבד געווען מיט א כוס'ע און מיט נאָך עטלעכע — אף אויסצוגלייכן דעם חשבון — און דער "יעקע" איז צוגעשטאנען צום קאָן ווי א "געבוירענער נאש־בראט", לחיים.

נאָך עטלעכע קעלשיקלעך, ווערט די צונג איבעריק אין מויל. רב לייבל קען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון אמאָליקע צייטן: ווי פריילעך ס'איז געווען אין דער מושבה און ווער ס'האָט ניט געזען יאָסאלע סטאָס טאנצן א "קאזאטשאָק" אויף א טיש — האָט אין זיין לעבן קיין שימחה נישט געזען..."

— "אונד יעצט איז יא לאנגווייליק — האט דער "יעקע" איבערגעשלאָגן די רייד.

— "יא, יא — האָב איך צוגעפּעטאקעוועט דעם "יעקע" — ס'איז טאקע בא אייך אין דער קאָלאָניע לאנגווייליק; טויט ווי אף א בית־הקברות"...

— "הערט א מעשה — זאָגט רב לייבל — מיילא דער "פאסאזשיר" איז נעבעך א "יעקע". גאָט האָט אים געשטראפט — איז אים לאנגווייליק; אָבער דו, קאפּרעשטער ציג, אויב דיר איז "לאנגגווייליק", ווערעמען־זשע וועט זיין "סקיטשנע"?

פון דעמולט אָן, ווען איך רעד ידיש, סטארע איך זיך צו רעדן אזוי ווי מיר פלעגן אמאָל רעדן אין קאפּרעשט; און אלעמאל, גראָב איך אויף פון דעם זיכרון א נייעם בריליאנט, א ניי ביסל גאָלד און זילבער...

אָט מיט דעם ביסל גאָלד און זילבער, מיינע ליבע קוראים, בין איך בדיעה זיך צו טיילן מיט אייך אין מיינע פעליעטאָנען. פארשטייט זיך, אם ירצה השם, בלי נדר. ווייל "אָן גאָט" איז "כאָטש נעם און... איך בעט איבער דיין כבוד" — אזוי פלעגט זאָגן באַריס שמוישמאַן. "מהמת, א מענטש טראכט און גאָט לאכט. ווי אין פסוק שטייט: "ותצחק שרה" — מאכט רש"י: "אָן גאָט — איז ווי צום געלעכטער". און די קוני־לייבעכע, עליה השלום, פלעגט זאָגן: "גאָט, גאָט, פארזוך מיין קאָמפּאָט, ווען טו וויסן וואָס פאר א טעם ער האָט"...

☆

עוזר ברונשטיין

אף יעדער מכה איז דא א רפואה

מ'קען נישט זאָגן, אז קאפּרעשטער יידן זענען געזעסן פארלייגט מיט די הענט. יעדער איינער האָט געהאָט זיין קאָפּ־דרייעניש און זיין בינטל צרות. אָבער, מער פון אלעמען, האָט מען גערעדט אין קאפּרעשט. וואָס הייסט "גערעדט"! פאר פייער און פאר וואסער. און קאפּרעשטער לשון איז מלא־טעם, אזויווי מילכיקע בייגאלעך; אזויווי פליישיקע קרעפּלעך; אזויווי א פורים־קוילעטש, וואָס וואקסט אין דער לענג און אין דער ברייט מיט א ראָזשינקע אינדערמיט.

אַט נעמט, למשל, און זאָגט א טעלעגעשטער יידן, אז "ס'האָט אייך געגומען פון אינעווייניק"; וועט ער מיינען, אז איר רעדט צו אים טערקיש. וועט דאָס אָבער הערן א קאפרעשטער, ווייסט ער תיכף וואָס ער האָט צו טון. קודם כול, טוט ער אייך אויס אדם־נאקעט. יאָ, יאָ, איך בעט איבער אייער כבוד, אזוי ווי די מאמע האָט אייך געהאָט — און ער נעמט אייך איינרייבן מיט עסיק און מיט קנאָבל. נאָך דעם ווערט איר איינגע־וויקלט אין א ליילעך און איר הויבט אָן, במחילה מכבודכם, צו שוויצן. פּאַרטאַג, ווען איר האלט שוין ביים אויסשוויצן די נשמה, טראָגט מען אייך אונטער א טעפּאלע מיט געזאָטענעם ווייִן. בשעת דער ווייִן קאָכט זיך מיטן צוקער — דאָס איז א סגולה פונעם "ראשקעווער" — אריינצוווארפן עטלעכע ראָבע פּאסאָליעס אין טעפּאלע. די רפואה טאָר מען ניט טרינקען "פונעם זאָט". חלילה! מחמת איר קענט זיך נאָך אָפּבריען די קישקע; און אנ'אָפּגעבריטע קישקע איז א באזונדער אָנשיקעניש. מיט דעם ערשטן זופּ, קלויצעט איר אויס דאָס מויל פּאוואָליטשקע. כאפּט ניט, סע איז נישט קיין הייסע לאָקשן! פון איילעניש — קומט קיין גוטס נישט ארויס!

אויסגעטרונקען די רפואה, פילט איר עפּעס אזוינס אין אייער לייב־און־לעבן, וואָס איר ווייסט ניט וויאזוי דאָס אָנצורופן. אייערע איברים גלעטן איינער דעם אנדערן און הויבן אָן צו "זאָגן שירה", פּונקט אזוי ווי די מלאכים פון זיבעטן הימל בשעת "דער־וואָס־לעבט־אייביק" קומט צו זיי אף א פּאָווערקע. אַט, אַט, אַט, באלד, באלד וועט איר איינשלאָפן ווערן. און, נאָך איידער איר כאפּט זיך אריין אין טיפן שלאָף אריין, דרייט מען אייך א יס, במחילה מכבודכם, אף דער לינקער זייט, כדי איר זאָלט ניט כראָפּען ווי א נישטדערקוילעטער־אָקס; מחמת איר זענט ניט קיין בן־יחיד — סע זענען נאָך דאָ מענטשן אין שטוב א חוץ אייך.

אזא דרימאלע קען זיך אמאָל פארקאטשען אף א גאנצן חול־המועד, מיט "איסרו־חג" אינייִנעם. נאָר דערפאר, אז איר כאפּט זיך אויף פון דעם שלאָף, פילט איר זיך פריי ווי א פויגל, גרינג ווי א פעדער — גלייך ווי איר האָט אראָפּגעוואָרפן א זאק מעל פון די פלייצעס.

זענט איר, אָבער, א פארנומענער מענטש און איר האָט ניט קיין צייט צו שוויצן אונטער דער קאָלדרע — גיסט איר זיך אָן א גלאָז בראָנפן, מיט א לעפאלע שווארצן פעפער אויסגעמישט; און דאָס געמישעכטס טרינקט איר אויס אויף אמאָל, מיט א "ראזמאך". בשעת מעשה, זאָלט איר זיך היטן סע זאָל אייך ניט אריין אין דער "לינקער כלי"; מחמת פון אזא געטראנק איז נישט כדאי זיך צו פארכליסנען... נאָך אזא "לחיים", קענט איר זיך אָנטאָן די פּיטלעס מיט דער ב רקע, זיך גוט פארגארטלען און פאָרן אף דעם יאריד. פאָלגט מיך, דאָס איז שוין אף מיין אחריות, איך ווייס וואָס איך רעד. עיקר שכחתי, און אז איר וועט זיך אריינזעצן אין שליטן, זאָלט איר ניט פארגעסן איינצודעקן די פיס מיט דער "באראניצע"...

האָט איר אָבער פארגעסן דעם חשבון פון די יארידים, קען איך אייך דערמאָנען: מאָנטיק איז געווען א יאריד אין קאָזאנעץ, דינסטיק — אין מאשקעוויץ און מיטוואָך — אין גרויס־קאָטיוזשען. ווער ס'האָט באדארפט דינגען א פירל אפן יאריד, האָט געמוזט אויפכאפּן זיך ארום האלבער נאכט; אקעגן משה עלקיס האָט ער געקענט דינגען א טשוטולעשטער גוי — טשוטולעשטער גויים האבן געהאט גוטע שאראבאנעס און ברענענדיקע פערד ווי די אָדלערס. האָט איר אָבער זיך אויפגעכאפּט שפּעט, וועט איר

זיך מוזן באגנוגן מיט א פראַדאנעשטער דבר־אחר. פראַדאנעשטער כפרה׳ניקעס זענען געווען גאָר שוואכע באַלעגאַלעס. וועגענער האָבן זיי געהאַט פשוטע קאַטיגעס און פערד — דארע דראַנדזשיקעס; בארג ארויף פלעגן זיי צושטיין, זיך אויסדרייען מיטן קאָפּ צום וואָגן און קוקן אַף אייך מיט תחנונים. און א פערד — זאָלט איר וויסן זיין — וואָס דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער קעלניע, אין א ״פגירה פון זיין ליבן נאָמען״. פאָלגט מיך, איך ווייס וואָס איך רעד; כ׳האָב געהאַט א פעטער א ליוועראנט — משה פלימאַן האָט ער געהייסן, עליו השלום.

☆

לעקסענדרענער יידן האלטן זיך פאר בעלצער, פונקט ווי די נאָוואָסעליצער שנאָלן זיך אין קנעפּל מיט טשערנאָוויץ. האָט איר זיך געקלאָגט פאר אזא יידן אַף ציינווייטיק, שיקט ער אייך צו א ציין־דאָקטאָר; און א ציין־דאָקטאָר ביז ער געפ.נט דעם קראַנקען צאָן, רייסט ער אויס עטלעכע געזונטע. איך קען דאָס ניט זאָגן אַף די בעלצער דאָקטוירים, חל׳ילה. נאָר בא אונדז אין קאפרעשט איז געווען אזא דאָקטאָר, אזוי זאָל איך נאָך... נאָר וואָס דארף איך מיך שווערן, אז איר גלויבט מיר אפן וואָרט.

ציין־ווייטיק אין קאפרעשט איז גאָר אַנ׳אנדער עניין. קודם־כול רייבט מען אָן דעם צאָן מיט זאלץ; אָבער גוט איינרייבן, נישט געזשאלעוועט און נישט געפאלשעוועט. נישט תמיד האָט עס געהאָלפן, אָבער ס׳האָט קיינמאָל נישט געשאַדט. דאָס האָט געהייסן ״א רפואה אַף איין פוס״; אינמיטן יאריד, בשעת די קלייט איז פול מיט קונים, אז סע איז ניטאָ א שפּילקע־קעפל ווו אוועקצולייגן. ווילט איר אָבער א רפואה־שלימה, דארפט איר מוחל זיין, זיך איבערב.יגן אויף א שיסל הייסע וואסער; איבערדעקן דעם קאָפּ מיט א ליילעך אין פירן. בשעת־מעשה, ווארפט מען אייך אונטער עטלעכע אָנגעהיצטע שטיינדלעך אין שיסל אריין, און סע הויבט אָן גיין א פארע. די ערשטע פאָר מינוט איז עס טאקע נישט אזא באטעמט מאכל — הייס וואסער, הייסע פארע און בא אייך איז דער קאָפּ איבערגעדעקט ווי בא א כלה — ניט פאר קיין שום ייד געזאָגט געוואָרן. גישקשה, שרעקט אייך ניט, ווארגט אייך ניט; גאָט איז מיט אייך. עפנט אויף דאָס מויל — די צונג אינדרויסן, אָט אזוי! סלינעט אייך גוט אויס — נישקשה, די סלינע רינ.ט, זאָל זי רינען, אָט דאָס מיינט דער פסוק. אזוי, אזוי, לאָזט זיך דינען. וואָס? איר ווילט זיך אָפדעקן דעם קאָפּ? איר קענט אייך נאָך פארקילן די יאָסלעס. וואַרט צו ביז דאָס וואסער וועט קאלט ווערן.

נו, א יאָ? סע איז אייך שוין בעסער, א? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? אראָפּ א שטיין פ.נעם הארצן. איצטער קענט איר שוין אָפדעקן דעם קאָפּ, ווישט זיך גוט ארום און — גלייך א שנאפּס, טאקע דעם אמת׳ן זעקס־און־ניינציקער; אָבער גיך, וואַרט נישט קיין סאך, סע איז נישטאָ קיין צייט. מ׳דארף שטארקן דעם צאָן, פארטרייבן די פארע אזוי אז דאָס פנים זאָל בא אייך בלייבן טרוקן ווי א ניס. און אויב איר האָט ניט קיין זעקס־און־ניינציקער, קענט איר נעמען צוויי מאָל פינף־און־פערציק. דאָס איז שוין אַף מיין אחריות. פאָלגט מיך, איך ווייס וואָס איך רעד. כ׳האָב געהאַט א פעטער א ליוועראנט, עליו השלום.

☆

עוזר ברונשטיין

קאפרעשטער עקסטרא-קיסיליצע

און אויב איר מיינט, אז איך דערצייל אייך גלאט פוסטע מעשיות, וואָס "ניט געשטויגן און נישט געפלויגן" און אז איך פיר צונויף א וואנט מיט א וואנט, אפן בוידעם א יאריד — איז הערט א מעשה — אזוי זאָל איך נאָך... נאָר וואָס דארף איך מיך שווערן, אז איר גלויבט מיר אפן וואָרט...

איך אליין ווױן אין א מושב, ווױן איך; און אונדזער מושב איז א מושב — שוין אזא יאָר אף מיר, אף אלע מײנע ליבע געזאָגט געוואָרן. און א צרכניה האָבן מיר — קען אין איר ארײן דוויד זילבערמאנ׳ס קלײט מיט די יוציסעס; און סע וועט נאָך בלייבן גענוג פלאץ פאר קייסערמאנ׳ס קלײט מיט חייט׳ס קלײט; און ווען מע מאכט אביסל אָרדנונג אין די ראפטן, קען מען נאָך ארײנקוועטשן דאָרט לייב גראבערמאנען מיט די מאליראָווענע טעפ און מיט די פאָרצעלייענע טעלער. בא אונדז אין צרכניה קענט איר קריגן פון פויגל־מילך ביז אשר־יצר־פאפיר. איז דוכט זיך גוט, א? טרעפט זיך אָבער, על־פי־רוב, אז וואָס איר דארפט איז נישטאָ. וואָס קוקט איר אף מיר ווי א האָן אין "בני־אדם"? מע רעדט מיט אייך קלאָרע דיבורים — "רחל בתך הנאקעטע". ס׳נישטאָ? מיילא, נישטאָ, נישטאָ. א ייד א למדן גיט זיך אנ׳עצה: פאָרט מען קיין חיפה...

ויהי היום, קום איך אָן פון חיפה מיט א שיין ביסל פעקלעך, מיט כול מיני בוקלוקורעס; און ווארטן ווארט איך — אפשר וועט דורכפאָרן א פערד און וועגאלע, איך זאָל מיך אריבערכאפן אין מושב ארײן. מחמת פון כביש הראשי, ביז צו אונדז אין מושב, איז א מהלך — וויאזוי זאָל איך אייך אויסמאָלן, אויב איר געדענקט נאָך? אזוי ווי פון דער שניידערשער שיל ביז צו שלום בלעכער. פאָלגט מיך א גאנג!...

נו, פארשטייט זיך, אז מע שטייט אפן פלאץ, הויבט מען זיך אָן ארומצוקוקן. איז, נישט ווייט פון מיר — ווי זאָל איך אייך אויסמאָלן, וויאזוי זאָל איך אייך זאָגן? אויב איר געדענקט נאָך — אזוי ווי פון שמעון־איציקן ביז צו רחל דער שניאורקעס — שטייט א אידענע מיט א חייל. בײדע שרייען אף א קול, מאכן מיט די הענט און קענען זיך ניט "איינטיילן מיט דער ירושה". פלוצים שרייט אויס צו מיר דער חייל:

— "רב יהודי, אתה יודע לדבר יידיש?"

— "יודע — זאָג איך — וואָס הייסט יודע? נאָך א מין יודע!"

— "האישה הזאת משמיצה את המדינה — זאָגט צו מיר דער חייל אין־איין־אָטעם — בוא תסביר לה!".

נו, דאָס איז שוין נישט שען. פע, נארישקייטן האָב איך פיינט. בין איך, הייסט עס, צוגעגאנגען צו מײנע צוויי פארשוינען. לאָזט זיך אויס, אז פון דער נאָענט איז די ייִדענע א יונג ווייבל, א גאנץ חנעוודיקע, קאלעכדיק ווי א פעסאלע, און א פיסקאלע — "אף שרייפעלעך".

— "מיט וואָס — זאָג איך צו איר — קען איך אייך העלפן?"

— "מיט גאָרניט. א שיינע מדינה, בא אונדז האָט מען זיך געבאָדן אין פּוטער און אין מילך. הינער זענען געווען האלב־אומזיסט; און דאָ — ווילט איר קויפן א הין, קענט איר נאָר קויפן די קאָדע. אזא יקרות איז דאָ!"...

ס'איז דעמולט געווען די צייט פון קיצוב; דוב יוסף האָט געפירט די מלוכה, און איך — האָב איר כּימעט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— "א חוץ מילכיקס און פליישיקס, מיט וואָס נאָך האָט מען זיך בא אייך דער־האַלטן דאָס לעבן?" — האָב איך ווייטער געפרעגט די גברת.

— "וואָס הייסט "וואָס נאָך?" — פּאטלאזשאַנעס האָט מען בא אונדז פארקויפט אפן מעסטל. דאָ, אז איר עפנט אויף א דיניע, איז זי פול מיט וואסער. בא אונדז האָבן מיר געגעסן צינצארקאלעך; זיס, פשוט איינגעמאכטס, מלא־טעם!"

— "אויב אזוי — זאָג איך — אויב א געבראָטן הינדל איז בא אייך געווען א וואָכעדיק מאכל און איר האָט פארביסן מיט פּאטלאזשאַנעס און מיט צינצארקעס — לייגט זיך אפן שכל, אז דער טעם פון מאמעליגע איז אייך אויך גוט באקאַנט!"

מיין גברת האָט געגעבן א גנבישן שמייכל און מער גאָרניט.

— "וויאזוי — זאָג איך צו איר — וואָלט אייך געפעלן מ'זאָל אונדז דאָ אוועק־שטעלן א מאמעליגע מיט קעז־און־פּוטער, מיט א געבראָטענעם הערינג? א? אָדער גלאט אזוי א מאמעליגע מיט מילך, אָפּצושווענקען די קישקעס? א? און אויב איר זענט א קליינע בעלענטע אף מילכיקס, וואָלט אייך אפשר בעסער פּאסמאקעוועט א מאמעליגע מיט א ראָסל־פלייש? איך הערט וואָס איך זאָג אייך, מיין טייערע. איך גיב אייך אוועק דאָס עסיקפלייש מיד דער יויך, מיט דעם געבראָטנס, מיט'ן צימעס־פאסאָליעס — פּאר א מאמעליגע מיט א ראָסל פון דרויב, מיט די שטיקאלעך לונג־און־לעבער, וואָס שווימען ארום אין טאָפּ ארום דער אָנגעפּולטער קישקע ווי די סטאריישים ארום דעם מלך'ס אוצר. איי, איי, איי, א מאמעליגע מיט א דרויבענעם ראָסל, מיט א גלאָז ראָזעווע וויין, מיט פעפער, מיט קנאָבל און מיט א זויערע אוגערקע."

דאָ האָט זיך מיין גברת אָנגעהויבן צו באלעקן די ליפּן און האָט זיך צעלאכט: "איר האָט פארגעסן — זאָגט זי — א וועלעכישן באָרשט מיט א מארך־ביין!"

— "לאָז זיך אייך דוכטן, אז כ'האָב נישט פארגעסן. איך בין נאָך פשוט נישט געקומען דערצו. מחמת א באָרשט מיט א מארך־ביין איז נישט קיין בן־יחיד. סע איז נאָר דאָ א באָרשט אף קלייען, א באָרשט מיט שמאטעס און אזעלכן, וואָס מע שלאָגט אים אונטער מיט אנ'איי. פארשטייט זיך, אז ס'איז נאָך דאָ א מאמעליגע מיט מוזשדיי, א מאמעליגע מיט א סופ־פאסאָליעס, מיט א פראזשעניצע פון אייער. נו, און מיט א מאמעליגע מיט פּאָווידל אָדער מיט א קיסעליצע — איז דאָך א מאכל־מלכים."

דאָ האָט מיר מיין גברת ווידעראמאָל איבערגעשלאָגן די רייד:

— "קיסעליצעס — זאָגט זי — איז דאָ צווייערליי: א געריבענע קיסעליצע און א געשוואָלענע." און זי האָט מיר געגעבן צו פארשטיין וויאזוי מע קאָכט און וויאזוי מע פארפראָוועט סיי די געשוואָלענע סיי די געריבענע.

— ״אויב אזוי — זאָג איך צו איר — בין איך מיט אייך אף א וועג. און א שענעם דאנק אייך וואָס איר האָט מיך געלערנט הלכות־קיסעליצע. איצט, וואָלט געווען א יושר איר זאָלט מיר זאָגן פונוואנען איר זענט.״

— איך בין פון רוסלאנד !״

— ״דאָס איז בא מיר א קלייניקייט. אין נצרת איז דאָ א טאָטער, שטאמט ער אויך פון רוסלאנד !״

— ״איך בין א בעלצער״.

— ״אָט אזוי. דאָס הייסט דיבורים ! זענען מיר דאָך, הייסט עס, שכנים, ווייל איך בין א קאפרעשטער.״

— אוי וויי, מיין טאטע איז געווען א קאפרעשטער״.

— ״ווער ? וויאזוי האָט ער געהייסן ?״

— ״יאָסל אָקשטיין״.

— ״וואָס רעדט איר ? יאָסל אָקשטיין, יאָסל הבריא, יאָסל פריידע מונישעס ? מיר האָבן געוווינט אין שכנות. אקעגן לייב גאָראָדישטער, ניט ווייט פון דעם ליקל, ווו מ׳איז געגאנגען אין באָר אריין ?״

— ״איר האָט א טעות. יאָסל פריידע מונישעס איז נישט מיין טאטע.״

איר הערט, רבותיי, לעולם זאָל זיך א מענטש האלטן אין די האלאָבליעס און נישט מיינען, אז ער איז קלוגער פון דער גאנצער וועלט. איך האָט תמיד געמיינט, אז גאנץ קאפרעשט ליגט בא מיר אין קעשענע, און בעסער פון מיר געדענקט קיינער נישט די נעמען פון דעם קאפרעשטער עולם. היינט, לאָזט זיך אויס א בוידעם. ס׳איז געווען גאָר צוויי יאָסל אָקשטיין . . .

— ווער־זשע — זאָג איך — איז געווען אייער זיידע, אויב מע קען וויסן ? . . .

— ״יונה אָקשטיין !״

— ״נו, אויב אזוי, בין איך מיט אייך אף א וועג. קיין סך יונה׳ס האָבן מיר, אין קאפרעשט, ניט געהאָט. באלד וועלן מיר מאכן א חשבון : יונה משה ברוך־ניסל׳ס, יונה דעם רב׳ס, יונה דעם איקעוואטעס, יונה זייקאָנער און יונה באָדנער.

— ״ער איז געווען מיין זיידע — יונה באָדנער״.

— ״איר הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיין טייערע גברת : איר זענט גערעכט, בנאמנות, גערעכט, ווי איך בין א ייד. צי מ׳האָט זיך געבאָרן בא אייער זיידען ״אין האָניק און אין מילך״ — דאָס ווייס איך ניט. מחמת, אז יענער באָדט זיך, איז א קליינער יושר אונטערצוקוקן. נאָר איין זאך קען איך אייך פארזיכערן : ראָסל פון זויערע אוגערקעס — דאָס האָט אייער זיידען קיינמאָל ניט געפעלט. מחמת, איך בין אויך א זון פון א ״גרויסן גביר״. ווינטערצייט פלעגט מיין מאמע מיך שיקן, צו אייער זיידען, צו קויפן פאר צוויי לעי זויערע אוגערקעס. און אָנגעזאָגט האָט זי מיר, איך זאָל בעטן א פול שאָפּאלע מיט ראָסל. אייער זיידע, געדענק איך, האָט געהאט א גוט הארץ און קיין סאך נישט געלאָזט בעטן זיך . . . מ׳האָט אפילו זיך געשושקעט, אז ער פלעגט אלעמאָל צוגיסן אביסל וואסער. נאָר דאָס איז א קלייניקייט. אין קאפרעשט האָט מען געזאָגט אסאך זאכן, וואָס ״נישט געשטויגן, נישט געפלויגן״ . . .

מיין גברת האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דערווייל איז אָנגעקומען א פערד און וועגאלע. דער חייל האָט מיר געהאָלפן אויפלעגן די פעקלעך. ערשט אויפדערנאכט, ווען מיר זענען געזעסן בא ארוחת־הערב, פרעגט מיך מיין „יידענע":

— „פאַרוואָס האָסטו דיר געגעבן א קלאַפּ אין שטערן?"

— „פאַר גאָרניט, איך האָב פאַרגעסן צו פרעגן וויאַזוי זי הייסט און ווו זי וווינט?"

— „וואָס פאַרא „זי"?

נו, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין ברירה און האָב איר דערציילט די גאנצע געשיכטע.

און צו אייך, מיינע ליבע קאַפּרעשטער, האָב איך א בקשה: אויב איר ווייסט ווו די גברת וווינט, זאָלט איר מיר מודיע זיין. זי איז שוין אוודאי „עלטער מיט א שבת" און האָט מסתמא אירע אייגענע חיילים; און אז זי קומט אויס מיט זיי אַן א ויכוח גלויב איך ניט...

☆

עוזר ברונשטיין

מאטלאנצעס

„מאַטלאנצעס" — כך קראו בקאפרשט לצעירים, אשר מוטיל פייארמן, הוא מיודענו מרדכי רישפי — אירגן אותם בהסתדרות „דרור" (פרייהייט" — שמה ביידיש). ברובם לא השתייכו הצעירים הללו לשום תנועת־נוער מעולם; בחלקם נושרים היו, אשר נפלטו מסניפי „גורדוניה" ו„השומר הצעיר" המקומיים. בין האחרונים — גם כותב השורות האלה.

קייץ 1932. פר. ספריטי בארץ־ישראל. בגולה — משבר כלכלי ברחוב היהודי והתגברות האנטישמיות עם עליית היטלר לשילטון. אצלנו, בעיירה הקטנה, אשר גם עליה לא פסחו צרות הרבים, שררה כמיהה גדולה לעלייה. חלק גדול מהנוער הקאפרשטאי, אשר היה ברובו נוער עובד, נשאר מחוץ לכול מיסגרת אירגונית. לא היה מי שידאג ויכוון אותו להכשרה חלוצית, להגשמה.

אז הופיע מוטיל פייארמן, אשר היה כבר בעת ההיא משיכמנו ומעלה. אנו, נערים כבני 16—17, ואילו הוא — כבר לאחר שירות צבאי. הוא הקהיל אותנו והבהיר לנו שלא נחיה באשליות; שום תועלת לא תצמח לנו מן היצור הזה שקוראים לו „סניף עירוני"; במרכז „החלוץ" יושבים 4 נציגים של „גורדוניה" וארבעה של „השומר הצעיר". איש מהם אינו מייצג ואינו דואג ל„סתם־חלוצים"; כך שסיכויינו לעלייה קלושים ביותר. פירוש הדבר — יש להתארגן כך שגם לנו תהייה נציגות במרכז „החלוץ".

כך קם ונוסד סניף של „פרייהייט" (מאוחר יותר קיבל את השם „דרור"), אשר סונף לתנועה הארצית ולפטר. ניה — מיפלגת „פועלי־ציון". החלוצים השתייכו למיסגרת „ברית חלוצי פועלי־ציון".

בעיירה התייחסו בביטול ליצור החדש וכינו אותו בכול מיני שמות מצחיקים. אחד מהם היה "מאַטלאנצעס", כלומר "נערי מוטיל". מטבע־לשון זו טבע בוקע וערזוב, אשר עבד שנים רבות בתור זבן אצל פרוים סנדער'ס — הוא פרוים הויכמן שכנם של הפייארמנים.

☆

קייץ 1979. באחת השבתות של חודש מאי, התכנסנו בני המישפחה בביתנו, כדי לחוג במרוכז ימי־הולדת אחדים, שחלו באותו חודש. בן־הזקונים שלי משלב זרועו בזרועי, פורש עימי הצידה וממתיק סוד.

— "אבא, אני מבקש ממך שלא תספר לנו הפעם על קאפרשט ולא על תנועתך "דרור" ולא על ה"רבי" שלך מבית־אורן. יש לנו תוכנית ואנו רוצים שהמסיבה תהייה מוצלחת". — הבטחתי.

משהיגיעה המסיבה לסיומה, בטרם נפרדנו ניגש אליי בן אחר, טפח על שכמי ואמר: "אבא, כל הכבוד!"

— "הבנתי כי נדברתם ביניכם — עניתי לו. אולם מה לי כי אלין עליכם, כאשר כול יוצאי "דרור" מקאפרשט; אלו שהיגיעו ארצה לפני מילחמת העולם השנייה, לא נתנו דעתם על כך. אילו היה בכוחי, הייתי מקהיל אותם — אותם ואת מישפחותיהם — מושיב את "הרבי" שלנו מבית־אורן באמצע, לוחץ על כפתור המצלמה ואומר: — "דעו לכם, אלמלא הוא, מי יודע אם תמונה כזאת הייתה אפשרית. מי יודע אם היה את מי לצלם!!!

עוזר ברונשטיין

דייטשמעריש אין קאפרעשט

אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, אונטער דער השפעה פון "טשערנאָוויצער בלעטער" "ליטערארישע בלעטער" און נאָך אזעלכע בלעטלעך מיט ספרים'לעך — האָט מען אָנגעהויבן רעדן דייטשמעריש אין קאפרעשט.

ראשית חוכמה האָט מען מוותר געווען א יף דעם "יא איזוויניאיוס" — אף דעם "כ'בעט־אייך־איבער־אייער־כבוד" — הייסט עס. און מע האָט זיך "ענטשולדיקט". דערנאָך זענען אלע "אָבראזאוועגע לייט" אין שטעטל געוואָרן "באוווסטזיניקע". זיי, די באוווסטזינינקע, האָבן געמאכט פון אלע "פוסט און פאָסניקעס" — "ארבעטסלאָזע", און פון "כל הנערים" — "יוגנט".

די יוגנט האָט געשנערעוועט די פיסקאלעך און "געשאָסן מיט פתח'ן" אף וואָס די וועלט שטייט.

ווערטער ווי "דאנקבאר", "פאָרזיכטיק", "ביטע שיין" — האָבן זיך געקאטשעט אף דער "גוליאניע" אין דער לאנגער גאס, אז ס'איז געווען סכנות־נפשות.

די יוגנט האָט זיך ממש געלייגט, אין דער לענג און אין דער ברייט, מע האָט פארביטן "א טשעמאדאן" פאר "א רענצל", "א קאָדע" פאר "א שווענצל", "א כדומה"

פאר "ביישפיל". אפילו דער רעאוט איז אויך געוואָרן א שותף צו דער שימחה און האט "געפליסט און געשטראָמט".

מאָטל פייערמאַן איז שטארק נתפעל געוואָרן פון דער נייער מאָדע. דאָס דייטשמעריש האָט אים אזוי פארכאפט, אז איינע פון זיינע שיחות, וואָס ער האָט געגעבן אין סניף עירוני אין קאפרעשט, האָט געטראָגן דעם נאָמען "פלוקס און רעפלוקס בא דער ידישער יוגנט". תרגום־לשון א ? נישט גערעדט — קאפרעשט האָט געשמט מיט אירע מפרשים.

פויקע יוציס האָט אונדז פארטייטש דאָס קעפל, אזוי צו זאָגן: "דאָס וואָס בא אונדז איז "פלאקס" איז בא די דייטשן — "פלוקס"; און "רעפלוקס" איז דאָסזעלבע, נאָר מיט א רייש פון פאָרנט.

☆

אריה קופרוב

אונדזער שטעטל קאפרעשט — לזיכרון

(פאָעמע)

א.

געווען איז א שטעטל ערגעצוו דארט —
וואָס שייך צו זאָגן, מיט איינעם וואָרט:
פאראן געווען דאָרטן געוועלבן און קלייטן,
און מיידלעך יידישע ווי די קווייטן.
שלאנקע יינגלעך — שטאָל און אייזן —
גאָלע וווּנדער צו באווייזן —
געווען א שיינע שול פאר געזאנג און תפילה
און א מיל אויף מאכן מעל אפילו.
זיסע פרוכטן דאָ און דאָרטן,
וויינטרויבן מכול הסאָרטן.
היינט די ווייגען פולע פעסער,
איינער פונעם צווייטן בעסער.
ערד בעארבעט האָט מען אין די סעדער,
פלייסיק און מיט קענטעניש האָט א יעדער,
בפירוש אָן טראקטאָר, אָן מאשינען —
נאָר האָניק האָבן אויסגעפירט די בינען.
אָט אזוי געלעבט אויף בעסאראבער ערד;
מיט פראצע ערלעכער — געווען אזוי באשערט —
רויק, שטיל, אָן פלאָנטער און אָן זאָרגן,
און נישט געטראכט וואָס ברענגען קען דער מאָרגן.
אָפגעפירט א לעבן, אונטער יענעם הימל,
האָבן אלע אין דעם זעלבן רימל,
יעדער צווישן זייניקע, אין זיין אייגן ווינקל —
ווי צו דעם מעסערל עס ציט דאָס קלינגל.

און אז געמאכט זיך עפעס־וואָס געשען:
צי א שמחה, צי־חליל׳ה א געוויין,
איז געווען דאָס שטעטל אייניק און יד־אחת.
סיי ביי אומגליק, חס־ושלום, סיי ביי נחת.
האָט דער הימל זיך פארכמורעט שטארק,
אזש צעפלויגן זענען זיך די פייגל ווייט פאר שרעק —
און די יידן פונם שטעטל אין דער ווייט אוועק.
אומגעקומען דאָרט פון הונגער און פון נויט —
פריי האָט דאָרט געבאלעבאטעוועט דער טויט...
פאר יענע יאָרן, אין די פרעמדע וייטן,
וו פארלוירן האָבן מיר דאָרט די צייטן
און די צרות און די אומגליקן געטראָפן —
נישט פארלוירן האָבן מיר דעם גלויבן און דאָס האפן.

ב.

אין ציגן לאנד.

וואָס איך וויל דערציילן אין מיין ליד,
איז קלאָרער אמת, ווי איך בין א ייד.
עס איז נישט שייך זיך שפרייטן מיט ליגן
עס גייט א שמועס דאָ וועגן די קאפרעשטער ציגן.
שלעכטע, צי גאָר גוטינקע און אפשר בעסערע,
יונגע און אויך קלענערע, צי אפילו גרעסערע,
פלינקע, און אויך שפרינגענדע אין געלויף
אין די געסלעך, גאס אראָפּ און גאס ארויף.
ווייסע, שווארצע, צי מיט גרויסע פלעקן,
אין די ווינקלען, אין די ליקן, אין אלע עקן,
האָבן זיי געבאלעבאָטעוועט ביז עט־שפעט
גלייך געלאָזט זיך אין א ציגנעם פארוועט.
פריי פאר זיי דאָס שטעטל. גאָר א תענוג,
אויך ביי חיה־גיטלען אויפן גאָניק.
ביי די קלויזן, ביי די מילן,
וו נאָר זיי פארגלוסט זיך און זיי ווילן.
געפילט זיך שטארק, מיט קרויזן אויפן שטערן,
קיין מורא נישט פאר וועלף און נישט פאר בערן —
און אז געפרוווט האט עמעצער זיי וועקן,
האָבן זיי גענומען הילכיק ברוגז מעקען.
א ציג איז דאָך א מזיק, דאָס לייקענען קען קיינער —
קריכט אומעטום, אויף ביינער און אויף שטיינער,
און אָפט פלעגט אזעלכס אויך פאסירן
אז אריין זאָלן זיי טאקע אין אָפענע טירן.
זיי האָבן געגעבן פארן שטעטל אויך פיל נוצן

סיי געשמאקע שפייזן און אויך שיינע וויצן,
צומאָל געקענט זיך אויך אריינמישן
פסח צום סדר, בא שיין־געדעקטע טישן.
לאכן גרויסע, קליינע, יעדער יעדער איינער,
ברוגז ווערן — זאָל עס ווערן קיינער, קיינער
נאָר אריינגעכאפט זיך טיף אויף לאנגע יאָרן,
און אזוי פארבליבן שוין אויף שטענדיק אין זיכרון.

ג.

פסח אין שטעטל

א שווארצע ביז גאָר א צעקנייטע,
א צעלייגטע ווייט א פארשפרייטע
ווי געלייגט אויף דער ערד א לאָטע
ליגט זיך אויף דער גאס די בלאָטע.
ריקט זיך די זון און טוט פאמעלעך רייטן,
זיצט מען, קוקט פון דער ווייטן,
ווי ס׳פאָרן פירלעך אָן — אויפן וועג,
קנייטן אויס דאָס בלאָטע־טייג.
אריבערגיין פון איין זייט גאס אויף דער צווייטער,
מוזטו שטיינער ווארפן, לעגן ברעטער.
ליגן אין זיכרון נאָך אָט די גאסן, אינם דרויסן,
מיט קאלאָשן און מיט שטיוול גרויסע.
שטייען קלייטניקעס אויף זייערע שוועלן,
צופרידן טוען זיי אויף די קונים קוועלן,
ווי ס׳סטראָגט אן אלטע יידענע די לעיעס,
אינם טאָרבאלע דאָרט פון די קמיעות.
גייט א יינגעלע אָנגעזאָטלט מיט א טאש אויף די פלייצעס,
ווי א פערדל דאָרטן וואָלט געלאָפן אָן די לייצעס ;
שלעפט א פיס ארויס און נעמט זיך האסטיק שפאנען
איילט אין שולע ער, נישט צו פארזאמען.
דאָרטן ווייט אין די הימלען די טיפע, וו די וואָלקנס רייזן,
סימנים פון דעם זומער טוען זיך באווייזן —
צו פארטרייבן עט־ווייט די שנייען,
הויבן אָן ארום און ארום די ווינטן ווייען.
און נאָך א שמיץ געטאָן עם האָט א רעגן,
דערנאָך הויבן אָן זיך טרוקענען די וועגן ;
ריין די לופט און סע שמעקט מיט פרילינג דאָ ארום,
גרייטן אלע זיך צום יום־טוב אומעטום.
איינע פון די ערשטע זאָרגן,
איז מיט מצות זיך באזאָרגן.

נחום בעקער און זיין ברודער לייבל,ביידע זאלבענאנד
זיי זענען מיט זייער מצות־באקן גוט באקאנט.
ווייסן פויערים וואָס יידן איצט באדארפן,
לאָזן זיי לאנג זיך בעטן, ווארטן,
קלערן, זוכן, קראצן זיך די קעפּ,
ברענגען צום פארקויפן ערדענע טעפּ.
כשרט מען מיט געברענטע אָנגעגליטע שטיינער:
גאָפּלען, מעסערס, לעפלען, יעדער איינער,
און מע שלעפּט פארשטויבט אראָפּ צוערשט און קודם,
טעלער, שיסלען, כוסות פונעם בוידעם.
ס'קומט אויף יעדן איינעם א ניי־לעבן: —
שוסטעס, שניידערס, סטאָליערס, וועבערס,
מאָלערס, פארבערס, פוצערס און די העקערס,
אויף אלעמען, און נאָך מער — אויף די מצה־בעקערס.
אויך די שוחטים און מלמדים און רבנים,
אויך שמשים, אויך גבאים און חזנים.
אלע זיי ארייגעשטעלט אין צעטל,
אויך די זינגערס און די שפּילערס פונם שטעטל.
ס'איז פון דורות בירושה אונדז פארבליבן
נאָך פון יענע צייטן, ווען פון אונדזער ערד פארטריבן —
די מינהגים, דעם סדר אָפּצוהיטן,
און די מענטשליכע, די יידיש־גוטע זיטן.
הויבט אָן דער פאָטער זאָגן דיעות:
שערן זאָל מען, גאָלן באָרד או פיאות,
פוצן די שיך און גרייטן זיך זאָל יעדער איינער,
זיך באָדן, ריינוואשן, אויפפרישן די ביינער.
בודק חמץ זיין, זוכן אין יעדן ווינקל,
מיט א ליכטל אין דער סאמע טונקל;
נישט בלייבן זאל חלילה קיין שום ברעקל,
אויסטרעסען אפילו די קעשענעס פון רעקל.
כשרט מען בא איוועשערן די גרויסע מיל,
מע רייניקט די ווענט און מע רייבט דעם דיל;
און בא בערענשטיינען די מאסלעבוינע,
חתמט א הכשר דער רב ר' יונה.
איז דען מעגלעך דאס אלעס צו באמאָלן,
ווי עס פלעג זיך כשר־מעל דאָרט מאָלן,
כשר שמן לפסח זאָל גלייך אין עמער גיסן —
דערפון פלעגט דאָס גאנצע שטעטל געניסן.
בערל זיצער נישט גערוט, איז שוין אוועק
אין טיפן בעסאראביע אין יענעם ווייטן עק,
פרישע פיש, וואָס ווארפן זיך, דערטאָפּן,
אין סאמע צימעס, ווו מע פלעגט זיי כאָפּן.

די שיינע יינגלעך מיט טייערע מיידלעך,
אין נייע שיכעלעך און אין נייע אויפגענייטע קליידלעך,
אויסגעפוצטע, ריינע פרינצעסינס צארטע,
גרייטן זיך צו אַט די טעג, לאנג געגארטע.
יעדער מיט זיין פרייד, יעדער מיט זיין קוועלן
זוכט עמיצן צו פארמעסטן זיך און אויסצושטעלן :
סיי־ווער ס'איז קליין, סיי־ווער ס'איז גרעסער,
ביי וועמען זעט דאָס שענער אויס און בעסער.
רויק, גוט מיט ווילטאָג און צופרידן,
האָבן דעמולט דעם פסח געמאכט אלע יידן ;
קליינע דאגות, ווייניק טראכטן, זאָרגן,
נאָר וואָס היינט איז זיין וועט מאָרגן.
אלץ געטאָן מיט פרייד און באהבה
יעדערער מיט זיין משפחה דעם סדר שיין געפראוועט
האָט איבער אלעמען, אין יעדן הויז, גערוט די שכינה,
און עכאָס, אָפקלאנגען פון הארציקער נגינה.
און אויב שוין פריילעך זיין און לוסטיק לאכן,
פלעגן שאַלטיקעס א טרעיאטער מאכן :
גלייך אין די אָפענע, צופראלטע טירן,
אן אויסגעפוצטע ציג גלייך אריינפירן.
געווארט האָט מען אויף אליהו הנביא אליין,
און זעט נאָר וואָס ס'קען גאָר געשען !
קייטשעש מען זיך פאר געלעכטער
פון דעם קאטאָוועס טרייבן.
ווער קען מיט ווערטער אָט דאָס אלץ בעשרייבן !
ווייַנט דאָס הארץ : פונם שטעטל איז קיין זכר נישט פארבליבן,
אלץ איז לאנג פארשוואונדן. אלעמען פארטריבן . . .
איז ווער נאר געדענקט און גוט אלץ פארשטאנען,
וועט ליינען אונדזער בוך און אלץ מיט בענקשאפט דערמאָנען...

✡

מרדכי רישפי — ברוך ינוביץ

דברי הקדמה

בעריכת הספר השתדלנו להגיע לחומר קאפרשטאי מקורי. המעט, שהצלחנו לגלות, היו הכתבות שהופיעו בעיתונים ובאנציקלופדיות, אשר שרדו לפליטה בסיפריות השונות.

המיסמך היחיד, מ ק ו ר י מ מ ש, הוא בלא־ספק העיתון ההיתולי שגילינו באקראי, בנסיבות מיוחדות במינן.

לפני שנים אחדות, העביר ישראל רשף למרדכי רישפי קופסה שכללה אוסף של מיכתבים ומיסמכים שנצטברו במשך פרק־זמן ממושך.

לפני שנה, תוך כדי חיפוש בקופסה אחר חומר בנושא "החלוץ ברומניה", נתגלה בה "אוצר" בלתי־צפוי. היו אלו גיליונות־נייר ישנים, שהצהיבו במשך 41 שנים. על 22 עמודי־פוליו, כתובים ב"עט עם ציפורן" וב"דיו מקסת", משתרעת המציאות של עיירתנו בראי־עקום.

המחברים של עיתון־חי זה, בשם "קאפרעשט מיטן קאָפּ אראָפּ", היו אברהם (בומה) יוציס, הרצל הייסינר וצבי (הרשל) מטייביץ. הם גם שקראו אותו בנשף־חנוכה, שנערך בכ"ה בכסלו תרפ"ט (8 בדצמבר 1928).

המעניין בפרשה זו היא העובדה, שעד סיום קריאת העיתון־החי לא ידעו הרצל הייסינר והרשל מטייביץ, כי נשף זה מוקדש לסיפרייה ולקהק"ל גם יחד...

די לעבעדיקע צייטונג

רעדאקציע: **הערצל הייסינער**
בומע יוציס,
הערשל מאטעוויטש

איינלייטונג

1.
פונקטליך נעבן טייכל רעאוט
אין דער זאָנע פון דער גרעניץ
ליגט קאפרעשט — א שטאט א פייער,
גרויס אינגאנצן ווי א געניץ.

2.
און עס וואקסט און וואקסט דאָס שטעטל,
סיי קיין צפון, סיי קיין דרום,
און ס'איז קליין שוין דעם בית־עולם,
סע סטייט שוין באלד קיין אָרט פאר קברים.

3.
און עס מערן זיך די קלייטן —
סוחרים ווי אין הימל שטערן;
אין די געסלעך אלע צעכען
לאָזן זייערע קולות הערן.

4.
און ווילטעטיקע אנשטאלטן
מערן זיך ווי בינען, פליגן;
און קבצנים אויף די מאות
זינגען נאָך דעם אלטן ניגון.

5.
און מע גרינדעט תלמוד־תורה'ס,
עזרת־חולים, ביקור חולים,
אויך פאר קרן־קיימת
שלעפט מען פארעס ביי דעם עולם.

6.
און עס וואקסן אויס פארטייען
מ'קען זיי שוין באלד נישט צעלן;
און דאָקטוירים גאנצע פינעף
וואָס קורירן אונז און היילן.

7.
און גאָט־זיי־דאנק עס פעלן שוין ניט
ציוניסטן, אגודיסטן, מזרחיסטן, פאָקעריסטן,
אויך ליגיסטן, רעוויזיאָניסטן —
איך זאָג אייך: פשוט ווי אינמיסטן.

8.
היינט, כ'האָב שיעור ניט גאָר פארגעסן:
יוחנן מיט דער "המיצפה".
וואס לאכט איר דאָרט? סע פעלט א גראם?
נו, און וו איז דער בית־עם?

9.
און עס וואקסט און וואקסט דאָס שטעטל
און עס פרוכפערט זיך א יישוב.
פאָרט, ווען ס'איז, א פרעמדער דורך
שטוינט ער: כ'לעבן, ס'איז א כישוף!

.10

אלעס, אלעס וואָס איר ווילט נאָר.
כ'זאָג אייך: פשוט א מחייה!
היינט עסקנים, כלל־טוער
פיינע און געטרייע.

.11

מיר האָבן שוין א באנק אליין,
א ביבליאָטעק, א לעזע־זאל,
וואָס מאכט לכבוד יום־טוב אונז
א פיינעם, שיינעם אָוונט־באל.

.12

און אז מיר זעען זיך אין פריידן —
אלע דאָ אינאיינעם —
ווען מיר פראווען, לאכן, שפאסן,
נישט דורכלאָזן קיינעם.

.13

זייט נישט ברוגז, מיינע הערן,
פון אלע ווען מיר דאָ שפאסן:
סיי פון די וואָס ליבן אונדז
און סיי פון די וואָס האסן.

.14

איין זאך בעט איך: רויק זיין!
הערשל מאטעוויטש קומט אריין.
אונדז וועט העלפן יוציס בומע —
א ריינע, כשרע נשמה.
ברוך הבא, ער איז דאָ!

.15

מיר האָבן געסט! געסט, געסט,
געסט.
פאָרן געסט, קומען געסט,
צפון דרום
עסט און וועסט.
פון מאנטשעסטער און טריעסט
קומען געסט, לויפן געסט.
געסט! ווילע געסט, שענע געסט
פיינע געסט.

.16

אלעס, אלעס וואָס איר ווילט נאָר
כ'זאָג אייך: פשוט א מחייה!
היינט עסקנים, כלל־טוער —
פיינע און געטרייע.

.17

אינזשינערן, אדוואקאטן און פּאָעטן,
דיפּלאָמאטן,
קאָמערסאנטן, פארמאצעפטן,
היינם בעאמטע פון געשעפטן;
היינט דאָקטוירים און סטודענטן
און גלאט אינטעליגענטן.

.18

און טאנצאָרן — אקטיאָרן
זיי זענען אלע היינט צופרידן
ס'איז דאָך גוט און וויל
פאר יידן.

☆

ס ק ל י א ר

1

א שענער, א געגאָלטער ייד,
איר קענט אים אלע גוט.
גאָר א פיינער, ניט קיין נאר,
אָט זיצט ער דאָרטן —
יאסל סקליאר.

2

פלעגט זיך מישן אמאָל אָפטער
אין געזעלשאפטלעכע זאכן,
אין אוקריינער־קאָמיטעטן
פלעגט ער ניסים פשוט מאכן.

3

אין די טעג פון די פּאָגראָמען,
איך געדענק זיי יענע צייטן:
יידן בעזשענצעס, אוקראינער
קומען אָן פון אלע זייטן.

4

א פאריאָצטער פלעגט ער לויפן,
פלעגט נישט שלאָפן, פלעגט נישט
רוען
מיט זיין ליבן פעטער לייזער —
צו אלע פריצים פלעגט ער לויפן.

5

איז געווען א צעיר־ציון
מיט א פלאם, א ברען, א היץ,
געהאָלטן רעדעס גרויסע, לאנגע
אויפן צענדליק, אויפן טיץ.

6

ווייסט איר וואָס סע איז געוואָרן
פון דעם געזעלשאפטלעכן מאן ?
סע הייבט זיך אָן א נייע סדרה :
סדרה וואַלמאן — פאיענסאָן.

7

ניט פון ענגלאנד, ניט פון פראנקרייך,
ניט פון אפריקע און ווין,
פאיענסאָן איז אהער געקומען
דווקא פון דער שטאָט בערלין.

8

און ער קויפט איין רויזן, האָבער,
פאפושאָיעס און קעבעבע,
פון די סוהרימלעך די קליינע
איז געוואָרן סקליאר דער רבי.

9

און עס לויפן טעלעגראמעס
יעדן טאָג א ״פרעץ קורענט״,
קינד און קייט — זיי ווייסן אלע
סקליאר געוואָרן אנ׳אגענט.

10

וואָס טעטראדיען, וואָס מיר ביכלעך,
אויס דוכי, אָ־דע־קאָלאָן —
פון גאנצפרי ביז שפעט ביינאכט
קלאפט און קליגנט דער טעלעפאָן
פון דער פירמע ״פאיענסאָן״.

11

שווער צו קריגן איז ביי אים שוין
ריצנאייל, פראָשקעס, אספירין.
מיט איינעם וואָרט : א מענטש
א סוחר
פון שטאָט בעלץ ביז שטאָט בערלין.

12

דאָך צופלאקערט זיך צומאָל
נאָך דער פונק פון ארץ־ישראל
און ס׳איז שוין ניט יענער סקליאר
וואס זיין לאָזונג איז ״דאָלאר״.

13

און אז ס׳קומט פראָפעסאר ווייצמאן,
צי גאָר סאָקאָלאָוו רב נוחים,
לאָזט ער איבער די געשעפטן
און אויך פאיענסאָנס רווחים.



14

נעמט דעם קאפעליוש דעם דארן
בעט אליושן צוצוארן,
כאפט דעם טשעמאָדאן אויף גיך,
שלעפט ארויף די נייע שיך
און ער זיצט שוין אויף דער פיר,
די דרייפערטלדיקע גאלאָשן
האלט ער פעסט אין א פאפיר.

15

און ער לויפט דאָרט גיך אין מרכז
שטופט זיך דאָרט מיט זיין מאנדאט,
אָט אזוי איז סקליאר דער סוחר
אויך קאפרעשטער ״דעלעגאט״.

☆

אחים יוצים

1

איך קען א הויז, איר קענט עס אויך
איר דארפט ניט ווייט עס זוכן,
ווו מ׳הערט ניט אויף, טאָג ווי נאכט,
צו שטרייטן און וויכוחן.

2

סע איז א שענקייט אָנצוקוקן
דאָס ענערגישע געזינדל,
ווו עס לעבן זיך זעקס ברידער
מיט זייער שוועסטער הינדל.

3

איינער לערנט אין סאַראַקע,
איז נאָך גאָר א קליינער;
און דער צווייטער איז א שרייבער
אויך נישט קיין געמיינער.

4

און דער דריטער איז א סוחר —
הייסן הייסט ער לייזער
און דער פערטער — הר׳ פיניע
אויך א פיינער, נאָר א בייזער.

5

און דער פיפטער ברודער זייערער,
אָט דער ליבער חלוץ שמעון,
אין שוין לאנג אין פאלעסטינע
און וועט נאָך ווידער צו זיי קומען.

6

אחרון, אחרון קומט דער זעקסטער
— אי א דארער, אי א הויכער,
איז דער שעף אויך פון דער פירמע
און ביי זיי דער גאנצער מוכר.

7

איז אמאָל געווען א קנאקער
אין די שטאָטישע אנשטאלטן,
כאָטש קיין געלט קען ער ניט מאָנען
און קיין רעדעס אויך ניט האלטן.

8

איר קענט אים אלע אָט דעם בחור,
גאָר אנ׳איידלער, גאָר א צארטער,
א געזעלשאפטליכער טוער
שוין אביסל צו א הארטער.

9

אומעטום א דיעה־זאָגער,
אומעטום א הויכן פאָסטן,
אלעס נאָר ווי אפגעוויגן,
אלעס נאָר ווי אפגעמאָסטן.

10

רעוויזאָר אין ביבליאָטעק,
און קאָמיסאר איינצייטיק,
וואָס פלעג פארגעסןליידיקן
די פושקעס יעדן פרייטיק.

11

סעקרעטאר פון דער סאָבראניע
אין דער באנק, איז געווען רב ברוך;
פאָרט געווען א גימנאזיסט
וואָס קען דערצו אויך שולחן־ערוך.

12

איצט פארגאנגען יענע צייטן,
ער האָט פארלאזט דאָס גאנצע רימל
און עס אפגעגעבן גענצליך
אונדזער ליבן יעקוב־שימל.

13

האָט שוין אויך א שטיק משפחה
און א מיידאלע א פייער,
איז פארטיפט אין די געשעפטן
״ס׳איז דאָ ארבעט, צייט איז טייער״.

14
דאַך עס קומט אמאל א צייט
פון וויבערעס און וואלן,
לאכן, שפעטן, קריטיקירן
איז ער דאַך דער ערשטער בעלן.

15
וויל זיך איצט נישט מישן, גאַרניט,
אין די שטאָטישע ענייִנים,
האקט מיט ווערטלעך און מיט וויצן
אויף די איצטיקע עסקנים.

16
ער וועט זיכער ווידער קומען
אין די שטאָטישע אנשטאלטן ;
שוין גענוג זיך אויסגערוט,
שוין גענוג זיך אויסבאהאלטן.

17
גלויבט מיר, ער וועט ווידער קומען
אָט דער "פאַסט", אָט דער "עקס".
נישט אומזיסט איז ער דער עלטסטער
פון די ברידער זעקס.

קאפרעשט אין 30 יאָר ארום

אזוי ווי קאפרעשט, אין דרייסיק יאר ארום, וועט אויסזען פונקטליך ווי אָדעס; און נעמענדיק אין אכט, אז מיר קענען ניט רעדן קורץ (ס'האָט מיר שוין אפילו היינט א באקאנטער געזאָגט, אז כ'בין לא־עליכם א גרעסערע סעדיכע ווי מאדאם...)! דערפאר בעטן מיר איעדן פונעם פובליקום (געוויינליך דער וואָס איז געוועזן אין אָדעס), ער זאָל אייך דערציילן וויאזוי סע זעט אויס אָדעס, וועט איר במילא שוין וויסן וויאזוי קאפרעשט וועט אויסזען אין דרייסיק יאָר ארום...

קאפרעשט — ווטאָראָי אָדעס

דאָרט, ווו ס'איז געשטאנען אמאָל סטאנציע ראָגאָזשעני, איז איצט סטאנציע "לאָכאָוויץ". עס דרייט זיך ארום, צווישן דעם צען־טויזנט־קעפיקן עולם, א מענטש — ענליך צום שעף־דע־גארא שטעפאנעסקו; א ריז — ברייט, הויך און גראָב; אויפן קאָפּ א היטל מיט א רויטן אָקאָלשיק. דאָס איז פּייוול פון דער באנק — דער נייער שעף־דע־גארא... די פערד, פון זיין אמאָליקן פאיעטאָן, האָט בא אים אויסגעליגן א קונישע־פאיאָנער קאצאָפּ, אזוי אז ער האָט געמוזט אָננעמען די נייע סלוזשבע...

דער וואָקזאל ציט זיך פון צירע ביז "אונקיטעשט" און אביסאלע נאָך ווייטער. די היינטיקע הויפטקנאקערס אויף דער ראמפע, זענען די גראָבבייכיקע וולוועל גארשטיין און פייוול קיזשנער. די גרעסטע פארדינסטן זענען איצט בא ריפיצע און קאבאק־קערלעך. סע באשיינען דעם וואָקזאל צוויי קופּעס פארפוילטע פאפושויעס. דאס איז א "נשאר'ל" פון אהרון מאטיעוויטשעס זערנעס פון 1929 יאָר. אין שטאָט אריין פאָרן עזות־פנימער מיט טראמווייען און אווטאָמאָבילן. פחדנים — פאָרן נאָך אלץ מיט די אמאָליקע פערדלעך...

מרדכי גאָלדענבערג'ס הויז קומט שוין אויס אין צענטער־שטאָט. אזויארום זענען בא אים אוועקגערויבט געוואָרן די "גרינע לאָנקעס", "ברייטע וועגן" און "פרייע

סטעפּעס", ווו ער פלעגט אמאָל: זומער — שמעטערלינגען כאַפּן, און ווינטער — ווילדע וועלף פאַר זיינע בילדער. דער רעאַוט פליסט דורך אינמיטן שטאָט; איבער אים ווארפן זיך איבער צענדליקער מעטאַלענע בריקן, אויפגעבויעט דורך שלמה זיינוולס.

אייזן פאַר די בריקן, האָט צוגעשטעלט דאָס נייע געשעפט פון אַלטער בורשטיין. טויזנטער לעמפּ באַצירן די גאַסן. באַנאַכט איז לעכטיק ווי באַטאָג. גנבים גייען ארום אָן א שטאָך ארבעט. אויף די הינטערשטע גאַסן קען מען נאָך באַמערקן אַנ'אַלטמאָדישן גאַזאָוואָי לאָמפּ "פּעטראָמאַקס" — איינגעקויפט דורך דער אָרטיקער פּרימאַריע.

ביירזשע

ביי יואל מער, פונקט אין צענטער, ווו די קאַמערא־דע־קאָמערץ איז, שטייט די רוישיקע קאַפּרעשטער ביירזשע. דאָרט זעט מען סוחרים זיצן: גרויסע, קליינע, רעשן, שוויצן; און מע לויפט און מע קויפט, און מע טוישט און מע רוישט. ראש וראשון איז ר׳ב יחיאל. אהרון איוּוטשער מיט דער מיל און נאָך פיל און פיל.

מאַשקע עלקעס באַנק אָרכעי
צאַלט מאַקוך א רובל צוויי,
שמושע לעמבערג, ווינער נחום,
אַלע, אַלע מיט רווחים.
יענקל איוּוטשער און יאַנאָוויטש,
סקליאר און מאָטיס אַבראַמאָוויטש,
אייזיק אָקשטיין און שימשאָוויטש
און די ברידערלעך יאַנאָוויטש.
און נאָך סוחרים פיל און פיל
מאַכן קונצן ביי דער וואָג,
מע האַקט פּרייזן גאָר אין טאָג;
די מאַטיעוויטשעס אינאַיינעם
לאָזן גאָרניט דורך קיינעם.
ברוך־משה און רב פּרוים
נאַרן אַלץ נאָך אָפּ די גויים.
סוחרים, הערט אייך צו מיט קאָפּ:
פּערציק גאַרע צאַלט מען פ"פ.
ווײַנשענקער הערץ פאַרקויפט נאָך וויין
און צאַלט שוין רויזן א רובעל ניין.

די ביבליאָטעק

די ביבליאָטעק האָט ארויסגעוואָרפן די באַנק פון איר הויז, אַדאַנק דעם וואָס אַסאַך טשלענעס פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג, זענען אַריין אין דער באַנק־פאַרוואַלטונג. עס דעזשורירט א גראַנד־דאַמע מיט פּענסנע און עס העלפן איר מיט — ביי די פּראָנצויזישע, דייטשע און אַראַבישע ביכער — אירע עטלעכע שוואַרצינקע קינדערלעך.

דאָס איז עספּירא מיראָנאָוונא בליומיס. אין ביבליאָטעק דרייען זיך ארום, נישט קיין לעזערס נאָר שכנים אויף די טיצן. זיי זוכן שמעונען מיט יענקלען, וועלכע באהאלטן זיך צווישן די שאַפעס, ביכער און גאזעטן.

אין צימער, ווו ס'איז געשטאַנען די קאסע פון דער באנק, ווערן איצט פארק יפּט טרויבן (פּאָמען) פון זייער נייעם וויינגאָרטן. אלע לייענער פון דער ביבלאָטעק קויפן פּאָמען נאָר פון דער פירמע "שמעון גאָלדענבערג" און "יענקל גייסינער" — אלס צייכן פון דאנק צו די צוויי פּארוואלטערס, וועלכע האָבן אוועקגעגעבן אזויפיל מי דער גרינדונג פון קרן קיימת־קאָמיסאריאטן און אנדערע וווילטעטיקע טאטן.

די ביבליאָטעק איז פול מיט אנטי־חתונה ליטעראטור; אויף די ווענט הענגען פלאקאטן מיטן אויפרוף: "האָט חתונה, מאכט ברית'ן, אבי קויפט אונזער וויין". א באזונדער צימער איז געווידמעט די קאפּרעשטער ליטעראריש קעפּ: אלע ווערק פון מרדכי גאָלדענבערג. זיינע נאָוועלן "די ברייטע וועגן" — ציען זיך אין דער ברייט און אין דער לענג; מע געפונט דאָ גאנצע בערג "פון מיין שטעטל"; שפּאנענדע ראָמאנען באהאלטן זיך "צווישן סאָסנעס". סע הענגען ספּעציעלע אויפרופן: "לייענט די ווערק פון מרדכי גאָלדענבערג — דער וועלכער האָט געיידישט פּיאָדאָרן און קאלינען און זיי אריינגעבראכט אין דער יידישער ליטעראטור".

אין מיזרח־וואנט, א זכר צום אָריענט, שטייען אלע ווערק פון ד"ר יוחנן קאפּלי־וואצקי: אראבישע, סירישע, כאלדעאישע, באבילאָנישע, תרגום־אונקלוס און רש"י גראמאטיקעס, ווערטער־ביכער, לעקסיקאָנען און אנדערע; זער, זער אינטערעסאנטע שאַפּיראָגראַפּירטע בענדער. אויף זיי איז אנ'אויפשריפט: איך שענק אייך דיזעס, צור פארפיגונג דיזעס, קויפט דיזעס און קוויקט אייך מיט דיזעס...

ביי דער זייט, אויף א פּאָליצע, ליגן די קאָאָפּעראציע־ווערק פון לייזער גייסינער. א טייל בענדער זענען געווידמעט דער היסטאָריע פון קאפּרעשטער אָבשע־סאָבראָניע און פון דעם שיך־קאָנסאָרציום.

די לעזע־זאל איז פארפלייצט מיט גאזעטן, בלעטער פון אלע עקן וועלט; אלעס ווערט געשיקט צו אונז חינם אָן געלט. א ספּעציעלן צימער פארנעמען די קאפּרעשטער קאָרעספּאנדענטן: פּאָליצעס מיט בענדער פון אויסגעשניטענע קאָרעספּאנדענצן פון "אברהם יו", "בן־בלי־שם" און זלמינע מיט אן אויפשריפט: "אז אָך און ווי איז אונזער צייט"...

ביי דער זייט, א פּאָליצע "די וואָך" מיט טעגלעכע קאָרעספּאנדענצן פון "אגודת ישראל". באשטענדיקע מיטארבעטער: שכנא שווארצוואסער און הערשל מאטיעוויטש. די אויפשריפט איז: "פארלאָזט אייך באָרד און פּיאות!"

העכער אביסל, ליגן דריטהאלבן בלעטער פון "רעגאשטערע", דימיניאצא" און "ארבעטער צייטונג", מיט אלע נאָך נישט געדרוקטע ארטיקלען פון הערצל גייסינער, זאָל לעבן...

☆

דער "בית העם"

ביים אריינגאנג שטייען 3 בראָנזענע סטאַטועס; אינמיטן — א גרויסע סטאַטוע מיט אַנ׳אַראַבישער אויפשריפט: "דאָקטאָרוס דאָצענטוס ד׳אוניווערזיטעטא קאַפרעשטא יוחנאנוס קאַפליוואַצקוס". אין בײדע זייטן צוויי אייזערנע סטאַטועס פון יאַנקל סטופּשאַק און זיין פרוי שיינע. אין דער זייט, ביים פאַרקן, שטייט א סטאַטוע פון לייזם מיטן אויפ־שריפט: "עבד־כנעני של ד"ר קפליבצקי — מאָטל פייערמאַן". פאַר ד"ר קאַפליוואַצקי׳ס סטאַטוע שפּריצט א פאָנטאַן מיט זייער אינטערעסאַנטע לעקציעס. פון די ווענט, וועלכע זענען צונויפגעפּירט געוואָרן פון א קאַפרעשטער יידענע, באַדעקט מיט א דאַך — האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם...

דער אָנפירער פון דער ווייטערדיקער אַרבעט, און דאָס צונויפנעמען די פינעפער לייעס אלע דאָנערשטיק; פירן פאַרטייעס, ברענגען קאַליך און מאַכן זאַקלאַשטשענעס — איז געוואָרן דער יורש־הטראָן רב דאָן. אזויווי אין לאָקאַל פעלן: פערעסטיענקעס, פענצטער, טירן, שטיקלעך ווענט, פּענעץ, טינטערלעך און אַנדערע קליינִיקייטן — זענען נאָך אלע אַנדערע אנשטאַלטן אין זייערע אייגענע ווינונגען.

☆

דער אוניווערזיטעט

אויף די חורבות פון דער "שקאָלא־פּרימאַרע" איז אויפגעבויט געוואָרן א גרויסע געביידע פאַרן פאָלקס־אוניווערזיטעט. רעקטאָר — דאָקטאָר יאַן, דעקאַן פון דעם יורידישן פאַקולטעט — אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט פעדראָ (פּישל) פּעליציאַן; פּאָליטישע עקאָנאָמיע — ד"ר סימאָן פּאָרטנאָי; מעדיצין פּראָפעסאָר — ליפּא בולשטיין; פּאָקער־זיצער — איציק פיינבוים; חוכמת השחיטה — חיים גרינבערג, שו"ב דק"ק קאַפרעשט...

קינעמאַטאָגראַפן

פון קינעמאַטאָגראַפן, לעבעדיקע און טויטע, איז אָפּגערעדט. מע שמועסט אפילו, אז סע האַלט זיך אין אָרגאַניזירן א קינאָ־סטודיע, וועלכע ווייזט וויאזוי האָט אויסגעזען קאַפרעשט מיט 30 יאָר צוריק. דאָס פּובליקום קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער קוקנדיק אויפן עקראַן, וואָס ווייזט די קאַפרעשטער בלאָטעס, גריבער, ריפּעס; די באָד, די טשערעדע מיטן בוהאַי און שלומה — זאַנוולס צאָפּ; די אָבשע סאָבראַניעס, אָפּאָזיציעס, ספּעקטאַקלען, באַלן, וויבאָרעס פון מיס־רעאַוט, וויבאָרעס פון גבאי, וויבאָרעס פון גאַרע לאָכאָוויץ, וויבאָרעס פון א מיתה־משונה, וויבאָרעס, וויבאָרעס, וויבאָרעס...

☆

טעאַטערס

טעאַטער נומער 1

לייב גראַבערמאַנס מאַגאַזין, וואָס איז איינגעפאַלן אין יאָר 1924, איז פונדאַסניי אויפגעבויעט געוואָרן און הייסט איצט: "די געלע גאָל". א ריזיקע געביידע, וואָס

אלעס איז דאָ געל: געל פון פאָרנט און פון הינטן, א געלער דאך, געלע רינוועס געלע אפישן אויף געלע טאבליצעס, געלע בענק, געלע ארטיסטן און אפילו די פרימא־דאָנעס זענען געל. בקיצור, אפילו דעם פובליקום איז געל אין די אויגן. נאָר אין איין אָרט איז בלוילעך. אנו, טרעפט ווו ?... אין קאסע. עס גאסטראָלירט "דער געלער פויגל" מיט די בארימטע קאָמיקער, ברידער עימאנואיל און לעאָפאלד כארקאָווסקי. אין שפּיץ. ספעציעל געדונגענע מענטשן שטייען און קיצלען ביי די פאָדעשוועס די, וועלכע ווילן נישט לאכן.

☆

טעאטער נומער 2

אויפן אָרט פון ווערזובס איינפאָר, שטייט דער נאציאָנאלער טעאטער פאר דראמאטישער פאסקודסטווע, אונטערן נאָמען "דער איבערגעקערטער שקראָב". עס דרייט זיך ארום, מיט די הענט אויפן... הארצן — דער דירעקטאָר פון דער טרופּע "די געלע זעכט" ה' וולאדימיר סקלאדיאנין — א ייד מיט א היבש בייכל, א גאָלדענע קייט אין זשליעט־קעשענע (דער זייגער איז שוין לאנג פארמשכנט אין שטאָטישן לאָמבארד פון היגן פראָצענטניק). מע קען דערקענען דעם דירעקטאר לויט די ווייסע קאמאשן און שטעקן מיט דריי עקן, מיט וועלכן ער וועקט אויף די ארטיסטן. אין משך פון לעצטן יאָר ווערט דאָ געשפּילט די דראמע: "די פארבלאָנדזעטע פליג אין א פרעמד העמד".

☆

האָטעלן

ליידער קענען מיר אייך די צאָל פון די האָטעלן נישט אָנגעבן. לויט די לעצטע צאָלן פון דער סטאטיסטיק אין 1959 — זענען פאררעגיסטרירט געוואָרן 196 האָטעלן, 75 אכסניות און 37 מלון־אורחים. מיר וועלן באצייכענען נאָר די צוויי וויכטיקסטע:

1) **האָטעל פעק** — אויף דער טאבליצע — א לינקע פיאה און א רעכטע וואָנציע. וואָס דאָס באדייטעט דארף מען אייך אין מויל נישט ארייַנלייגן. אין דעם האָטעל שטייען איין, פון צייט צו צייט. דעם שטעפאנעשטער׳ס אנ׳אייניקל, דעם בוהושערס א גליד־שוועסטער־קינדל, דעם דאָראהאָיערס א פלימעניצע. הכלל, לויטער רבנים, שוחטים, גבאים, גוטע יידן, שפרעכערס, אויגנלעקערס און קמיע־גיבערס. אויף די טירן הענגען 2 גרויסע מזוזות, קימפעטאָרנס־צעטלעך א.א.וו.. פאָרנט איז אויסגעבויעט געוואָרן א ספעציעל ביוראָ, ווו א דארע סעקרעטארשע האָלט אין איין שרייבן בריוולעך צום רבי׳ן...

2) **דראָטעל צעלמאן**. באזיצט 13 עטאזש. אויפן דרייצעטן שטאק שטייען 3 פייגא־לעך, וואס פישטשען און קוויטשען צו די דורכגייער:

☆

"פאסאזשירן, וואַיאזשאָרן,
ציין־דאקטוירים און מאיאָרן,
יידן און קריסטן — גאנץ עגאל,
געסט אויף א אָוונט־באל —
צי א חתן, צי א כלה,
קומט אהערצו שלאָפן אלע ;
אויך דאָקטוירים ספעציאליסטן
און אלע איבעריקע איסטן,
אלע, אלע, מיט איינעם וואָרט
האבן דאָ א רויק אָרט.

ווי מיר דערוויסן זיך פון זיכערע קוועלן, זאָלן די גראמען געפלאָכטן ווערן פון אלעמען באקאנטן וואָלונטאר־קאפּאָראל איסאק מאַיסעיעוויטש כערזאָנעמאגיו (הרסאָנסקי), וועלכער איז טראגיש א מגעקומען ביים אראָפּשלינגען א זער סאלינע אנעקדאָט, וואָס איז אים אריין אין דער לינקער כלי. — מע האָט אים דרינגענד געמאכט אנ׳אָפּעראציע און ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן אז דער אנעקדאָט שטאמט אָדער פון חיים הילל קליימן, אָדער פון שימחה פאָרטנאָי. א ספעציעלע קאָמיסיע האָט דאמאָלט געדארפט אויספארשן ווערמעס וויץ ס׳האָט געבראכט צו אזא טראגישן טויט פון אזא טאלענטירטן מוזיקער. אויף א זיצונג פון דער אויספאָרשונגס־קאמיסיע, אין וועלכער ס׳האָט אנטייל־גענומען די "מיס־לעטוטשקע" פון היינטיקן באל, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז דער וויץ געהערט דווקא צו יעפים אבראמאוויטש קליימאן און דעריבער איז ער א.יסגע־ויילט געוואָרן אלס וויצע פרעזידענט פון די אנעקדאָטן־קענערס . . .

☆

כימעט משיח׳ס צייטן

מיר געדענקען נישט פונקטליך ווער ס׳האָט געשענקט א הויז פאר א ציוניסטישן קלוב: צי יענקל מאטיעוויטש צי שמואל גאליצקי אָדער אפשר גאָר יענקל ווייסמאן. אלענפאלס איינער פון זיי — דאָס געדענקען מיר אויף זיכער . . . דאָס הויז איז איבער־געבויעט געוואָרן אין דער פאָרם פון א פורים־קוילעטש, באשיינט מיט א גרויסן מגן־דוויד. צוליבן מגן־דוויד האט שייקע פיינבוים געשענקט א וואגאָן פינף־דיומאָווע לאָטעס. דאָס ה.יו איז באדעקט מיט ווייס־בלויע טשערעפיצעס פון שניאור קליימאנס זאוואָד. אויסגעפירט די ארבעט האָבן נאָר אזוינע קאמענשטשיקעס, וואָס האָבן כאטש איינמאָל אין יאָר געצאָלט אויך קרן־היסוד. אין לאנגן קארידאָר עפענען זיך טירן פון עצי־שיטים־האָלץ, וואָס זענען ספעציעל געבראכט געוואָרן דורך א קרן־קיימת־אינסטרוקטאָר, וועלכער האָט ביי אָפענע טירן מורא געהאט צו האלטן רעדעס, לעקציעס, רעפעראטן . . .

עס דרייט זיך ארום א ייד מיט א געגאָלטן קאָפּ, מיט א שווערד אין האנט מיט דער גאנצער מוניציע און איז ענליך צו וולאדימיר זשאבאָטינסקי. דאָס איז ה׳ יעקב מער — דער פאָרזיצער פון רעוויזיאָניסטישן פארבאנד. איצט זענען זיי ביי דער מאכט, אדאנק דעם וואָס ביי לעצטע וואלן צום קאָנגרעס האָבן די רעוויזיאָניסטן באַקומען נישט 13 שטימען, ווי פאראיאָרן — נאָר צווי מאָל אזויפיל — פונקט 26, ווייל ס׳האָבן זיך באטיי־ליקט אויך די ווייבער פ ן די איצטיקע פריש חתונה־געהאטע רעוויזיאָניסטן.

דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — א ייד מיט א לאַנגער ווייסער באָרד. דאָס איז דער "הכול, בכול, מכול, כול". ער איז נאָך אַלץ א געגנער פון לעגיאָנען און דעריבער האָט ער צוגעצויגן דעם גרעסטן גיבער אויף קרן־היסוד פון יענע צייטן — ה׳ יענקל מאַטיעוויטש". זיי פירן צוזאַמען א קאַמף געגן די רעוויזיאָניסטן, מיט זייערע פרויען, קינדער; און ווילן זיי געגנצלעך אויסשליסן פון דער קהילה־קה״שה — לאָכאָוויץ.

פ י נ א ל

מיר וואָלטן נאָך אסאך געשריבן
און קאַטאַוועסלעך געטריבן
ס׳איז נאָך דאָ פון וועמען לאַכן
אפצושפעטן, חוזק מאַכן.
ס׳זענען נאָך געבליבן גראַמען,
מיר זענען פול מיט זיי ווי שוואָמען.
זענען מיר דאָך שוואַכע יינגען
מ׳קען אונדז נאָך אָפּקלאַפּן די לונגען

בעטן מיר ביי אייך מחילה
אונדז פארצייען, אונדז נישט האַלטן
און נישט איבערקערן וועלטן.
איטליכן דערמאָנען מיר
סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן.
ווער סע וויל און ווער סע קען
קומט און העלפט אונדז
גראַמען פלעכטן.

☆

פלוני־אלמוני

אביסל שמיץ די רעדאַקטאָרן

א גוט יומטוב אייך הערן
רעדאַקטאָרן,
פון לעבעדיקער צייטונג אמאַטאָרן.
אין נאָמען פון די געסט
דרוק איך אייערע הענט פעסט.

א דאַנק אייך פאַר דעם
פארגעניגן,
וואָס איז אי אמת, אי ליגן.
איך בעט אייך, ליבע פריינט
מיר טון דאָס פארגעניגן היינט.

מיך אויך לאָזן אריינשרייבן
אַנ׳ארטיקל —
נישט גאָר קיין גרויס שטיקל,
אין אייער "קרומען שפיגל"
איידער איר לייגט דעם זיגל.


הערט א מעשה, א סקאַנדאַל,
וואָס פאַסירט בא אונזער באַל,

אויסלאַכן פון גרויס ביז קליין
נאָר נישט פון זיך אליין.
עפעס גאָרניט שען פאַר אייך
מאַכן אזעלכע טעותים אסאך;
ס׳איז דאָך דאָ בא אונדז אין
שטעטל
אויך פון יענעם קלייטל —
וועלכע האַנדלען מיט אלערליי
"איזם":
קאָקאַאיזם, לינקיזם, אידישיזם,
און נאָך א מין פּיזם
אָן א טראָפּן נאַציאָנאַליזם.
היינט א יונג — א בחורעץ
לערנט זינגען אין געזעץ,
זיך געבאָריעט מיט באַקאַלאַורעאַט
און וועט נאָך ווערן אדוואָקאַט.
א ביסל יושר אויב איר דאַרפט,
אפילו דורך קראַפט,

קריגט איר ביי אים גלייך —
סיי פון אָרעם, סיי פון רייך.
אָט דער יינגער ארכיטעקטאָר
האָט א טאטן א דירעקטאר.
אלס קינד זיך געלערנט א מלאכה
שיעור ניט א פלעק אין דער
משפחה.
פאר ציון פלעגט ער ברענען ;
היינט — ווערסטו אים נישט
דערקענען —
ער איז מקריב פאר דער ליגע

און איז געגן אלע היגע.
און איר זעט בומען — אָט א דער
הייסער שילער פון באָראָכאָוו־בער
א ווויל יינגל, אנ׳אינטעליגענט
און א צייטונגס־קאָרעספאָנדענט.
כדי צו זיין אנאָנים —
אברהם יו. איז זיין פסעוודאָנים.
ווילט איר זען ס׳אר א פנים ער
האָט
נעמט און לייענט דעם יידישן
בלאַט.

☆



מרדכי רישפי (מאטל פייערמאן)

אין געמויזעכץ

(טראגי־קאמישע, מעלאדראמאטישע עפאפעיע)

טייל פון א לעבעדיקער צייטונג

נאך זעקס יאָר שטילשווייגן,
ווען קיינער ס׳מויל פלעגט נישט וואגן,
דערהערט האָט זיך פלוצים א גרויזאמעס קול,
וואָס האָט ווייט זיך צעטראָגן איבער בארג, איבער טאל :

☆

גענוג שוין, גענוג מיט חוזק פארוואלטן,
אין אלע, אין אלע קאפרעשטער אנשטאלטן !
מיר ווילן, מיר ווילן גענויע באריכטן
און זאָלן עס ויסן די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

☆

און זאָלן עס ויסן די ברייטע פאָלקס־מאסן —
מיט קהלשע זאכן מ׳מאכט נישט קיין שפאסן.
צום דרימל און שימל פון דער ביבליאָטעק
מוז נעמען אנ׳ענדע, א סוף און אנ׳עק !״

☆

און עס הערט זיך דאָס קול
איבער בארג איבער טאָל :
״א פארזאמלונג א ברייטע זאָל ווערן גערופן
אין באנק־זאל אין הויכן, אין ברייטן און טיפן.

☆

און זאָל דאָרט איעדער זיין וואָרט ארויסזאָגן
וועגן פראגן וואָס בעטן אנ׳ענפער און נאָגן
און ווארטן א לעזונג צו שווערע פראָבלעמען,
אנ׳ענדע, א סוף און אנ׳עק זאָל עס נעמען !״

☆

מעפיסטאָפליש עס לאכט יעקב־שמעון :
וואָס זענט איר, באנדיטן, אהערצו געקומען
די באשיידענע, געטלעכע רו אונז צו שטערן ?
... און טויב זענען אויערן, זיי ווילן נישט הערן.

☆

און געגנערס — זיי בויגן דעם קאָפּ נישט ארונטער.
״א סוף מוז עס נעמען נאָר היינטיקן ווינטער
און מעג זיך אפילו די וועלט איבערקערן —
מיר שווערן, מיר שווערן ! ! ! . . .

☆

עס לויפן אום חברה ווי מייז ווי פארסמטע
צו ברענגען די גאולה, די לאנג שוין פארזאמטע,
און פאַרלעך — זיי שפאנען געשמאק אין די גאסן
און טיילן איעדן די ״טשלענסקע בעזנאָסן״.

☆

און ענדלעך געקלונגען די גליקלעכע שעה —
די ״אָבשע סאָבראניע״ געקומען, שוין דאָ.
און ס׳שפרייזן איבער ימים און טעכער און בלאָטעס
סיי ווייבער, סיי מענער, סיי קינדער, סיי טאַטעס.

☆

״פּרעדסעדאטעל״ רב יאשע, ער זיצט אויבנאָן,
עס קלאפט שמעון־יענקל א צאָן אין א צאָן.
ס׳איז קיין קאטאָוועס, ס׳איז מער קיין שפאס !
עס ברויזט א ווולקאן פון צאָרן און כעס.

☆

קוקט אָן חבר מאָטל, ס׳איז אים נישט צו דערקענען,
אין פלאמען געהילט ער ווי א רוח פונעם גיהינום.
זיין מויל עס שפריצט ווערטער פול פעך און פול שוועבל.
די סטעליע אזש ציטערט, דער פּאָל און דאָס מעבל.

☆

״כ׳וויל מער שוין אייער פנים נישט זען,
איר מעגט זיך שוין אויפהויבן, אָנטאָן און גיין,
און זאָלט איר דאן קומען ווען איך וועל אייך רופן ! !
דער עולם קוועלט אָן גלייך ווי בגילופין . . .

☆

קוקט אָן חבר בומע, ער איז גאָר קיין נאר —
א פען און פאפיר און ווערט סעקרעטאר,
און מעגן זיך אלע דאָרט שפייען מיט גאל
ער זיצט זיך געלאסן און שרייבט פּראָטאקאל.

☆

אַט שטייט חבר יאַסל און בעט זיך צום וואָרט.
ער האָט א פּראָיעקט: ״טאקע דאָ אויפן אָרט
זאָל קלויבן איעדער, וואָס זיצט דאָ אין זאל,
א קאָמיסיע צו מאכן א שטרענגן קאָנטראָל!״

☆

דער ״רעוויזאָנע־קאָמיסיע״ מיר ווילן נישט גלייבן
ס׳א שאנד און א חרפה און א בושה, כ׳לעבן!
א בענקל געגומען זיך נאר צוליב כבוד!!!
אזוי היצט זיך און ליארעמט און שרייט חבר דוויד.

☆

פלוצים ס׳וואָרט נעמט גייסינער בומע,
ער שטורעמט און סטראשעט און רופט צו נקמה:
״פון פאני׳ן האָט יעדער פון נחת געקוואָלן,
און איצט איז זי פלוצים א קרבן געפאָלן״.

☆

ווו איז אייער געוויסן און ווו איז אייער יושר?
איר דינערס געטרייע פון גביר און פון עושר,
איר, וואס האָט טעגליך צען ביכער געפרעסן —
ווי האט איר אזוי גיך אין יושר פארגעסן?

☆

איך רוף די פארזאמלונג זיך האלטן שטאָל־אייזן
ביז מ׳וועט אונז די עוולה מיט סיבות באווייזן!״
ס׳הויבט אָן יעקב־שמעון: ״הערט אויס ליבע יידן...
עס בלייבט פון דער רעדע אבער קיינער צופרידן.

☆

ווערט א רעש און א געפילדער, עס ציטערן די ווענט.
איעדער רייסט זיך אויף די כלים, יעדער פּאַטשעט מיט די הענט,
יעדער קריגט זיך מיטן צווייטן, קיינער ווייסט נישט וואָס ער רעדט —
די שימשאָוויטשעס־גייסינערס האָבן שרייען זיך פארוועט.

☆

קוים מיט צרות שטיל געוואָרן, ס׳האָט די מערהייט אויסגעפירט:
צור קאמיסיע, למזל, חבר הערצלען קאָאָפּטירט.
די פארזאמלונג באלד געשלאָסן, יעדער איז אהיימגעגאנגען
פארשלאָפן, מיד און אויפגערעגט, מיט ניט־באפרידיקטע פארלאנגען.

☆

פול מיט פאנטאזיע, מיט מוט און מיט גלויבן
וועלן די קעמפער זייער ארבעט אָנהויבן.
צי וועלן זיי טויגן — דאס טוען מיר זאָרגן,
דאָס וועט שוין באווייזן דער קומענדער מארגן.

מישלוח מנות צו פריינט און באקאנטע
פורים, 1933

אליעזר גייסינער

2) אנ׳אייגענע לאָטאָרייע
1) 3 פאַרבאַנדס-אינסטרוקטאָרן אין חודש
3) 7 יאַלעווע ציגן
4) א פרעזידענטן-בענקל אין חברה-קדישא

אהרון איוווטשער

א דעפּוטאַטן-בענקל אין פארלאמענט אויפן ליבעראלן צעטל.

יואל מער

א פאָסטן פון רעוויזאָר אין ביבליאָטעק
100 אינדיקעס

פורער

א סעקרעטאַרן-אמט אין דאמען-קאָמיטעט
א לעבנסלענגלעכן פאָסטן אלס פאָרזיצענדער אויף די אלגעמיינע פארזאמלונגען אין באנק.

איציק פיינבוים

א גוטע "ווסטרעטשע"
א "קארע טייז" אין דער האנט שיקט אים זשאבאָטינסקי
א כלה מיט נדן (געוווּנטשן א פּאַקעריסטקע)

בומע גייסינער

1) צוויי באנקעטן אין טאָג
2) א פאָר פרייליכע פארזאמלונגען
3) הוצאות-הדרך קיין בוקארעשט
4) אנ׳אייגענעם "פרדס" אין בירא-בידזשאן
5) א ווייב, וואָס זאָל אים "אשאַזען" די געדאנקען
6) אנ׳איינלאדונג צו מתתיהו אבראמאָוויטש

יששכר איצקאָוויטש

א וואָגן "פאנושעס" אויף ציגייערס.

פעקלמאן

א פעקל העברעישע לידער
א מאלירא׳ווענעם ציבער מיט פרינציפּן

אלעזר גרינשפון

אריכות-ימים אין באנק

אבראם זילבערמאן

א "פארמאטשיע" פון דונייסקי הערינג

בומע יוציס

42 גראד היץ צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט

אינזשינער משה הויכמאן

אנ׳עלעקטרישע סטאנציע אין קיפּעשקע

לייב דארפמאן

זיין שוניא שיקט אים א "מאנדאט דע אדוטשערע"
צור הנהגה הראשית פון "השומר הצעיר"

בערל ברויטמאן

א נייע ספּעקולאציע אויף פאסאָליעס

שכנא שווארצמאן

שיקט משה כערסאָנסקי 1400 ווארעניקעס אויף פורים

דאָקטאָר גאָלדענבערג

א בענקל אין באָד-קאָמיטעט
אנ׳אייגענעם שפּיטאָל

חיים-לייב כערסאָנסקי

1) 10 גראד קעלט
2) צוויי בענדער פון זיינע אייגענע שרייבעכצער
3) איין באנד פון זיינע נישט געדרוקטע קארעספּאָנדענצן

הערצל גייסינער

1) א מוזע
2) איין "אָנזאָג" נומער 100
3) 300 נייע גראַמען
4) א פלאַן פון דער נייער מיקווה

מינע איוווטשער

א גרוזאָוויק (אלס שותף רעקאָמאנדירן מיר אים אברהם קארוואסארסקי)

ד״ר ניוקע פידעלמאַן

א כעמישע לאבאַראטאַריע אין דער נייער פלאסא סערבעשט

ד״ר באַרשאַק

א הערן־קאַבינעט אין סערבעשט

ד״ר פאַני מער

א פּאָסטן פון לייב־דאָקטאָר ביים ליטווישן אימפּעראטאָר

סניף גורדוניה

1500 טשערטיפיקאטן

א ברייטע עלייה

א קורצע הכשרה

און א געלונגענע שיחה

השומר הצעיר

א קיבוץ אין קאפּרעשט

12 קאָנפערענצן א חודש

שמואל לייבערפאַרב

א גאַנץ דאָרף מיט שיקסעס אויף מגייר צו זיין

מרדכי־לייב יאַנאָוויטש

א הערצלעכן גרוס פון שימחה פּאַרטנאַי צו זיין איבערנעמען דעם פּרימאַרן־אַמט.

אהרון שוחט ובודק

א טיטל פון ערן־פּאַרזיצער אין גורדוניה און השומר הצעיר

נפתלי שו״ב

1) א הערצליכן קוש פון זיין אחי ישראל
2) א פּראַשיק צום גאָלן די באָרד
3) סקליאַר שיקט אים, דורך אונז, די באַפּטיסטישע עוואַנגעליע

שמואל גאַליצקי

א הערצליכן גרוס פון אַשר ״לעמל״ און א ״סערדיעטשנע״ קוש פון זיין זוגתו פייגע

מרדכי פּעק

פאַרלענגערונג פון א פּרעלונגירטע גבאות אויף צען יאָר צייט

ד״ר בילקיס

נאָך האלבן פּראָצענט פונעם קרן־קיימת־באַל

וועלוועל סקלאַדמאַן

א רעזשיסאָרן־אַמט אין קייזערליכן טעאַטער.

ניומע קליימאַן

א שפּאָגל־נייעם טאַנגאָ

חיים הילל

א מיל וואָס מאַלט אנעקדאָטן

מאָטל טאָרבאַן

א פאַרלוירענעם ״פּאַ״ פון שימי . . .

ד״ר לעווינזאָן

א טלית און תפילין

אברהמל ברונשטיין

א טיטול פון פּראָקוראָר אין ״קורטיא דע קאַסאַציע״

33־טער קאַנטיגענט

א גרינגע דינסט

מרדכי גאָלדענבערג

1) פּיר ״לויט״ חוצפּה
2) עטלעכע ווייסע בערן, ספּעציעל פון נאָרד־פּאָל אויסגעשריבן
3) איין פּאָר רבינו תמ׳ס תפילין

שמעון־יענקל

נאָך אַנ׳אָפּאָזיציע אין קק״ל קאָמיסאַריאַט

יאשא שלייען

אַפּטע פאַרזאַמלונגען אין דער ביבליאָטעק

כייעס

א קוש פון די גאָרדאָניסטן

אהרון מאַטיעוויטש

דריי נאַציאָנאַל־פאָנד פּושקעס

משה עלקיס

אינקאַסאָ פון באַנקא־מאָלדאַוואַ

אינזשינער ליפּא כאַרקאָווער

אָפּטע און רייכע בריתן — מעג זיין ביי יענעם

מרדכי רישפי (פייארמן)

"ציגנלאנד טרומייטער"

נראה לי, כי הפרק "הומור והווי בקאפרשט" לא יהייה שלם, אם לא נזכיר את העיתון ההיתולי, אשר הופיע ככוכב־שביט בשמי העיירה; הופיע ונעלם — כלא־היה.

"ציגנלאנד טרומייטער" — מה טיבו? ובכן, באחד הימים (כנראה בשנת 1928) נזדמנו 2—3 חברים מהחוג לוויכוחים ותוך כדי שיחה הועלתה הבעייה שענייני הציבור בעיירה מתנהלים יותר מדיי על מי־מנוחות. "מן הראוי להעלות גלים באגם הרדום, אוליי תחול התקדמות במצב־העניינים". מנינו וגמרנו אומר להוציא עיתון היתולי־סאטירי; מישהו היציע את השם "ציגנלאנד טרומייטער" והצעה זו נתקבלה בלא ויכוח. אין כמו "ציגנלאנד" כדי לסמל את ארץ העיזים = קאפרשט; ואילו "טרומייטער" — משמע חצוצרה התוקעת בראש־חוצות כדי לעורר נרדמים.

עוד באותו שבוע הופיע הגיליון הראשון, אשר נכתב בדיו מיוחדת בידי שניים מן היוזמים (אחד מהם — עבדכם). גם ציור הכותרת היה מעשי־ידיי להתפאר: בראש העמוד הראשון התנוססה דמותו של תיש בעל־קרניים (הסמל הבלתי־מעורער של קאפרשט) כשהוא מחזיק חצוצרה ברגלו הקידמית. הגיליון הראשון נכתב בביתנו והדפים שוכפלו בשאפירוגראף. יש לציין, כי אם אפשר היה לפענח איכשהו את הכתוב בעשרים העותקים הראשונים, הרי שקשה היה לקרוא את עשרת הדפים הנוספים, כך שנאלצנו להשלים את המילים הבלתי־קריאות בעט ודיו רגילים.

מכיוון שהטיפול בדיו שאפירוגראפית גרם לכתמים על אחת המפות בביתנו, קיבלנו מפי אחותי בטי — המפקחת הראשית על הניקיון — פקודת־גירוש בלתי ניתנת לעירעור. ובכן העברנו את כול הכבודה אל חדר מאחורי ביתו של יוסף פעק.

מה היה תוכנו של ה"ציגנלאנד טרומייטער"? כמו בכול עיתון "המכבד את עצמו ואת קוראיו" נכללו בו: מאמר ראשי — תגובה על אירוע מרכזי בעיירה — המאמר היחיד שנכתב בסיגנון ענייני ורציני. שאר הרשימות, השירים והקאריקאטורות היו היתוליות. אנשים ומעשים הוצגו בראי עקום. השמות הסיפרותיים (פסיבדונימים) היו, עד כמה שזכור לי: "זוכמיד", חכם פון דער מה־נשתנה, בלק, בלעם הרשע, המן וכו'.

העובדה שכול העותקים, כולל הבלתי ניתנים כימעט לפיענוח, נחטפו כלחמניות טריות תמורת התשלום של 2 לעי לגיליון — עודדה אותנו להמשיך בהוצאת העיתון. אנשים מילאו צחוק פיהם והגיליונות הועברו מייד לייד; שאלה, שניסרה בחלל־האוויר, הייתה: "מי הם החצופים המצליפים בצורה כה מוצלחת?"

בסך הכול הוצאנו 4 גיליונות של ה"ציגנלאנד טרומייטער", אולם כאשר עסקתי בשיכפול הדפים האחרונים של הגיליון החמישי, הופיע בחדר המערכת אחד הבריונים בעיירה. הוא לא הוציא הגה מפיו, ניגש אל ערימת הדפים המשוכפלים וקרע אותם לגזרים, "עיקל" את יריעת השאפירוגראף, ניצב באמצע החדר בפישוק־רגליים ואמר: "אתה חושב שאתם תצחקו ואנשים יבכו? ובכן תדע לך שאם תמשיכו להוציא את הטינופת הזאת, ישברו לכם אצבע אצבע לחוד וכול האצבעות גם יחד".

הבינותי כי מאחורי ההצגה זו עומד מישהו, אשר נפגע ממאמר או מקאריקאטורה עוקצנית. מילא, העיתון שבק חיים, אולם אנו ניסינו במשך זמן רב לנחש: כיצד נודעה זהותנו וכיצד הצליחו לגלות את מקום המערכת? מי יודע כיצד היו נראים פני הדברים בקאפרשט אילו היה עיתון סאטירי זה ממשיך להצליף בלא־הפרעה.

עוזר ברונשטיין

נעמען און "צונעמען"

א נאָמען אליין איז בא אונדז אין קאַפּרעשט געווען א קלייניקייט; סע האָט נאָך באַדאַרפט זיין עפּעס א צונאָמען, כדי מע זאָל וויסן "אקוראט" וועמען מע מיינט. איז נישט געווען קיין צונאָמען, האָט מען צוגעטשעפּעט דעם טאַטן, די מאַמע, א ווייטן קרוב אָדער א נאָענטן שכן, אבי מע זאָל זיך חלילה נישט טועה זיין.

אין קאַפּרעשט זענען געווען 2 אָדער 3 מיט דעמזעלבן נאָמען און פאַמיליע. למשל, ס'זענען געווען בא אונדז 3 אברהם פידעלמאַן: אברהם הייניכ'ס, אברהם וועלוועל צבייה'ס, און אברהמ'ל דודי'ל צבייה'ס. ד"ר ניוקע פידעלמאַנס פאָטער האָט מען גערופן דודי'ל ראָכמיל'ס און בא דודי'ל צבייה'ס אין אויך געווען א זון מיטן נאָמען "ניוקע".

אויך זענען געווען אין שטעטל 2 יענקל יאַנאָוויטשעס: יענקל טשארנעס ("אז ווי איז טשארנען") און יענקל ברוכ'ס — דער שכן פון יענקל מאַטיעוויטש. אז מע שמועסט שוין וועגן "יענקלען" — איז צו באַצייכענען, אז דער גורל האָט אויסגעשטעלט אין איין שורה, איינעם נאָכן אנדערן — 5 יענקלס: יענקל יאַנאָוויטש, יענקל מאַטיעוויטש, יענקל אַקערמאַן, יענקל ווייסמאַן און יענקל וואַלמאַן.

בדרך כלל, ווו מ'האָט זיך געטון א ריר, האָט מען אָנגעטרעטן אָף א "הערשל": הערשל יאַנאָוויטש, הערשל מאַטיעוויטש, הערשל וועלוועל צבייה'ס, הערשל מאיר ווערזוב'ס (פון די ערשטע עולים קיין ארץ־ישראל), הערשל ווערזוב — א צווייטן מאיר ווערזוב'ס א זון (מ'האָט אים גערופן מאיר קצב) און ס'איז נאָך געווען א מאיר ווערזוב, וואָס מ'האָט בא אים אין מאַגאַזאַן געשפּילט טעאַטער — "צוויי מענטשן אָף איין בילעט" — אים האָט מען גערופן "מאיר מרדכי־הערש'ס". איר ווילט נאָך "הערשאלעך"? ביטע זער: הערש כאַשפּער, הערשל חסיד, הערשל פעקלמאַן, הערש איוווטשער, הערש מאָשקאָוויטש, הערשל צעלמאַן, הערשל לייב בעקער'ס, הערשל קוני לייב'ס און הערשל ראַשקאָווסקי.

אז מיר האַלטן בא "מזל תאומים", האָט איר א צעטל פון "צווייערלעך": צוויי מאָטל מער, 2 יואל מער, 2 פּרץ ווערזוב, 2 וועלוועל שניידמאַן, 2 סימע שניידמאַן, 2 יענקל שניידמאַן, 2 משה קליינמאַן, 2 איטע פּאַטיק, 2 שמואל פּאַטיק, 2 חיים פּאַטיק, 2 דודל וואַלמאַן, 2 מאיר בלומיס, 2 אברהם קליימאַן. כדאי צו דערמאָנען, צווישן אלע "צווייערס", אויך 2 חנה'ס פון לייב בעקער'ס פאַמיליע. וויאַזוי? לייב בעקער'ס פרוי און זייער טאָכטער זענען געלעגן געוואָרן אין דערזעלבער נאכט און געבוירן מיידאלעך מיטן נאָמען "חנה". זענען געווען חנה די גרויסע — די מומע פון חנה דער קליינער.

אייניקע נעמען האָבן בא אונדז דורכגעמאכט פאַרשידענע גילגולים. נעמט, למשל, דעם נאָמען "ברוך": ברוך בורמאַן, ברוך ניסל, ברוך וועקסלער, ברוך יוציס, ברוך שמעון איציק'ס, ברוך משה, ברוך חיים. פון "ברוך" האָט זיך פאַרקאַטשעט אין בוקע ווערזוב, בוקע גענדעלמאַן בוקע גרין, בוקע שאַפּאַשניק; און די ווייטערדיקע פאַר־וואַנדלונג — בוזי טראַוב, בוזי קליימאַן, בוזי מאַרגוליס ביז ס'האָט דערגרייכט צו באַריא יאַנאָוויטש, באַריא דונאיעוויטש און באַריא טאַרבאַן.

אויך ווייבער האָבן אויסגעבאַרגט אייניקע מענערישע נעמען: בוקע פרוימטשוק, בוקע וויינער, בוזקע געניכאָוויטש, וועלציע גאַרשטיין, דאַניע גאַרשטיין, מייקע מאָס־קאָוויטש און בורע טיסמיניעצקי.

אייניקע נעמען בעטן זיך ממש מע זאָל זיי אויססאָרטירן. אזוי, צום ביישפּיל, זענען געווען פרויען וועלכע האָבן באַקומען דעם פראַנצויזישן ראַנג („טשין") „דע, די,"; די קוני לייבעכע, די שייאוריכע, די טעלענעשטערין, די לוזערקע. גענוי אזוי האָט מען פייערמאַנ׳ס באָבע גערופן „חווה די ביינושקע" און חנה פייערמאַן האָט מען גערופן „חנה חווה דער ביינושקעס".

די מענער, דאַגעגן, האָבן געהאַט א דייטשישן „טשין" — „דער": איצל דער וואָלוועכע׳ס, נחום דער טיטינשניידער, גדליה דער ברינזאַר, דער פעטיקאַר, דער אלטער יאָסי, דער קוואָסניק, דער אלטער איצקאָוויטש.

אחוץ „הערשאַלעך" האָט קאַפּרעשט פאַרמאָגט אָן א שיעור „לייבאַלעך" און אפילו מיט א שמיץ: קוני־לייב, יהודה־לייב, דוויד־לייב, לייב גרין, לייב משה קאָוואַל׳ס, לייבאַלע פרוימטשוק, לייבאַלע דיקערמאַן, לייבאַלע מינדעל׳ס, לייבאַלע פיכמאַן, לייבאַלע חייה־איטע׳ס, לייב מער, לייב גראַבערמאַן, לייב לאַנדאַ, ליאָווא אָקשטיין, ליאָווא באַטושאַנסקי, ליאָווא מיטעלמאַן, כאַיעס, ליאָווא מאַניאַק, לייב יהושוע־בער׳ס (גרינשפּון).

מיר האָבן אויך א בינטל ווייבערישע נעמען — ממש א פאַרגעניגן צו הערן; זיי קלינגען אין די אויערן ווי פּסוקים פון „שיר השירים": סאָסיע משה קאָוואַל׳ס, סאָסיע דעם ברינדזאַר׳ס, סאָסקע סקליאַר, סאָסל גערצנשטיין, סאָסל רחל דער שניאורקעס (קליימאַן), די באָבע סאָסיע, סאָסיע די לויזע.

איצט א פּרשה „חייקע": חייקע דעם ברינדזאַר׳ס, חייקע ליפע צירולניקס, חייקע צעלמאַן, חייקע שימחה פּאַרטנאָי׳ס; חייקע מלך הויכמאַנ׳ס, חייה גיטל, חייה־זיסל, חייה־שיינדל, חייה־שרה (גאַנצע צוויי — און ביידע שוחט׳קעס).

עס בעט זיך צו פאַרענדיקן מיט עטלעכע צונעמען: וואַרשאַווסקי, בעל־תכלית, בולביאַלע, חיריק, כאַרט, לאָקש, דער לאַנגער, נאָז, פאַרשטעקל, פּירעשקע, ציגיינער, קאַטיע, שורגע א.א.וו.

ברוך (באַריאַ) יאַנאָוויטש

זאַמלונג פון ווערטלעך און שפּריכווערטער

אָרים און רייך

— אָרים איז גלייך ווי געשטאָרבן.
— אָרים איז קיין בושה.
— אלעס איינאיינעם איז נישטאָ בא קיינעם.
— פון א ביסל און א ביסל ווערט א פולע שיסל.
— געלט דרייט די וועלט.
— האָסטו — ביסטו, האָסטו נישט — ביסטו נישט.
— איינע וויינט אז די יויך איז איר ביטער; א צווייטע וויינט, אז די פּערל זענען איר שיטער.
— אז מע איז בא זיך וואָלוועל, איז מען בא יענעם — אומזיסט.
— ער פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע.
— ווער ס׳האָט די מאה, דער האָט די דיעה.

— א נדבה — אָדער מע גיט אָדער מע נעמט ; איז בעסער צו גיבן.
— נדן־געלט און ירושה־געלט האָבן נישט קיין קיום.
— אין א נויט כאפּט מען זיך אָן אין א שארף פון מעסער.
— נויט ברעכט אייזן.
— דער קבצן לויפט נאָך דעם דלות.
— אנ'אָרעמען קרוב דארף מען אף צרות אָדער אף כפרות.
— ווען פרייט זיך א קבצן ? ווען ער פארלירט און געפונט.
— ביסט א שניידער — ניי ; ביסט א פערד — גיי ; ביסט אנ'אָרימאן — ליג אין דר'ערד און באק בייגל.
— אז דער בייטל איז גרויס, איז דאָס הארץ קליין.
— וואָס ביליק איז טייער.
— געלט איז בלאָטע, אָבער בלאָטע איז נישט קיין געלט.
— בעסער דער נאָענטער גראָשן איידער דער ווייטער רובל.
— גאָלד שיינט פון דער בלאָטע ארויס.
— ווער ס'האָט געלט, דער האָט די וועלט.
— הונדערט און איינס איז אלץ איינס.
— המבדיל בין קודש לחול, ווער ס'האָט געלט דעם איז גוט און ווויל.
— האָט מען הונדערט — וויל מען צוויי, האָט מען טויזנט — וויל מען דריי.
— וואָס מער רייך, אלץ מער קארג.

הצלחה און דורכפאל

— אז מע קען נישט אריבער, מוז מען ארונטער.
— אָנגעהויבן בוידעם און אויסגעלאָזט קלאָץ.
— ער שטעלט צוזאמען צוויי ווענט און סע לאָזט זיך אויס א בוידעם.
— ווי איז דעם וואָס דארף צו יענעם.
— אז מע קען נישט וואָס מע וויל, מוז מען וועלן וואָס מע קען.
— ער זוכט דעם נעכטיקן טאָג.
— אז מע זוכט געפונט מען.
— אזוי ווי מע שטעלט דעם שטייגער, אזוי קלינגט דער זייגער.
— אז מע כאפּט אריין — האָט מען.
— א שותפותדיקער טאָפּ זידט שווער אויף.
— א כשרן טאָפּ מיט א כשרן לעפל.
— א גאנץ יאָר שיכור און פורים — ניכטער.
— פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס.
— אז מע לעגט נישט אריין, נעמט מען נישט ארויס.
— ווער עס קען נישט איבערלעבן דאָס שלעכטע, קען נישט דערלעבן דאָס גוטע.

— אסאך מלאָכות און ווייניק ברכות.

— דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט צום גוטן.
— אויף ניסים טאָר מען זיך נישט פארלאָזן.

— פון ווייניק פארדינסט ווערט מען נישט בדלות.
— ווער ס'האָט די פען, דער שרייבט זיך אָן א גוט יאָר.
— אז מ'קען נישט און מע ווייסט נישט, נעמט מען זיך נישט אונטער.
— ער שלאָפט און זיינס וואקסט.
— א שניידער גייט נאקעט און א שוסטער — באָרוועס.
— ווער סע שטעלט נישט איין, דער נעמט נישט ארויס.

חוכמה און נארישקייט

— זי האָט לאנגע האָר און קורצן שכל.
— ער איז א חכם פון דער "מה־נשתנה".
— וואָס טויג מיר די חוכמה, אז דאָס נארישקייט געראָט.
— א נאר איז אנ'אייביקער צער.
— א נאר, א נאר, נאָר ער שאָקלט זיך.
— א נאר, אז ער ווארפט אריין א שטיין אין גאָרטן, קענען אים צען חכמים ניט ארויסנעמען.
— אז דאָס נארישקייט געלינגט, איז דאָס א חוכמה.
— איידער מיט א נאר צו געווינען, בעסער מיט א קלוגן צו פארלירן.
— א נאר טאָר מען קיין האלבע ארבעט נישט ווייזן.
— ווען דער נאר איז נישט מיינער, לאך איך אויך פון אים.
— א נאר איז א האלבער נביא.
— א נאר בלייבט א נאר.
— א נארישקייט געדענקט זיך.
— וואָס בא א קלוגן אף דער לונג, איז בא א נאר אף דער צונג.
— קלוג ווי דעם רבינ'ס ציג.
— אלע קלוגע באנארישן זיך.
— דער שכל איז א קריכער — ער קומט נאָך די יאָרן.
— שווייגן איז א סגולה צו חוכמה.
— ווער ס'איז שיין, איך בין קלוג.
— ווו תורה דאָרט איז חוכמה.

רעדן און שווייגן

— פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן.
— אז מע שמועסט פונעם מלאָך, קומט דער גלח.
— אז מ'רעדט דעררעדט מען זיך.
— רעד צו דער וואנט.
— זי האָט ניין מאָס רייד.
— רעדן איז זילבער, שווייגן איז גאָלד.
— ווען רעדן איז א פאך, גייסטו אין גאָלד אָנגעטון.

געזונט און קראנק

— איינרעדעניש איז ערגער ווי א קרענק.
— אבי געזונט, צרות פעלן נישט.
— גאָט שיקט די רפואה פאר דער מכה.

— אנ׳אומזיסטיקער דאָקטאָר איז גאָרניט ווערט.
— זאָגן ווידוי איז א סגולה צו אריכות־ימים.
— ער שיט זאלץ אויף די ווינדן.
— עס העלפט ווי א טויטן באנקעס.
— אז מע לעגט אריין א קרענק, נעמט מען ארויס א מכה.
— אז מע האָט נישט קיין מכה, האָט מען א בלאָטער.
— פורים איז נישט קיין יום־טוב, קדחת איז נישט קיין קרענק.
— פריש און געזונט און משוגע.
— א קראנקן, וויאזוי מע לייגט אים, איז אלץ שלעכט.
— א לאנגע קרענק איז א זיכערער טויט.
— פרעג נישט דעם רופא, פרעג דעם חולה.

לעבן און טויט

— צווישן אסאך באָבעס איז דאס קינד טויט.
— גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין, אז מע רופט מוז מען גיין.
— אויף יענער וועלט זענען אלע גלייך.
— אז מע דערמאָנט זיך אין טויט, איז מען נישט זיכער מיטן לעבן.
— אויב לעבן, איז צווישן מענטשן.
— מ׳קען לעבן, נאָר מע לאָזט נישט.
— ער לעבט ווי גאָט אין אדעס.
— אז מע לעבט, דערלעבט מען.
— אז מע לעבט אָן חשבון, שטארבט מען אָן ווידוי.
— איינער וויל לעבן און קען נישט, א צווייטער קען לעבן און וויל ניט.
— אז דאָס לעבן איז זיס, איז די וועלט הפקר.
— אז מע קען שוין לעבן, לאָזן זיך אויס די יאָרן.
— וויאזוי די מתים עסן, אזא פנים האָבן זיי.
— ביז ס׳וועט קומען די נחמה, גייט דערוויל אויס די נשמה.
— נפטר, פיפטער, אבי פרנסה.
— פון פרייד לעבט מען נישט, פון צרות שטארבט מען נישט.
— שטארבן ווערט מען קיינמאָל נישט אָן.

מישפחה

— בינד מיך אף אלע פיר און ווארף מיך צווישן מייניקע.
— א גוטן ברודער דערקענט מען בשעת צרה.
— די זון ווארעמט ווי א שטיף־מאמע.
— זיין זיידע און מיין זיידע ליגן אין דר׳ערד ביידע.
— מע זאָגט דעם זון און מע מיינט די שניר.
— א חיסרון, די כלה איז צו שיין.
— טאטע, דו לאכסט ? — אז ווייי איז דיין געלעכטער.
— טאטע־מאמע זינדיקן און קינדער קומען אָפּ.
— זיבן טעכטער איז נישט קיין געלעכטער.
— דיזעלבע יענטע נאָר אנדערש געשלייערט.
— א מאמע דעקט צו דעם מאנ׳ס בזיונות און דעם קינדס חסרונות.

— מאן און ווייב זענען איין לייב.
— איין מאמע קען שפייזן צען קינדער און צען קינדער קענען נישט אויסהאלטן איין מאמע.
— עלטערן לערנען קינדער ריידן, קינדער לערנען עלטערן שווייגן.
— קינדער קייען וואָס עלטערן שפייען.
— קינדער און געלט — דאָס איז א שיינע וועלט.
— צווישן אסאך קרובים גייט מען ארום הונגעריק.
— קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות.
— א ווייב קען שטעלן אף די פיס אוןווארפן פון די פיס.
— א נאענטער שכן איז בעסער ווי א ווייטער ברודער.

גאָט

— זי האָט אנגעכאפט גאָט בא דער באָרד.
— ווי מע נעמט זיך פאָר, אזוי העלפט גאָט.
— אז גאָט העלפט, העלפט ער מיט אמאל.
— גאָט זיצט אויבן און פאָרט אונטן.
— אז גאָט וויל שיסט א בעזים.
— אז גאָט גיט, גיט ער מיט דער פולער האנט.
— א געפאלענעם העלפט גאָט.
— גאָט איז א פאָטער: איינעם גיט ער א רפואה און איינעם גיט ער א בלאָטער.
— ער איז צו גאָט און צו לייט.
— דער מענטש טראכט און גאָט לאכט.
— היט זיך, וועט דיך גאָט היטן.
— ווער סע גיט לעבן, וועט גיבן אויך צום לעבן.
— פאר מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן.
— ער איז גאָט די נשמה שולדיק.

עסן און עסנווארג

— ווערדליק באָרשט, איז עס גענוג זויער.
— אז מע גייט איבער האָניק גיט מען א לעק.
— סע האָט מיין באבעס טעם.
— סע האָט נישט קיין יידישן טעם.
— דער אפעטיט קומט מיטן עסן.
— א געשמאקער ביסן נאָר מיט א שטאָך.
— ער מיינט ניט די הגדה, ער מיינט די קניידלעך.
— דער זאטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן.
— אז מ׳עסט שוין חזיר, זאָל רינען איבער דער באָרד.
— פון ״על־חטא״ ווערט מען נישט פעט.
— מע גייט נישט קיין טאנץ פארן עסן.
— הייסע לאָקשן לאָזט מען שטיין; אז מע רופט — מוז מען גיין.
— וואָס לענגער מ׳לעבט, אלץ מער עסט מען.

— וועסטו זיין א מענטש — וועסטו עסן אין סוכה.
— דאָס בעסטע מילכיקס איז א גוט שטיקל פלייש.
— בשעת מע עסט רעדט מען נישט.
— אז מע עסט הונדערט יאָר, איז מען זיכער אז מע לעבט אסאך.
— א קנאָבל מיט ברויט און נישט אָנקומען צו קיין מענטשן.
— קרעפלעך עסן ווערט אויך נמאָס.

פריינד און פיינד

— אינדרויסן איז מען ״קוצעניר־מוצעניו״, און אין שטוב — בייסט מען זיך ווי די הונט.
— א גוט וואָרט מאכט אן אָרט.
— זאָל מיינס איבערגיין.
— זאָג מיר מיט וועמען דו גייסט, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביזסט.
— אליין איז די נשמה ריין.
— זער לייכט קריגט מען א פיינד און גאנץ שווער — א פריינד.
— א פריינט דערקענט מען בשעת צרה.
— היט מיך פאר מיינע פריינט, פאר מיינע שונאים וועל איך מיך אליין היטן.
— וו צוויי קריגן זיך, געניסט א דריטער.
— דער ערשטער רוגז איז דער בעסטער.
— אז צוויי זאָגן שיכור, דארף מען זיך לעגן שלאָפן.

ייחוס

— ער איז בא מיר דאָס אויבערשטע פון שטייסל.
— נאָך וואָס דער טאָפּ איז אָנגעברענט, נאך דעם שטינקט ער.
— א גרויסער ייחוס אין באָד.
— אז מע לייגט זיך אין די קלייען, שלעפן דיך די חזירים.

גנבים

— אז מ׳דארף דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תלייה.
— אז מע גנבעט ארויס די פערד, שליסט מען צו די שטאָל.
— דער לאָך רופט דעם גנב.
— ניט דאָס מייזל איז דער גנב, נאָר דער לאָך.
— ווער סע זיצט בא דער שיסל, דער נעמט נישט קיין ביסל.

אברים

— דער נאָמען ליגט מיר אף דער צונג.
— וואָס בא א ניכטערן אף דער לונג, איז בא א שיכור אף דער צונג.
— דורך איין אויער אריין און דורך דעם צווייטן — ארויס.
— איין אויג איז מער באגלייבט פון צוויי אויערן.
— זיך איין אויג, אבי יענעם יעדע אויגן.
— ווייט פון די אויגן, ווייט פונם הארץ.
— צו קיין באָרשט דארף מען נישט קיין ציין.

— ווען די באָבע וואָלט געהאַט א באָרד, וואָלט זי געדאַווענט פאַרן עמוד.
— געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס נעמען זיך אליין.
— ער האָט גאָט אין האַרצן.
— ער האָט א האַרץ פון א טאַטער.
— איין האַנט וואַשט די צווייטע.
— אַז דאָס האַרץ איז פול, גייען די אויגן איבער.
— אַז די האַנט קען נישט שרייבן, איז די פען שולדיק.
— מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן.
— אַז יענער הייבט א האַנט, הויב איך פיס.
— ווענט האָבן אויערן, ווינט א טבע צו צוטראָגן.
— בעסער א ווייטיק אין האַרצן איידער א חרפה אין פנים.
— נעבן א שווערן וואָגן איז גוט צו גיין צופיס.
— פון וואַסער קען מען נישט מאַכן קיין בלוט.
— זאַלץ אין די אויגן, פעפער אין דער נאָז, שטיינער אין האַרץ.
— ס'איז נישט קיין חילוק: מיט א שטיין אין קאָפּ אָדער מיטן קאָפּ אין שטיין.
— ער איז א מענטש מיט א ווייסער לעבער.
— פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערן.
— א מכה אין גוט אונטער יענעמס אָרעם.
— וואָס ער האָט אין די פּיאָטעס, האָט קיינער נישט אין קאָפּ.
— אַז מע איז פויל, האָט מען נישט אין מויל.
— אַז מע גיט אים א פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט.
— דאָס קינד איז בא זיי איין אויג אין קאָפּ.
— ער האָט א קישקע אָן א דנאָ.
— א קניפּ אין דער באַק, אבי די פאַרב זאָל שטיין.
— אַז דער קאָפּ דינט נישט, קומען אָפּ די פיס.
— אויב ביקן זיך — איז צום קאָפּ און נישט צום שוואַנץ.

פלאַנצן

— ער איז שוין אַנ'אָפּגעשלאָגענע הושענאָ.
— עס קלייבט זיך ווי אַנ'אַרבעס צו דער וואַנט.
— אַז מע האַקט האָלץ פאַלן שפּענער.
— וווּ מע זעט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער אויס.
— א מענטש וואָס טרענקט זיך, כאַפּט זיך אָן אויך אין א שטרוי.
— דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע.
— ס'איז הפקר פּעטרושקע.
— אַז מע עסט ניט קיין קנאָבל, פילט זיך ניט פון מויל.

יידן און נישט־יידן

— גאָטעניו, היט מיך אָפּ פון גויעשע הענט און פון יידישע מיילער.
— אַז מע גיט נישט יעקב'ן, גיט מען עשיו'ן.
— מיט יידן איז גוט קוגל צו עסן.

— שוועד צו זיין א ייד.
— וואָס ס'וועט זיין מיט כלל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל.
— צווישן יידן ווערט מען נישט פארפאלן.
— יעדער ייד האָט זיין פעקל.
— ס'איז בעסער א ייד אָן א באָרד, ווי א באָרד אָן א ייד.
— א מזל פון א גוי.
— מע קען נישט שאצן א יידישע נשמה.
— דער ערל איז טרייף, אָבער זיין גראָשן איז כשר.

פרויען

— ברײַנפן דארף זיין שטארק, ווייך — אלט, און ווייבער — יינג.
— אנ'אלטע מויד נאָך דער חופה ווערט א יינג ווייבל.
— אז סע זענען נישטאָ קיין מיידלעך, טאנצט מען מיט שיקסעס.
— אז מיידלעך קענען נישט טאנצן, קענען די קלעזמער נישט שפילן.

געסט

— וואָס פאר א "גוט מאָרגן", אזא "גוט יאָר".
— א גאסט אויף א ווייל, זעט אויף א מייל.
— א גאסט אין פראָסט.
— א גאסט קומט ווען ער וויל און גייט ווען ער וויל.
— א פאטש פארגעסט מען, א וואָרט געדענקט מען.

בעלי־חיים

— אדם א מענטש, קאטשקע רוק זיך.
— די אייער זענען קלוגער ווי די הינער.
— אנ'אָקס האָט א לאנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזן.
— ער איז ני בע, ני מע, ני קוקוריקו.
— זי בלאָזט זיך ווי אנ'אינדיק.
— א געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן נישט ווייזן.
— דעם ערגסטן הונט קומט אָן דער בעסטער ביין.
— א הונט צי אנ'אינדיק — אבי א עוף אויף שבת.
— אז מע לאָזט א הונט אויף דער באנק, שפרינגט ער אויפן טיש.
— א הונט וואָס האווקעט — בייסט נישט.
— א וואָרים, ווען ער קריכט אריין אין כריין, מיינט ער אז קיין זיסערס איז נישט פאראן.
— ער זעט זיך אָן ווי א פלוי אויפן שפיץ קלויסטער.
— ער עסט חזיר און מאכט א ברכה.
— גוט פון א חזיר א האָר.
— פון א חזיר־עק קען מען קיין שטריימל נישט מאכן.
— עס פאסט אים ווי א חזיר אנ'אוירינגל.
— ער וועט לאכן מיט יאשטשערקעס.
— דער מענטש זינדיקט און דער האָן איז די כפרה.

— ער איז א מבין ווי א קאץ אויף הייוון.
— דער מענטש איז שוואכער פון א פליג און שטארקער פון אייזן.
— זי איז מקנא א שפין אויף דער וואנט.
— ער פארכאפט די נעץ פאר די פיש.
— א פליג קען אויך קאליע מאכן.
— א געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין.
— אָט איז ער אויפן פערד, באלד אונטערן פערד.
— א פערד האָט פיר פיס און פאַטיקעט זיך, הייגט א מענטש מיט צוויי פיס.
— דאָס גוטע פערד שלאָגט מען.
— די קאץ וואשט זיך — ס׳וועלן קומען געסט.
— ער איז אוועקגעפאָרן א קליין קעלבל און זיך אומגעקערט א גרויסער אָקס.
— ער קוקט אריין ווי א האָן אין ״בני־אדם״.
— א קאץ, וויאזוי מעווארפט זי, פאלט זי אויף די פיס.
— זיי קומען אויס ווי צוויי קעץ אין איין זאק.
— מע שיקט נישט די קאץ נאָך סמעטענע.
— אז מע שערט די שאָף, ציטערן די לעמער.
— ער שלעפט די קו אפן בוידעם.

ליכט און פינצטערניש

— אזוי איז מיר ביטער און אזוי איז מיר פינצטער.
— יעדן דוכט זיך, אז בא יענעם לייכט זיך.
— א שיינע וועלט, א ליכטיקע וועלט — אָבער ווי פאר ועמען.
— אלע גוטע זאכן קומען אומגעריכט.
— ער זוכט א נאָדל אין א וואָגן שטרוי.
— אז סע גליקט איז מען א חכם.

✩

מרדכי רישפי (פייערמאן)

אויסוואל פון ידישע פאלקס-לידער געזונגען אין קאפרעשט

1) העי, דו, דו, רוק דיך צו
2) שווארצע אויגן האָבן פייער
3) צי געדענקסטו ווען מיר זענען געגאנגען שפאצירן
4) זאָלסט נישט גיין צו קיין אנדערע מיידאלעך

5) וואָס זשע ביזסטו ברוגז, כ'ווייס דאָך נישט פארוואָס
6) מיט א נאָדל, אָן א נאָדל
7) צען ברידער זענען מיר געווען
8) העמערל, העמערל קלאפ
9) עמד, שער און אייזן
10) שיכאלעך איך פוץ, שיכאלעך די נייע
11) לאָמיר זיך געזעגענען, יאשא פאָרט אוועק
12) מי ידבר, מי יספר, העי — וואָס די אלעף באדייט
13) שימחת־תורה האָפעניו, מיטן פיסאלע קלאָפעניו
14) ס'איז געווען אמאָל א פאסטוכל
15) אוי, אוי א שטעקאלע
16) פרונזא ווערדע — גרינע בלעטער
17) שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט מיין חיות
18) אונטר משה'לעס וויגאלע
19) אויפן הויכן בארג, שטייען א פאָר דייטשן
20) דער זומער איז געקומען
21) אין וועלדל באם טייכל
22) כ'האָב דיך ליב ווי א פסח'דיקן ראָסל
23) קויפט א צייטונג
24) אוי ווייַ מאמעניו, כ'שטיי און ציטער — א חסידל א געטרייער
25) אברהם איז שוין דאָ און בערל איז נישטאָ
26) זעט א יינגאלע אנ'אלעף וויאזוי זשע מאכט דאָס ?
27) זאאיגראי מענע קאזאטשענקאָ נא דודו, נא דודו
28) קום אהער, דו פילאָזאָף, מיט דיין קורצן שכל
29) בייניש איז צו דער גארע געפאָרן
30) וואָס זשע וועט זיין אז משיח וועט קומען ?
31) לאָמיר זיך איבערבעטן מיט א פאָר מאראנצן
32) דער יאָלד איז מיך מקנא
33) האָט איר געהערט א מעשה, פון א ציג א ווייסע
34) שפיל ציגיינער מיר א לידל, פרונזא ווערדע אפן פידל
35) דער ערל האָט געזאָגט "טשי"
36) אבינו מלך, דאָס הארץ איז מיר פריילעך
37) איך בין א בעל־עגלה
38) פרייטיק אויפדערנאכט איז יעדער ייד א מלך
39) יומבאָ, יומבאָ, זינג מיר א לידאלע
40) אפן פריפעטשיק ברענט א פייערל
41) אז דער רבי אלימלך איז געוואָרן לוסטיק פריילעך
42) אוי, א רביצן, אוי איז דאָס א רביצן
43) בא מיר ביזסטו שיין



יוסף סקליאר, סוסקה ובני ביתם, עם אברהם הרצפלד וח"כ צבי גרשוני —
בניר־עם, ביום הולדתו ה־70 של סבא יוסף (ראה עמוד 210)



משה (מוריס) ינוביץ ואחותו שרה, בחיק המשפחה, לפני צאתם לאמריקה
(ר' "קאפרשטאים באמריקה")

בשלוט הסובייטים
אין סאוויעטישן רעזשים

ד״ר נחום (ניוקע) פידעלמאן

אין קאַלטן און ווייטן סיביר

אין לויף פון יאָרן...

לויט ווי מיינע עלטערן פלעגן דערציילן, האָב איך פון קליינערהייד ארויסגעוויזן פעיקייטן, פלייסיקייט און א זעלטענעם זיכרון. דאָס האָבן באמערקט די מלמדים, וועלכע האָבן אונטערגעמונטערט מיין נאטירלעכע נייגונג צו לערנען אויך אליין. אזוי פלעג איך אריינגיין, נאָכן חדר, צו יאָסל שוחט, וועלכער האָט מיט מיר פאַרגעזעצט דאָס לערנען און איינגעפלאנצט אין מיר נאָכמער די ליבע צום לערנען. ער איז זער אָפט דערשטוינט געוואָרן, ווען איך האָב ציטירט אויף אויסנווייניק גאנצע בלעטער פון דער גמרא. יאָסל שוחט איז געווען דער, וואָס האָט געווירקט איך זאָל ווערן אביסל רעליגיעז, כדי זוכה צו זיין צו עולם הבא...

יאָסל שוחט איז אויך געווען דער, וואָס האָט פאַרגעשלאָגן איך זאָל לערנען גמרא ביי דוויד־לייב פעליציאַן, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט גערעכנט אלס דער תלמיד־חכם פון שטעטל. זיין חיסרון איז געווען, וואָס ער פלעגט קריטיקירן יעדן איינעם, אפילו זיינע תלמידים. אָבער ווען מע האָט אים געפרעגט וועגן ניוקען, פלעגט ער צולייגן א פינגער צום שטערן. א סימן אז ״ער האָט א גוטן קאָפ״ אויף זיך.

דאָס אליין איז געווען גענוג מיר צוצוגיבן מוט און די עלטערן האָבן באשלאָסן צו שיקן מיך פאַרצוזעצן דאָס לערנען. דעמולט איז געווען פאָפולער, איבער גאנץ רוסלאנד, די ישיבה אין לידאָ (ליטא) אונטער דער אָנפירערשאפט פון הרב ריינעס — דער גרינדער פון ״מזרחי״ (בדרך כלל זענען די רבנים געווען קעגנער פון ציוניזם). אין דערדאָזיקער ישיבה האָט מען געלערנט אויך אלגעמיינע בילדונג.

אין א יאָר ארום, ווען איך בין צוריקגעקומען אין שטעטל, האָב איך אנגעהויבן זען אלעס אנדערש ווי געווען. איך האָב געטראכט וועגן אלגעמיינער בילדונג און צוגענומען לערערס כדי צוצוקומען צו 4 קלאַס גימנאזיע. 4 קלאַס — דאָס איז געווען, דעמולט, די העכסטע מדריגה צו ווערן אפטייקער אין שטעטל (קיין גרעסערע בילדונג ווי אפטייקער איז אין קיין שום שטעטל נישט געווען). נאָך דעם, בין איך געפאָרן קיין אָדעס און דאָרט אָפגעגעבן עקזאמענעס פאַר 6 קלאַס. אין 18־טן יאָר, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, בין איך צוריקגעקומען פון אָדעס.

מיטן אריינקומען פון די רומענער, האָב איך געלערנט אין קעשענעוו אין א רומענישער גימנאזיע און געענדיקט אין 1921. וואָס טוט מען ווייטער? האָב איך מיך פארשריבן אין מעדיצינישן פאקולטעט אין יאס. אָבער צוליב די אנטי־סעמיטישע איבערפאלן פון קוזיסטישע סטודענטן, בין איך אריבערגעגאנגען אין לערער־סעמינאר אין יאס, וואָס איז באשטאנען פון 3 קורסן. ווייל כ׳האָב געקענט גוט עברית, האָט מען מיך אויפגענומען אויפן דריטן קורס און געענדיקט דעם סעמינאר. צוזאמען מיט מיר האָט דארט געלערנט דער דיכטער אליהו מייטוס, מיט וועמען איך בין געווען באפריינדעט.

צוריקק מענדיק קיין קאפרעשט, האָב איך באשלאָסן צו גרינדען אנ״עזרת־חולים״. סע האָט דעמולט געבושעוועט די היספאנקע און טיפוס און מע האָט באדארפט ארומגיין ארום די קראנקע. אזויווי כ׳האָב נושא־חן געווען ביי מיידלעך, האָבן זיי זיך מאָביליזירט אויך צו דעם. מיט יוחנצ״ס מיטהילף, זענען מיר בײדע געגאנגען יעדע וואָך איבערן שטעטל און געשאפן א פאָנד דורך די געזאמלטע 2—5 לעי. מיט דעם געלט האָבן מיר געמאכט ווייסע כאלאטן און קעפקעס, געקויפט א טערמאָמעטער און איינגעפירט אז מע זאָל גיין דעזשורעווען ביי די קראנקע. מע האָט געשמועסט אין שטעטל, אז אדאנק דער ״עזרת־ח לים״ איז די עפידעמיע איבערגעריסן געוואָרן.

אין יאָר 1924 האָב איך חתונה געהאט מיט זעלדען. אין 1925 בין איך אוועק געפאָרן קיין אויסלאנד. איך האָב אויגעוויילט באזעל, אין דער שווייץ, ווייל אין זיכרון איז געווען איינגעקריצט אלס פלאץ, וווּ ס׳איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. אין באזעל בין איך געווען ביז 1932 און געענדיקט מיט אויצייכענונג (קום לאודא) פאקולטעט פון פארמאצעאוטיקא און דאָקטאָר כימיע.

אין דער צייט וואָס כ׳בין געווען אין אויסלאנד, האָב איך זער פיל צייט געווידמעט דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. דאָ זענען געווען אסאך סטודענטן פון פוילין און פון ליטע; איך בין אויגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון סטודענטן־ארגאניזאציע.

אין 1932 בין איך ווידער געווען אין קאפרעשט און נאָך נישט געהאָט קיין באשטימטע פלענער. פונקט דעמולט, אין חודש יולי, איז פאָרגעקומען א באל דורכגעפירט פון שמעון־יענקל. כ׳האָב געבעטן דאָס וואָרט צו באגריסן דעם באל, האָט מען מיך נישט צוגעלאָזט צו וואָרט, כאָטש מיר האָבן געהאָלפן צוגרייטן אלעס. ס׳איז אנטשטאנען א וויכוח און דער באל איז דורכגעבראָכן. איך האָב וועגן דעם מיטגעטיילט קיין קעשענעוו און אויך געפאָרן אין מרכז. דאָ האָב איך בעקומען א באפולמעכטיקונג אָנצופירן מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין קאפרעשט. אלס פועלי־ציוניסט, האָב איך געהאלטן פאָרטרעגע: פארוואָס מ׳דארף זיין א ציוניסט? וואָס איז פועלי־ציון? די אָנגעזעענסטע ציוניסטן אין שטעטל זענען דעמולט געווען: יאָסל סקליאר, לייזער גייסינער, שמעון גייסינער, יענקל גאָלדענבערג, חיים־לייב כערסאָנסקי, מרדכי גאָלדענבערג, ברוך יוציס, שלייען ווי איך — יענקל מער (רעוויזיאָניסט) און בערל זאלצבערג (מזרחי). מיט דער צייט, פלעגן קומען פאָרשטייער פון מרכז צו זאמלען פאר ״קרן היסוד״; דערנאָך פלעגט מען מיך איינלאדן קיין קעשענעוו צו באריכטן. מע האָט מיר מארגעשלאָגן איבערצופאָרן קיין קעשענעוו, אָבער איך האָב גראד אָנגעהויבן צו אינטערוועניען וועגן עפענען אנ׳אפטייק אין קאפרעשט, כאָטש מאָטל טאָרבאן און ליאָווא כייעס זענען געווען קעגן.

כ׳האָב זיך באטייליקט אין פאריייניקונגס־קאָפערענץ אין בוקארעשט, מיטן אָנטייל פון אנשל רייס און טארטאָקאָווער. מע האָט באשלאָסן וועגן איחוד מיט ״צעירי־ציון״ און איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט. דעמולט האָט מען מיך אויגעוויילט אין קאפרעשט אלס פאָרזיצער פון דער קהילה. אין 1.3.1939 האָט מען מיר פארשריבן אין ״ספר־הזהב״, פאר מיין טעטיקייט, און מע האָט באשלאָסן אז מיין בילד זאָל הענגען אין דער קהילה.

די סאָוויעטן זענען געקומען

די סאָוויעטן זענען געקומען קיין בעסאַראַביע אין יאָר 1940. כ׳האָב באַלד דערפילט אַז סע וועלן זיין צרות. בומא און הערצל גייסינער זענען געווען גוט באַפריינדעט מיט מיר. אין בוקאַרעשט פּלעגן זיי קומען צו מיינע פּאַרטראַגן, כאָטש זיי זענען געווען קעגנער פון ציוניזם. ביים אַריינקומען פון די סאָוויעטן, האָט מיר בומא געזאָגט: ״נעמענדיק אין באַטראַכט דיינע אויפטועכצער פאַרן שטעטל און פאַר די בעלי־מלאכות, גלויב איך אַז איך וועל האָבן אַ שטיקל ווירקונג, אַז מע זאָל דיך נישט אַרעסטירן. ווי ווייט איך וועל קענען וועל איך דיך פאַרטיידיקן״.

די קהילה האָט זיך פאַרמאַכט, די תעודה פון ״ספר הזהב״ האָב איך תיכף אַראָפּ־גענומען און צעריסן. מע האָט מיך אַרויסגעשטעלט פון דער שטוב און האָב געוווינט אין הויף. די אַפּטייק האָט מען צוגעמאַכט.

ס׳איז געווען אין סאָראָקע אַ דאָקטאָר גורי, אַנ׳אָנגעזעענער פּאַרטיי־מאַן. האָב איך זיך צו אים געווענדעט וועגן אַרבעט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מע ווייסט וועגן מיין ציוניסטישער טעטיקייט און אַז צו די וואַלן, צום רומעניש פּאַרלאַמענט, האָב איך פיגורירט אויפן יידישן צעטל אַלס קאַנדידאַט. ווען דאָקטאָר גורי האָט מיר געזאָגט, אַז מע וועט מיר נישט געטרויען קיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, בין איך געפאָרן קיין קעשענעוו צו איינעם שאָר — נאַטשאַלניק פון ״גלאַוואַפּראָוולעניע״ איבער בעסאַראַביע. אין אַ געשפּרעך מיט אים, ביז אינדערפרי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סע איז אים באַקאַנט די גאַנצע טעטיקייט מיינע אַלס ציוניסט און מיין ״שטרעבן אָפּצווענדן די מאַסן פון קאָמוניזם״. ער האָט אויך געזאָגט, אַז איך וועל נישט קענען בלייבן אין קאַפּרעשט. איך וועל איבערפאָרן קיין בעלץ און דאָרט זיין שעף פון קאָנטראָלנער לאַבאָראַטאָריע.

צוויי מאָנאַט, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך איבערגעפירט קיין בעלץ, איז געקומען אַ קאָמיסיע פון דריי, צווישן זיי אַ פּרוי אַ יידישקע, כדי צו זען די לאַבאָראַטאָריע, וואָס כ׳האָב איינגעריכטעט לויטן מוסטער פון באַזעל. די פּרוי האָט געזאָגט, אַז לויט די דאָקומענטן און פעיקייטן פאַסט עס, אַז איך זאָל אָנפירן מיט אַ לאַבאָראַטאָריע אין מאָסקווע; אַ מיטיילונג וועגן דעם וועט מען מיר שיקן אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום. איך האָב געוואַרט, מיט אומגעדולד, אַז די גוטע בשורה זאָל קומען; אָבער אין 30־טן יוני, פרייטיק פאַרטאָג אַרום 4 אַזייגער, האָט מען געקלאַפּט אין דער טיר. מענטשן פון דער נ.ק.וו.ד.. — ״דאַרפסט פאַרלאָזן בעסאַראַביע אויף אַ קליין שטיקל צייט. פאָרסט צוזאַמען מיט דער פרוי. נעם מיט מיט דיר אייניקע נויטיקסטע זאַכן!״.

הערנדיק דאָס, בין איך געבליבן זיצן האַלב־פּאַראַליזירט און נישט געקענט אויפ־הויבן זיך פון בענקל. אַפילו נישט געדענקט מיטצונעמען מיט זיך דעם דיפּלאָם. אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן גענומען די דיזערטאַציעס, האָב איך שפּעטער געהאָט עפּעס אַ באַווייז.

✡

אויפן וועג צום גיהינום

מע האָט אונדז געפירט אויף אַ לאַסט־מאַשין צו דער סטאַנציע. אויפן וועג האָב איך געזען איציק ליבסטאַג, וועלכער האָט געוווינט אין בעלץ. מיר זענען אַריין אין די וואַגאָנעס, וואָס זענען געווען איבערפולט מיט מענטשן. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט

מען מיך ארויסגערופן — ״כדי מענער זאָלן ניט פאָרן צוזאמען מיט פרויען!״ כ׳האָב נישט באוויזן מיטצונעמען מיט זיך גארנישט און איבערגעלאָזט אין דעם וואגאָן די פרוי זעלדע מיטן מיידעלע — שרה. איך האָב געמיינט, אז די צעטיילונג איז א צייט־ווייליקע, האָב איך דאָס גאנצע ביסל ״דאָברא מזל״ איבערגעלאָזט ביי דער פרוי אין וואגאָן, אפילו די פאפירן נישט גענומען מיט זיך.

אין וואגאָן האָבן זיך געפונען פיל מענטשן פון בעלץ און פון אנדערע שטעטלעך. מע האָט מיך אויסגעוויילט אלס ״סטאראָסטא״ פון וואגאָן; מע האָט מיר געגעבן א פלאץ אויף דער אויבערשטער באנק לעבן א פענצטערל. מיין אויפגאבע איז באשטאנען אין מעלדן די שומרים אין פאל ווען איינער שטארבט. ס׳איז טאקע געשען אזא פאל; האָב איך נישט וויניק געשריגן ביז מע האָט אים, ביי דער ערשטער סטאנציע, אראָפגענעמען. אויפן וועג האָט מען אונדז געגעבן עסן הערינג, אָבער וואסער — נישט. שטעלט אייך פאָר די לאגע פון די מענטשן ווען זיי עסן הערינג און באקומען נישט קיין וואסער צו לעשן דעם ד׳רשט... סע האָט גערעגנט אינדרויסן. איך האָב אויסגעשטרעקט די האנט, דורך די גראַטעס, און איבערגעגעבן די וואסער פון האנט צו האנט, ביז די שומרים האָבן דערזען און האָבן מיר א קלאפ געטון אויף דער האנט. אזוי האָבן מיר זיך געמוטשעט און צוויי מענטשן האָבן געחלעשט. איך האָב געוואָלט זען מיט וואָס איך קען העלפן; בין איך אנידערגעפאלן, ווייל כ׳בין געווען הונגעריק, דורשטיק און מיד. מע האָט מיך קוים דערמונטערט. אזוי זענען מיר געפאָרן פון 13־טן יוני ביזן 10־טן יולי 1941. דער וואגאָן איז געווען א לאסט־וואגאָן, אָן פענצטער, מיט פארשלאָסענע טירן. אינמיטן וואגאָן איז געשטאנען א קעסל, וועגן די באדערפענישן. אָבער די גרעסטע טייל מענטשן האָבן געליטן פ.ן פארשטאָפונג און בויך־ווייטיק. מע האָט אריינגערופן א דאָקטאָר, וואָס איז געפאָרן אין נאָענטן וואגאָן, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט העלפן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין קאזעלטשינא אין דער אוקראינע. דאָרט איז געווען א מאָנאסטיר. ביינאכט האָט מען אונדז ארויסגענומען פון וואגאָנעס, אויסגעשטעלט אויפן פעלד, ארומגענומען מיט הינט. די היטער האָבן באפוילן צו שטיין אלע אין איין ריכטונג און ניט אויסדרייען זיך. נעמענדיק אין באטראכט, אז כ׳בין געווען אָנגעטאָן זומערדיק, האָב איך זיך אויגעדרייט מיט דער פלייצע צו דער פלייצע פון אנ׳אנדער ארעסטאנט און אזויארום זיך דערווארימט אביסל. מיר זענען אזוי געשטאנען 3 שעה. שפעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אז סע איז געווען א באפעל אונדז אויסצושיסן; מע האָט נאָר געווארט אויף א פאראָרדנונג. זיי אליין האָבן אונדז דערציילט. אז מיר האָבן געהאָט א באזונדער מזל...

נאָך די פאָר שעה אין דער פרישער לופט האָבן מיר, צוריקקערנדיק זיך אין וואגאָן, דערפילט נאָך מער די ענגשאפט און פארדומפענע לופט. סע איז געוואָרן א הוסעריי, א קרעכצעריי און חלשות. און דאָ זענען געקראָכן אויף אונדז די לייז אָן אויפהער. מיט מיר אין וואגאָן איז אויך געווען יענקל איוועשער. ער האָט געהאָט מיט זיך אסאך באגאזש און איז געליגן נישט ווייט פון מיר. איך האָב נישט געהאָט אויף וואָס צו שלאָפן. פון ליגן האָט זיך מיר אנגעקוועטשט א ווונד, אזוי אז איך האָב נישט געקענט ליגן, נישט אויף דער פלייצע, נישט אויף די זייטן. אזוי האָבן מיר זיך געמוטשעט, אין דער ענגשאפט, ביזן 10־טן יולי, ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן פלאץ סווערדלאָווסקי אָבלאסט.

״ברוכים הבאים״

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין לאגער, האָבן מיר געזען אויפן טויער אנ׳אויפ־שריפט: ״ברוכים הבאים״ — מחנה לתיקון המידות. מיר זענען געווען אזוי נאיוו און מיר זענען געווען זיכער, אז מיר וועלן דאָ באקומען ארבעט; אז איך האָב מיר פארגעשטעלט וויאזוי איך וועל זיי איבערצייגן, אז איך קען אָנפירן מיט א לאבאָראטאָריע, כאָטש כ׳האָב נישט קיין דאָקומענטן ביי זיך. פלוצים האָט מען אויסגערופן: ״ווער ס׳וועט טאנצן לויט די קלאנגען פון דער גיטארע, וועט באקומען א דאָפּלטע פּאָרציע״. סע זענען געווען עטלעכע גויים, וועלכע האָבן געטאנצט, אנדערע האָבן פּרובירט און געפאלן. נאָכדעם האָט מען אונדז געגעבן צו עסן זופּ. אין לעבן האָב איך נישט געפילט אזא טעם ווי כ׳האָב געפילט ביים עסן דעם זופּ. ווידער האָט מען געגעבן הערינג, אָבער דאָסמאָל — מיט וואסער. מע האָט אונדז אריינגעפירט אין באראקעס. דער לייטער האָט געהייסן פירן אין באָד אריין און די קליידער גיבן צו דיזענפעקציע. נאָך דער באָד האָב איך מיך געפילט גוט, קיינמאָל נישט געשלאָפן אזוי געשמאַק. צוויי טעג האָבן מיר נישט געארבעט.

אין מיין לאגער און אין א צווייטן האָב איך באגעגנט עטלעכע באקענטע, צווישן זיי קאפרעשטער: יענקל איווטשער, לייב טראוב און דעם דירעקטאָר פון דער שולע — באָדיא. דער לעצטער האָט געהאט פאראגראף 58 — ליבעראל; לייב טראוב האָט אויך געהאָט א לייכטן פאראגראף און באקומען נאָר 3 יאָר. לויט ווי מ׳האט מיר דערציילט, האָט מען ״אויפגעהויבן״ אין קאפרעשט, נישט קיין רייכע, נאָר אזעלכע וועלכע האָבן באהאלטן סחורות. אזוי האָט מען געפונען סחורה ביי ארקע פידעלמאן; ביי ברוך וועקסלער האָט מען געפונען 300 חזירים (א פראָדאנעשטער גוי האָט אויך געהאָט, אָבער ער האָט באלד פארטיילט). אויף יענקל איווטשער האָט מען אנגעגעבן אין זאהאָרנע, אז ער איז פאָסעסאָר דאָרט און האָט תבואה.

קיין מישפּט איז נישט פאָרגעקומען, נאָר מע האָט אונדז אריינגערופן צו א קאָמיסיע פון דריי (״טראָיקא״). ווייזט זיך ארויס, אז זיי זענען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן יעדן איינעם. מיר האָבן זיי געוויזן קאָפּיעס פון די ערלויבענישן, פון דער רומענישער רעגירונג, אז איך האָב רעכט אר.יסצוטרעטן אויף מיטינגען.

דער ״קין־צייכן״ — ק.ר.ד.

אין דער קאָמיסיע האָט מען געפסקנט, אז איך געהער צו דער קאטעגאָריע ק.ר.ד. (קאָנטרא רעוואָלוציאָנאיא דעיאטעלנאָסט־טעטיקייט) און מיך פארמישפּעט אויף 10 יאר קאטאָרגע און לעבנסלעגגלעכן גירוש (נאָך דער מילחמה איז דער מאקסימום גירוש געווען 25 יאָר). אויף דער ארבעט האָט מען געשיקט אָפּהענגיק פון פאראגראף: גרינגע ארטיקלען — לייכטערע ארבעט; אונדז האט מען געשיקט האקן וואלד אין דער טאיגא. דאָס איז א געגנט פון פארפרוירענע בלאָטעס אין צפון, ווו סע וואקסן אייביקע וועלדער און מע באדארף זייגן דיביימער. דאָ געפונט זיך א ״מאשקא״ — אזא מין פליג, וואס קריכט אריין אין די אויגן און צועסט דאָס פנים. מע קען דאָ אָן מאסקעס ניט ארומגיין. אין יענער צייט בין געווען זער שטארק פיזיש, ווען נישט וואָלט איך נישט געווען אויסגעהאלטן. יענקל איווטשער האָט נישט געהאָט קיין כוח און איז אומגעקומען. באָדיא האָט דווקא אויסגעהאלטן, אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים איז ער פאראליזירט געוואָרן.

נאָך דעם האָט מען אנגעהויבן צו שיקן אונדז פון איין פונקט צום צווייטן, כדי מע זאָל זיך נישט דערוויסן סודות פון דער געגנט, כדי נישט צו זיין צ׳ופיל אויף איין פלאַץ און כדי זיך נישט צופיל באפריינדן מיט די שומרים פון לאגער. ס׳זענען געווען ארעסטאנטן, וועלכע פלעגן באקומען גרויסע פעקלעך און, גיבנדיק א גרויסן טייל די שומרים, האָט מען זיי נישט ארויסגעשיקט צו דער ארבעט. איך האָב נישט געהאט פון וועמען צו באקומען פאסילקעס.

אינצווישן, איז אויסגעבראָכן אנ׳עפידעמיע פון מאָגן־קראנקהייטן. דער לאגער־קאָמאנדאנט האָט געפרעגט ווער סע קאָן אָנפירן מיט אנ׳אפטייקל. אָבער ווען ער האָט זיך דערוווסט אז איך בין ר.ק.ד. האָט ער געזאָגט, אז מע טאָר מיר ניט פארטרויען. ערשט ווען מענטשן זענען געשטאָרבן, האָט מען ערלויבט, אז איך זאָל זיך באשעפטיקן מיט דער אפטייק, אָבער מע מוז אויפקוקן וואָס איך טו. איך האָב נישט געטאָרט אָפזאגן, האָב אָבער געזאָגט אז איך פיל זיך שוואך. האָט מען מיר געגעבן צוויי שיסאלעך קאשע... די אפטייק איז געווען אין א צימערל אין באראק. צו מיין גליק, האָט מען אויפגעהערט שטארבן. כ׳האָב געגעבן די קראנקע קאָנצענטרירטע מארגאנצאָווקע, וואָס דיזענפעצירט; און אזויווי די עפידעמיע איז סיי ווי געגאנגען צו ענדע, האָט מען דעם דערפאָלג צוגעשריבן מיר — אז איך האָב אָפגעראטעוועט מענטשן.

אין א טאָג איז געקומען איינער פון מ.וו.ד., וועלכער האָט אויפגענומען מענטשן מיט לייכטע ארטיקלען און א טייל פון זיי פארלייכטערט אָדער באפרייט. ווען ער האָט דערזען מיך ארבעטן אין אפטייק, האָט ער געפסקענט צוויי טעג קארצער דעם קאָמאנדאנט, ווייל ער האָט געגעבן א תפקיד א ר. ק. ד.. מיך האָט ער געהייסן שיקן צו געוויינלעכער ארבעט, ביז ס׳איז געקומען א צווייטע עפידעמיע און מע האָט געגעבן א פאראָרדנונג מיך צו באשעפטיקן שטענדיק אין אפטייק.

זומער פלעגט מען אויפשטיין 5 אזייגער, געגעבן אביסל סופ פון קראָפּיווע און א שטיקל ברויט פון 200—300 גראם. זונטיק פלעגט מען גיבן א שטיקל פלייש. מערסטנטייל פלעגן די שומרים ארויסנעמען דאס פלייש פון קיך. צו דער ארבעט האָט מען אונדז געשיקט עסן — א קאלטע זופ מיט פערלגרופן. ווינטער איז געווען בעסער, ווייל די מאשקא האָט נישט געביסן. זומער פלעגט מען נישט קענען איבערטראָגן ווי מ׳איז געוואָרן צעביסן. געארבעט האָט מען 8 שעה א טאָג און 2 שעה גיין צו דער ארבעט. א צייטונג האָט מען געקענט זען נאָר זונטיק. אין דער באראקע איז מען געשלאָפן לויט 3 שטאָקן, איין בעט נעבן צווייטן. אין דער באראקע פון די ״אָטליטשניקעס״ (די אויסגעצייכנטע) זענען געווען אויך מאטראצן, אויך א קאָלדרע און מע האָט ריין געמאכט. דאָרט זענען געשלאָפן אויך די, וועלכע זענען געווען אין גוטע באציונגען מיט די שומרים... פון דער פאמיליע האָב איך גאָרנישט געוווסט אין משך פון 3 יאָר.

איך בין, אין א געוויסער צייט, געווען באפולמעכטיקט צו קאָנטראָלירן צי דאָס עסן איז גוט און פלעג אלעמאָל פארזוכן. האָב איך אָפגעמאכט מיטן קאָכער, אז ער זאָל מיר ארויסגעבן א האלבן קעסל קאשע און איך האָב צעטיילט די יידן. ביז סע האָט זיך געטראָפן, אז איינער א ייד האָט מיך געמאסערט. מע האָט מיך אראָפּגענומען פון דערדאָזיקער ארבעט און געגעבן איזאָלאטאָר. דאָרט ווערט געגעבן עסן נאָר איינמאָל אין טאָג. סע איז דאָ א קליין פענצטערל, ווו דער דיזשורנע קוקט אז מע זאָל זיך נישט צולייגן. אין א טאָג, האָט מען מיך ארויסגערופן און געזאָגט, אז סע איז דאָ פאר מיר א פאָסט־קארטל. אהרון איוושער האָט מיר געשריבן, אז אסתר בלומיס שיקט דעם

אדרעס פון זעלדען מיטן קינד. איך האָב מיך צעזיגנען אין איזאָלאַטאָר. ביז דער היטער האָט געשריגן, אז מע וועט מיר פארלענגערן די שטראָף. נאָך דעם ווי כ'בין ארויסגעגאַנגען פון איזאָלאַטאָר, האָב איך אָנגעשריבן א בריוו צו דער פאמיליע און זייט דעמולט האָט זיך געפירט א בריוו־אויסטויש.

דאָקטאר ג.רי, וועלכער איז געווען דער לייטער פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג אין סאָראָקער קרייז, איז אויך געווען מיט מיר צוזאמען אין לאגער. די סיבה איז פאָלגענדע: ווען ער איז געווען מאָביליזירט אין דער מילחמה, האָט ער דערציילט, אז סע איז נישט ריכטיק או אין בעסאראביע הערשט הונגער. ער קומט פון דאָרט און ער האָט אליין געזען ביי פויערים קו, ציגן, חוירים א.א.וו.. אין א טאָג האָט דער נאטשאלניק אריינגעבראכט צו מיר דעם דאָקטאָר גורי, וועלכער האָט זיך צעוויינט, אז ער איז אויך געווען פול מיט גלויבן און איינגעזען, אז ער האָט זיך אפגענארט. מיר זענען געוואָרן גוטע חברים, ביז מע האָט אונדז צעטיילט.

יענקל איווטשער איז געווען מיט מיר א שטיקל צייט. מלך הויכמאן, ברוך וועקסלער און פרוים הויכמאן האָבן אויך געהאט א לייכטן ארטיקל (פון 3 ביז 4 יאר) און ווען זיי לעבן, וואָלטן זיי אהיימגעקומען קיין קאפרעשט.

☆

זעלדע: תיכף, אויף דער באן־סטאנציע אין בעלץ, האָט מען אונדז צעטיילט: די מענער באזונדער, און די פרויען מיט די קינדער זענען געבליבן אין וואגאָן. נאָך קאפרעשטער זענען נישט געווען מיט אונדז. 5 וואָכן זענען מיר געפאָרן מיט דער באן, נאָכדעם האָט מען אונדז איבערגעזעצט אין א בארזשע (א מין פאראָכאָד). די וואסער איז געווען נישט זער טיף, אזוי אז מענטשן האָבן באדארפט אראָפּגיין און אונטערשטופן די בארזשע, כדי מ'זאָל קענען פאָרן ווייטער. מיר זענען ממש געווען איינגעטונקען אין שמוץ; אזוי אז מענטשן זענען געשטאָרבן ווי פליגן.

אין טאָמסקער אָבלאסט האָט מען אונדז צעשיקט גרופנווייז. איך בין אריינגעפאלן אין א זער אָרעמען קאָלכאָז. דאָרט האָט מען אונדז געטריבן צו דער ארבעט. ווער ס'האָט נישט געארבעט ווי געהעריק, פלעגט מען אראָפּנעמען פון דער פּאָרציע ברויט. איך האָב נישט געוווסט וויאזוי צו ארבעטן מיט אן אינסטרומענט, האָב איך דערגרייכט ביז 200 גראַם ברויט א טאָג. שרה'לע, ווי קליין זי איז געווען, האָט פארשטאנען די לאגע, אין וועלכער איך געפון זיך; האָט זי אָנגעהויבן צו ארבעטן און יעדער פלעגט באוואונדערן איר פלייסיקע ארבעט. דאָס גליק איז געווען, וואָס איך האָב פארכאפּט אונדזער באגאזש מיט אונדז. פלעגן מיר בייטן אלעמאָל א קליידל פאר אנ'עמער קארטאָפל אָדער פאר א קרויט.

מע האָט אונדז געגעבן א שטיקל ערד בא דער שטוב, אין וועלכער ס'האָבן געוווינט 5 פאמיליעס; יעדער פאמיליע אין איין צימער. איך בין אריינגעפאלן צו וווינען מיט קריסטן, גרויסע אנטיסעמיטן, וועלכע האָבן אונדז געטון אין טויט אריין; זיי פלעגן אונדז באשולדיקן, אז די "זשידאנעס" האָבן געבראכט דעם קאָמוניזם. מיין טענה, אז איך בין דאָך אין דערזעלבער לאגע מיט זיי — האָט ווייניק וואָס געווירקט אויף זיי, און זיי פלעגן אונדז ממש נעמען די נשמה. דאָרט זענען מיר געווען פון 1941 ביז 1945, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט. מיר האָבן ביידע געארבעט. שרה איז אלט געווען 12 יאר ווען זי איז אריין אין דעם קאָלכאָז. זי האָט געארבעט ווי איינע פון 20 יאר און האָט אויסגעפולט אלעס וואָס מ'האָט איר געגעבן צו טון. זי פלעגט גיין 5 קילאָמעטער

ביז צו דעם אָרט, ווו מע האָט באַדאַרפט אָנגריזען די באַרזשע. דאָרט האָט מען געגעבן 800 גראַם ברויט א טאָג.

איך האָב מורא געהאַט צו דערציילן, אַז מיין מאַן איז א פאַרשיקטער. סע זענען געווען מיט אונדז אייניקע בעלצער, האָט מען געשריבן מיט וועמען מע געפונט זיך דאָרט. אין דער עוואַקואַציע האָבן זיך געפונען אהרון איוווטשער און אויך אסתר בלומיס. ער האָט געוווּסט פון ניוקען דורך זיין ברודער יענקל איוווטשער. ווען אהרון האָט זיך דערוווּסט, אַז פאַמיליע פידעלמאַן געפונט זיך אין קאַלכאָז, האָט ער דורך א בריוו מיטגעטיילט מיר וועגן ניוקען און וועגן אונדז.

איך בין געווען אַזוי דאַר, ווי א סקעלעט; כ׳האָב קוים געקענט איבערטרעטן די שוועל. די פויערטעס פלעגן נישט איינמאָל זאָגן: ״די זשידאַנקע וועט אינגיכן אוועק־פּגערן״... כ׳האָב געקויפט קליינע קאַרטאָפלעכלעך און פאַרזעצט. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אַרויסנעמען עטלעכע קאַרטאָפליעס אויף א סוף.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך באַמיט אַרויס פון דעמדאָזיקן וויסטן קאָלכאָז. ביי מיר זענען געבליבן עטלעכע זאַכן, האָב איך זיי אוועקגעגעבן דעם קאָמאַנדאַנט און ער האָט אונדז אַרויסגענומען פון קאָלכאָז אין א דאָרף. דאָרט האָט שרה׳לע אויסגעלערנט נייען זאַקן, אַזוי אַז מיר האָבן לייכטער געקענט באַקומען ברויט. אויך די אַרבעט דאָ איז געווען מענטשלעכער, ווייל אין קאָלכאָז האָט מען געמוזט אַרבעטן לויט א נאָרמע. וויאַזוי זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון קאָלכאָז? איך האָב אוועקגעגעבן א פויער עטלעכע זאַכן און ער האָט אונדז געפירט אין שליטן איינגע־שפּאַנט צו א קו. שעה׳ן לאַנג זענען מיר געפאָרן, אין א פראָסט פון 40 גראַד קעלט, ביז מיר זענען אָנגעקומען 50 קילאָמעטער ווייט פון קאָלכאָז. כדי נישט פאַרפרוירן צו ווערן, האָב איך איינגעוויקלט די פיס. שרה׳לע איז געגאַנגען צופוס.

איך האָב מיך פאַרבונדן מיט מיין ברודער הערשל, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט מיין מוטער אין א דאָרף. האָט ער געשריבן צו סטאַלינען און מ׳האָט אונדז ערלויבט צו זיין צוזאַמען. מע האָט מיך מקנא געווען, וואָס מיר קענען אַרויס פונעם גיהינום. אָבער הערשל מיט דער מאַמען זענען שוין געווען אוועק קיין קאַפּרעשט; מיר זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער. א קריסט, וועלכער איז געווען פון די אַמאָליקע אַרויס־געשיקטע, האָט מיר געגעבן א בריוו צו זיין טאָכטער אין דזשאַמבול, אַז מע זאָל אונדז העלפן. דאָרט זענען מיר געווען א יאָר צייט און אַריבער קיין אַלמאַ־אַטאַ. דאָ האָבן מיר אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן מיט ניוקען. איינמאָל האָב איך אים פון דאָרט געשיקט עפּל, אָבער ווייטער האָב איך נישט געהאַט וואָס צו שיקן.

אין אַלמאַ־אַטאַ׳ער געגנט האָט שרה אויסגעלערנט זיך וויאַזוי צו מאַכן אַנאַליזן אויף זרעים (סעמענאַ). אין א טאָג, האָט מען בא איר אַרויסגענומען איר טעשאַלע מיט אונדזערע פּאַפּירן. אַדאַנק איינעם א נאַטשאַלניק, וועלכער האָט געקענט שרה׳ן, האָבן מיר באַקומען א צייטווייליקן פּאַספּאָרט. מיט דעם זענען מיר אוועק קיין טשערנאָוויץ.

ד״ר פ י ד ע ל מ א ן: פון 1941 ביז 1951 בין איך געווען אין לאַגער. ווען כ׳האָב געענדיקט מיין טערמין, האָט מיך פאַרשיקט אויף גירוש (ססילקאַ) קיין קראַסנאָיאַרסקער געגנט. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין אינטערווענציעס. אין שטאָט האָט מען נישט אַריינגעלאָזט, געמוזט וווינען נאָר אין ראַיאָן. אין דער טאַיגאַ אין סיביר בין איך געווען אַנ׳אַרעסטאַנט; דאָ — א פאַרשיקטער. דער אונטערשיד איז געווען, וואָס אַלס אַרעסטאַנט

איז געווען עמיצער וואָס האָט געזאָרגט פאַר דיר, דיר געגעבן א ביסל סופּ; אלס פאַרשיקטער — האָב איך באַדאַרפט פאַרדינען כדי צו האָבן די זופּ מיט קאַשע. אויף דעם אַרבעטס־פּלאַץ דאַרפסטו ווייזן אַלעמאָל דאָקומענטן ווער דו ביזסט. איך האָב מיך געווענדעט אין אַפּטייקן, אויך צו א בעקער, כדי צו מאַכן אַנאַליזן פון ברויט. אפילו ווען איך האָב צוגעזאָגט האַלב פון דעם געצאָלטס — כדי עפּעס צו פאַרדינען; קוים האָבן זיי דערזען אין די דאָקומענטן אז איך בין ק.ר.ד. — האָט מען נישט געוואָלט הערן וועגן אויפנעמען צו אַרבעט.

האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן א נייער גיהנום — מע האָט אונדז געשיקט אין א באַראַקע ווו ס'האָט אַריינגערעגנט. זעלדע האָט מיר געשריבן, אז זי וויל קומען צו מיר. האָב איך געטראַכט: איך וועל דאָ אומקומען, צוואָס דאַרף זי אויך אזא סוף? באַ זיי איז איבערגעגאַנגען א חשד, אז איך האָב דאָרט אַנ'אַנדערע... דאָך איז זי געקומען פון טשערנאָוויץ. זי האָט מיך געזען וויאַזוי איך בין אויסגעדאַרט, איז זי געגאַנגען מיט מיר צו דער אַרבעט און מיר געהאָלפן זעגן האָלץ. מיר האָבן ביידע פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. מיר דער צייט איז אויך שרה געקומען צו אונדז.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א געשיכטע פון איבערפאָרן, זענען מיר אַריבער אין אַדעלסקי ראַיאָן. האָב איך דאָ געוואָלט וואַשן פלעשער אין אַפּטייק. דער ענפער איז געווען: "מע וועט אָנפרעגן"; זעלדע איז געווען גרייט צו וואַשן די פּאָלן אין שפּיטאָל — מע וועט אָנפרעגן. האָט מען אָנגעפרעגט און דער ענפער איז געווען, אז ס'איז נישט דערלויבט צו אַרבעטן ביי קיין שום אַרבעט, קוים א זינדיקער — די שטראָף אויפן גאַנצן לעבן.

מיר האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אָבער די איינציקע דערלויבטע אַרבעט איז געווען — אין וואַלד. אַזוי האָבן מיר זיך געמוטשעט אָן שום האָפענונג. מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין קאַנסק, קראַסנאָיאַרסקי קריי; געמיינט אז דאָ וועט קומען די ישועה, האָט זיך איבערגעחזרט דיזעלבע געשיכטע. נאָר א דאַנק שרה'ס אַרבעט אלס לאַבאָראַנטין, האָבן מיר געקענט עקזיסטירן.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר געפּויעלט, אז מע זאָל מיך איבערשיקן קיין קאַראַגאַנדאַ, קאַזאַכסטאַנער אָבלאַסט, ווייל דאָרט איז אויך געווען א פאַרשיקונגס־פּלאַץ. דאָרט זענען מיר געווען ביזן 1956 יאָר, ווען ס'איז געווען די רעהאַביליטאַציע. מע האָט איבערגעשיקט מיין "דיעלאָ" און צוגעשיקט א פּאַפּיר אז איך בין רעהאַביליטירט; אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט געבן א פּאַפּיר, אז כ'בין געווען 10 יאָר אַרעסטירט אין לאַגער. איין זאַך: מ'האָט אויסגעפונען אז איך בין אינגאַנצן פריי. דאַן זענען מיר איבערגעפאָרן קיין ריגאַ, ווייל דאָרט האָט זיך שרה באַקענט מיט איר מאַן.

אין קאַראַגאַנדאַ זענען געווען יידן פון בעסאַראַביע; אייניקע וועלכע האָבן מיך געקענט. האָבן זיי געפאָדערט אז איך זאָל אַרויסטרעטן מיט א רעדע. אין משך פון א שעה צייט האָב איך גערעדט וועגן ציוניזם און דער עולם האָט געשריגן "בראַוואָ" און אַפּלאָדירט. דאָס איז געווען ראש השנה, האָב איך מיך אַזוי פאַרגעסן, אז כ'האָב געהאַלטן א רעדע אויך יום כיפור. ערשט שפּעטער האָב איך זיך באַטראַכט, אז איך בין געווען א גליקלעכער מענטש, וואָס ס'האָט זיך נישט געפונען עמיצער, וועלכער זאָל צוטראָגן דער מאַכט וועגן די רעדעס. דעמולט וואָלט איך שוין געווען פאַרשיקט אויף אַלע עביקייטן. דאָס הייסט: אז מע איז נאַריש און מע גיט זיך נאָך!...

שרה זוניס (סוניה שור)

פאריתומט און פארוואגלט

אין 1941, ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן, האָבן מיר זיך עוואקואירט צוזאמען מיט צוויי מישפחות: משה עלקיס מיט זיין פרוי מלכה, די טאָכטער רבקה, דער איידעם באָריא און זייער אייניקל; ווי אויך די פאמיליע פעקלמאן — הערשל מיט זיין פרוי — און טעכטערל פעראלע. דער זון שלמה, ווי אויך מיין ברודער שאָבסע (שבתי) זענען געווען מאָביליזירט, פונקט ווי אלע יונגע לייט. א שרעקלעכער טרויער האָט באהערשט דאָס שטעטל, ווייל אלע בחורים האָט מען מאָביליזירט צום קריג.

דער דייטש האָט זער שטארק באָמבארדירט די שטעט, און מענטשן זענען געלאָפן צום דניעסטער. בא אונדז אין שטעטל האָט מען זיך געפאקעוועט צו אנטלויפן וווהין די אויגן וועלן טראָגן. מיט שוועריקייטן האָט מיין פאָטער געקריגן א גוי מיט א וואָגן, וועלכער זאָל אונדז צופירן קיין וואד־ראשקאָוו. מיט די צוויי מישפחות, עלקיס און פעקלמאן, האָבן מיר זיך געהאלטן דעם גאנצן וועג; גוט זיך צוזאמענגעלעבט, איינפארשטאנען ווי אויך זיך געטיילט מיט אלעמען. דער גורל האָט, ליידער געוואָלט, אז מיר זאָלן זיך צעטיילן.

מיין פאָטער האָט באגעגנט, אף דער גאס, אין א שטאָט אין קאווקאז, א קאפרעשטער יונגעמאן, וועלכער האָט אים דערציילט אז זיין שוועגערין ראָזא — די פרוי פון זיין יונגן ברודער יידל — געפונט זיך מיט איר קינד אין א קאָלכאָז, נאקעט און באָרוועס. זי איז אוועק פון שטעטל נאָר מיט דעם שליסל פון דער שטוב און נישט באוויזן מיטצונעמען אפילו איין זאך. האָבן מיר באשלאָסן, אז מיר זאָלן פארן זוכן ראָזא׳ן אין קאָלכאָז; אפשר ווייסט זי עפעס וועגן מיין ברודער און וועגן דער גאנצער מישפחה. צום באדויערן, האָבן מיר אין דעם קאָלכאָז פאוולאָדאָלסקי ראיאָן נישט געפונען. ס׳זענען דאָרט געווען א 10—12 יידישע מישפחות, אייניקע אויך פון קאפרעשט.

לאנג האָבן מיר נישט געקענט פארבלייבן אין קאָלכאָז; דער דייטש איז אלץ פאָרויסגעגאנגען און די פאניקע איז געווען גרויס. מיר האָבן איינגעזען, אז מיר מוזן לויפן ווייטער כל זמן עס איז נאָך פאראן צייט. די יידן האָבן זיך אָפגעשמועסט צו באצאָלן דעם נאטשאלניק פון דער סטאנציע, ער זאל דערמעגלעכן ארויפצוזעצן זיך אף דעם צוג, וואָס פירט פליטים (בעזשענצעס) אין דער ריכטונג פון קאספישן ים.

מע האָט זיך פארשטענדיקט מיטן נאטשאלניק און מ׳האָט באדארפט אים ארייינטראָגן א געוויסע סומע געלט, וואָס מ׳האָט געזאמלט בא די יידישע בעזשענצעס.

צומאָרגנס, זענען אין קאָלכאָז אָנגעקומען 2 יידישע יינגלעך. איינער פון זיי האָט דאָ געטראָפן זיין מוטער און א שוועסטער. זיי האָבן דערציילט, אז די וועגן זענען פארפלייצט מיט פליטים (בעזשענצעס) און מע מוז זען וואָס שנעלער אוועק פון דאנען, כדי איבערצופאָרן דורך דעם קאספישן ים, קיין מיטל־אזיע. דערהערנדיק, אז מ׳דארף זיך באטייליקן מיט געלט, כדי צו גיבן דעם נאטשאלניק — האָט איינער פון זיי טרויריק געזאָגט, אז ער פארמאָגט נישט מער ווי 5 רובל.

מיין פאָטער האָט אים בארויקט און אים צוגעזאָגט אויסצולייגן זיין חלק, אלס הלוואה. ״וועסט קומען אף א רויק פלאץ, וועסטו ארבעטן און מיר אָפגעבן דעם חוב.

איך בין זיכער, אז דו וועסט בא מיר ניט צונעמען!" איינע פון מיין פאָטערס אייגנשאפטן איז געווען צו העלפן מענטשן אין זייער נויט. צו גיבן א גמילות־חסד איז געווען בא אים איינע פון די וויכטיקסטע זאכן אין לעבן.

א טאָג, נאָך דעם ווי מ'האט געגעבן דאָס געלט דעם נאטשאלניק, האָבן מיר פאו לאָזט דעם קאָלכאָז. זעקס גרויסע וואָגנס, איינגעשפאנטע מיט אָקסן און אָנגעגריזעט מיט פעק באגאזש, זענען מיטאמאָל ארויסגעפאָרן פון קאָלכאָז. אסאך מענטשן זענען געגאנגען צופיס, צווישן זיי אויך איך און מיין פאָטער. כאָטש ביז צו דער באַן־סטאנציע איז געווען אינגאנצן א קילאָמעטער וועג, איז דאָך נישט געווען באקוועם צו גיין צופיס, ווייל א קאלטער ווינט האָט געבלאָזן אָן אויפהער.

די פויערים האָבן דערלויבט נאָר געציילטע מענטשן צו פאָרן; בא זיי זענען די אָקסן געווען וויכטיקער ווי מענטשן... מיין מאמע האָט געהאָט א באזונדער זכות, וואָס א פויער האָט מסכים געווען זי זאָל פאָרן אפן וואָגן, צווישן פעקלעך.

— "וועלוואלע, ווו איז דער שאָל? סע איז מיר גאנץ גוט קאלט!"

— "אין וואָגן לעבן דיר האָב איך געלעגט דעם שאָל" — האָט געענפערט מיין פאָטער.

— "איך זע דאָ נישט קיין שום שאָל" — זאָגט די מאמע זוכנדיק.

— "פאפא, — האָב איך זיך ארייגעמישט אין געשפרעך — כ'האָב געזען ווי משה'לעס מאמע האָט גענומען דער מאמעס שאָל!"

מיין פאָטער האָט צו מיר א קוק געטאָן מיט א בייזן בליק און געזאָגט: "סאָניאלע, שא! מע טאָר נישט מביייש שטעלן קיין מענטשן!"

אין האָב מיך געפילט געטראָפן פון מיין פאָטערס בייזן בליק, באזונדערס ווען איך האָב דאָס אליין געזען מיט מיינע אויגן.

דערווייל זענען די אָקסן פאָרויסגעגאנגען, טריט בא טריט, און געשלעפט די אָנגעפאקטע וואָגנס. מיר זענען נאָכגעגאנגען און געציטערט פון קעלט. מיין מאמע האָט זיך איינגעוויקלט מיט א קילעם, כדי צו פארהיטן זיך פון קאלטן ווינט. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו מיין פאָטער כדי זיך אביסל צו דערווארעמען. נעמענדיק אין באטראכט, אז מיין פאָטער האָט מיך צוגעדרוקט צו זיך, האָב איך פארשטאנען, אז ער האָט מיר מוחל געווען.

☆

דערווייל זענען מיר אָנגעקומען צו דער סטאנציע. די פויערים האָבן אָפגעשטעלט די וואָגנס בא די רעלסן, ווייל מע האָט נישט דערלויבט צוצופאָרן נענטער צו דער סטאנציע. דער נאטשאלניק פון דער סטאנציע האָט אונדז געוואָרנט, אז דער צוג, וואָס דארף באלד אָנקומען, שטייט נישט מער ווי צען מינוט; אין דער צייט דארף מען באווייזן ארויפצולעגן אלע פעקלעך אין די וואגאָנעס.

דער צוג איז אָנגעקומען; באלד איז געוואָרן א געלויפעריי, כדי ארויפצוברענגען די פעקלעך. מיין פאָטער האָט געהאָלפן אייניקע עלטערע מענטשן ארויפצולעגן זייער באגאזש אין צוג און ערשט נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן שלעפן אונדזערע פעקלעך.

איך בין געשטאנען און געהיט אונדזער ביסל אָרימקייט. ענדליך איז פארבליבן נאָר איין פעקל און דער קילעם. מיין פאָטער האָט ארויפגעלעגט אַף מיינע אקסלען דעם קילעם און געהייסן פאַרויסגיין; ער און דאָס יונגל — פאר וועמען ער האָט אויסגעלייגט געלט — האָבן ביידע געטראָגן דאָס פארבליבענע פעקל.

ווען איך האָב איבערגעשפאנט די רעלסן און שוין געזען מיין מאמען, וועלכע האָט מיר געוויזן דעם וואגאָן ארויפצושטייגן — איז פלוצים פארבייגעפאָרן א צוג אין דער פארקערטער ריכטונג. א שווארצער רויך האָט באדעקט אלעס ארום, און ווען כ׳האָב זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון פארשווונדענעם צוג, האָב איך דערזען א שרעקליך בילד: מיין פאָטער און דאָס יונגל, לעבן אים, זענען געליגן טויט, פול באגאָסן מיט בלוט. א שוידערליך געפיל נעמט מיך ארום; עס באשלאגט מיך א קאלטער שווייס. מיט אלע מיינע כוחות שריי איך: ״מאמעניו, דער טאָטע איז טויט!״

מיין מוטער, הערנדיק מיינע געשרייען, איז אראָפגעשפרונגען פון וואגאָן, ממש אין לעצטן מאָמענט ווען דער צוג האָט גערירט, איבערלאָזנדיק דעם גאנצן באגאזש אונדזערן. מיין מוטער האָט זיך געקלאפט מיט די הענט אין קאָפּ, געוויינט און געשריגן. איך בין געווען ווי פארהילצערט, נאָר באמערקנדיק וויאזוי מיין מוטער טראָגט נאָר איין שיך אַף א פוס (דעם צווייטן האָט זי איבערגעלאָזט אין וואגאָן, ווען זי האָט געפרווט ארויסשלעפן די פיס פון די פעקלעך). איך פארשטיי נישט, ביז היינט צוטאָג, פון ווו סע האָט זיך צו מיר גענומען אזויפיל כוח און מוט — איך האָב אראָפגעשלעפט די שיך פון מיין טאטנס טויטע פיס און געבעטן די מאמע זי זאָל זיי אָנטאָן, כדי זיך נישט צו פארקילן...

וואָס ס׳איז געשען ווייטער געדענק איך נישט; איין זאך ווייס איך, אז צומאָרגנס אינדערפרי זענען מיר ביידע, מיין מוטער און איך, געווען אין שטוב בא א רוסישער פרוי, וועלכע האָט אונדז געגעבן א שטיקל ברויט מיט טיי און אונדז אויסגערעדט דאָס הארץ. שפעטער איז געקומען א לאסט-אויטאָ פון ״גיכער הילף״. א דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט פון די צוויי הרוגים, געהייסן ארויפלייגן זיי אויפן לאסט-אויטאָ און מיר זענען מיטגעפאָרן, זיצנדיק לעבן די צוויי מתים.

אין א שעה ארום, האָט מען אונדז געבראכט אין שפיטאָל פון דער שטאָט מוזדוק; דאָרט האָט מען די טויטע ארויפגעלעגט אויף צוויי טישן אין טויטן-צימערל. מע האָט אונדז ארויסגעבראכט זייערע קליידער. דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר געשטאנען אינדרויסן באם פענסטער פון טויטן-צימער און אלעמאָל אריינגעקוקט, נישט גלויבנדיק אז דער וואָס ליגט דאָרט איז אונדזער בלוט און פלייש... מיר זענען געשטאנען און געוויינט, נישט לעגנדיק קיין אכט אף דער אלארם און פאניקע פאר די אייראפלאנען, וואָס האָבן באָמבארדירט די שטאָט.

אין משך פון די טעג איז צו אונדז ארויסגעקומען א דאָקטאָר און געפרעגט צי ווילן מיר, אז מע זאָל ארויסנעמען די גאָלדענע ציין פון מיין טאטנס מויל. ״דאָס גאָלד קען אייך גאנץ גוט צונוץ קומען!״ קלאָר, מיר זענען נישט מסכים געווען. ווען איך דענק היינט וועגן דעם, בין איך זיכער, אז דער דאָקטאָר האָט דאָס גאָלד גענומען פאר זיך. אין רוסלאנד וועט מען קיין גאָלד נישט לעגן אין דער ערד...

אפן פערטן טאָג, האָט מען מיין פאָטער און דאָס יונגל מקבר געווען אין אָרטיקן בית-הקברות, דאָרט האָט מען באגראָבן מתים פון אלערליי נאציאנאַליטעטן. קיינער,

אחוץ אונדזביידע, האָט דער טויטן־וואָגן נישט באגלייט... מעגליך, אז זיי זענען די איינציקע צוויי יידן, וועלכע ליגן אין דעם בית־הקברות. קיינער האָט קיין "אל־מלא־רחמים" נישט געמאכט; קיינער האָט קיין קדיש נישט געזאָגט.

☆

הונגעריק, נאקעט און באָרוועס האָבן מיר פארגעזעצט דעם וועג און ענדליך איבערגעפאָרן דעם קאספישן ים קיין מיטל־אזיע. דאָ האָבן מיר זיך באגעגנט מיט מיין פעטער יידל שאָר, מיט זיין פרוי ראָזא און זייער קינד; ווי אויך מיט מיין מאמעס ברודער יענקל שניידער, וועלכער איז שפּעטער געשטאָרבן פון הונגער אין בוכארע (1943), נאָך דעם ווי אויך זיין פרוי פריידע איז אויסגעגאנגען פון הונגער אין א קאָלכאָז.

מיין ברודער שבתי איז אין 1944 געשטאָרבן אין טאשקענט, נאָך דעם ווי ער איז געזעסן 6 מאָנאט אין תפיסה אלס אנטי־רעוואָלוציאָנער און סאבאָטאזשניק. ער איז אלט געווען 23 יאָר.

☆

נאָך 5 שווערע יאָר פון הונגער, ליידן און נויט, זענען מיר אין 1946 ארויסגעפאָרן, אף פאלשע פּאפּירן קיין פּוילין. די פּאָליאקן האבן אונדז "גאָר פריינטליך" אויפגענומען, אזוי ווי די פּאָליאקן קענען... מע האָט אונדז באוואָרפן מיט שטיינער און דעמאָנסטרירט מיט לאָזונגען אין די הענט: "מע נעמט בא אונדז ארויס קוילן און מע שיקט אונדז "זשידעס"..." שפּעטער האָבן מיר דורכגעלעבט א פּאָגראָם אין קיעלץ. די ערד האָט אין פּוילן געברענט אונטער די פיס. מיר האָבן געוואנדערט ווייטער: קיין טשעכיע, עסטרייך, דייטשלאנד, פראנקרייך און, צום סוף, דעם 22־טן אפּריל 1949 זענען מיר אָנגעקומען קיין ישראל.

☆

ד"ר אסיא זסלבסקי (עטל דיקרמן)

ארבע שנות סבל בקולחוז

מישפחתנו בקאפרשט מנתה 11 נפשות: אבא, שלום דיקרמן, אימא — בלה, ואני — הבת היחידה בין 8 אחים.

בשנת 1939 עבדתי בתור אחות בסאנאטוריום. שם אושפזה אישה, אזרחית גרמניה, אשר ילדה תינוק. בהיותה תחת השפעת הנארקוזה היא צעקה: "בשביל מה אנחנו מביאות ילדים לעולם? בשביל שיגעון־הגדלות של היטלר?" כאשר התעוררה, היא סיפרה על העינויים והסבל הרב שגורמים הנאצים ליהודים. חזרתי לקאפרשט וסיפרתי הכול לאנשים. רבים מהם האמינו וברחו לרוסיה, אולם היו כאלה שלא האמינו ונשארו. הגויים מהסביבה הרגו אותם ובזזו את רכושם.

מספרים שאיכר אחד, ידיד של דוויד פידלמן, אביו של ד"ר ניוקע פידלמן, בא מפוה רנה והזמין אליו את דוויד ואשתו. הם לקחו איתם את כול רכושם. בהגיעם לכפר, האיכר הרג אותם וקבר אותם על יד החלון שלו. משה וועלוועל ארליכמן, אשתו פייגה ואחותה עטל למברג, נורו ונקברו על ידי הז'אנדארמים. כאשר פייגה אמרה למפקדם (השעף־דע־פּאָסט): "זה בעד קבלת־הפנים היפה שערכתי לכם ובעד האוכל שכיבדתי

אתכם ?" ענה המפקד : "כאלו הם הזמנים עכשיו". אבא שלי סיפר שראה הרבה אנשים ברחוב של העיירה, אשר בוחו כשרק כותונת לעורם.

אני יצאתי את העיירה בין האחרונים וראיתי כיצד אנשים אוספים עישבי־בר ומבשלים אותם למאכל. מים לא היו ונאלצו ללכת עד לריאוט כדי להביא משם דלי מים.

עם פרוץ המילחמה, גוייסו כול האחים שלי לצבא האדום והתפזרו למקומות שונים בברית־המועצות. הווייי ואני ברחנו מהעיירה בעגלה, יחד עם משפחת זיצר. בדרך הבריחה, בקאזאכסטאן, נפטר אבא. שישה שבועות נדדנו במרחבי ברית־המועצות עד שהיגענו לקולחוז על יד העיר אורלסק. כאן גרנו 4 שנים, אשר קשה לשכוח אותן.

עבדתי בכל מיני עבודות חקלאיות, אבל רק מזה אי־אפשר היה להתפרנס ונאלצתי לעשות מה שגויים היו עושים — במשך 6 שבועות ליקטנו שיבולים שנשארו אחרי הקציר. ניתנה לי האפשרות לזרוע קצת ירקות לשימוש עצמי. בחלקה שלי זרעתי : בצל, עגבניות, גזר ועוד.

היו ימים, כאשר יצאתי לעבודה וראיתי נשים חופרות באדמה בשביל לזרוע ירקות, חטפתי, מידיה של אחת מהן, קילשון והתחלתי לחפור. הן התנגדו ורק אחרי שהסברתי להן שאני רוצה לעזור — הסכימו. בערב, לאחר גמר העבודה, הן נתנו לי לחם, מחצית הכד חלב המוץ, חצי כד בצל וגם דג. חזרתי הביתה עם כל הכבודה והשימחה הייתה גדולה, כי היה מה לאכול.

בקולחוז לא היה מלח, לא חשמל ואף לא נפט. גרנו באוהלים גם בימים שהקור היגיע ל־30 מעלות מתחת לאפס. הקירות בפנים היו מכוסים שלג. לא יכולתי לעצום עין בלילה מקור. כל חורף הייתי מביאה 12 עגלות מלאות עצים, אולם זה לא הספיק בשביל להתחמם.

עבדתי קשה מאוד : בטראקטור,במכונה לניקוי חיטים ; בתור רועת־צאן ; הבאתי תבואות למחסן וכן עבדתי בסבלות, על יד נהר האוראל — שם מילאנו דגים בחביות, שנשלחו לחזית בשביל החיילים. בשנה האחרונה מינו אותי למנהלת ואני הייתי מקבלת את כול התבואה מן השדה ומחלקת לחברי הקולחוז, לפי רשימה.

אנשים רבים מתו ברעב, ביניהם גם יהודים, אשר לא כולם היו מסוגלים לעבוד. היו מישפחות שאספו חיטים מתחת לשלג. החיטה הייתה נגועה בנקודות שחורות, והאנשים הורעלו מהלחם שאפו. מילאתי אז תפקיד של אחות רחמניה ; הלכתי מבית לבית וחילקתי תרופות נגד הרעלת־קיבה. אולם גם התרופות האלה לא הועילו. הרעל שבחיטים גרם לאנשים אנגינה קשה וגם חורים במעיים. 80 איש מתו מהרעלה זו.

אומנם בשדה היו ערימות של חיטים, אלא שאסור היה לנגוע בהן. בגלל אי־הסדר הנורא, ששרר ברוסיה, לא ניתנו פקודות להכניס את החיטה למחסנים, כך שהיא נרקבה מתחת לשלג, שעה שאנשים מתו כזבובים מרעב.

השתדלתי לעזור לאחים שלי בכול מקום שם נמצאו. כאשר נסתיימה המילחמה ורצינו לנסוע מן הקולחוז, היו אנשים שבאו אליי וביקשו ממני שלא אעזוב : "את לא תסעי מפה. הבן שלי עומד לחזור מן הצבא והוא בטח ירצה להתחתן איתך !" . . .

אחרי המילחמה לא חזרתי לקאפרשט. באתי לקישינוב ושם גרתי עד 1965, אז עליתי לישראל.

מכל האחים שלי רק ישראל נמצא בארץ.

בלה לביא (ליבסטג)

דפים ממסכת נדודים

מילחמת העולם השנייה פרצה בברית־המועצות, ב־22 ביוני 1941, כנחשול אדיר. זרמי השמדה ודם מציפים את יהודי עיירות ביסאראביה וגם על עיירתנו קאפרשט לא פסח המשחית. כאותו עץ עבות, אשר העמיק שורשיו בקרקע למעלה ממאה שנה, נעקרים בני עמנו פתע ממקומות־מגוריהם ומטולטלים למרחקים בלתי־ידועים. מתוך דחף פנימי להציל את עצמם ומתוך הרצון העז להתקיים — עוזבות מישפחות שלימות את העיירה, כשמיטלטליהן עמוסים בעגלות, ויוצאים בשורות ארוכות אל ידידים בכפרים הסמוכים, כדי למצוא מיקלט ומגן. אולם בור עמוק מצפה להם, בו הם מושלכים בעודם בחיים. חלק מאנשי הקהילה הקאפרשטאית רוכזו בבית־כנסת ושם הם מוצאים את מותם בשריפה וחנק.

ואילו אבי, הוא אינו תופס כלל את משמעותה של הסכנה המרחפת כסכין חדה על צוואר; הוא דבק בספריו הקדושים ואינו מוכן להיפרד מהם. בחשכת־ליל מגיע בריצה אחד מאנשי הכפר הצוענִי, שעה שכול העיירה עולה בלהבות, וקורא: "הימלט על נפשך ואל תביט לאחור!". רק אז, יחד עם שכנו הרב דוויד קפליבצקי ז"ל, הם בורחים לכיוון הכפר פרודאנשט.

על יד רזינה הם חוצים את הדנייסטר, בעיצומה של הפצצה כבדה. לאחר תלאות ונדודים הוא מגיע אל העיר אודיסה, שם מתגוררות אחיותיו של אבי — אוסנת ליבסטאג ורחל ניסנזון. יחף, בלא מעיל, כשעליו רק מיכנסיים, כותונת וטלית־קטנה; בלי כובע לראשו, שערותיו פרועות ופניו מכוסים אבק ואפר — כך הוא נכנס אל בית אחיותיו. מכיוון שהן לא ראו אותו במשך שנים, מאז נסגר הגבול בין ברה"מ וביסאראביה, הן לא העלו על הדעת כי לפניהן עומד אחיהן אהרון וחשבו אותו לאחד הקבצנים המחזרים על הפתחים. רק כאשר התחיל לדבר, הכירו אותו נכדותיו גיטה ובוסיה, בנותיה של דבורה, אשר נמלטו על נפשן מבאלץ. בדמעות בעיניים, בלא אומר ודברים, חיבקו את הסבא ונשקו לו. קשה לתאר את ההתרגשות שאחזה בבני הבית למראה־עיניהם. לשימחתם, על הפגישה הבלתי־צפויה, לאחר 20 שנה, לא היה גבול.

אולם שימחת הפגישה לא ארכה זמן רב. הגרמנים הפציצו את אודיסה כך שהאוכלוסיה הייתה נאלצת לפנות את העיר. הייתה רק אפשרות אחת ויחידה לברוח — דרך הים השחור. רק יחידי־סגולה הצליחו לנצל דרך־הצלה זו. — — —

בדרך הפינוי מאודיסה ספג אבי מלוא חופניים תלאות, יסורים ורעב. באוניה מלאה וגדושה אנשים, מפה לפה, תוך הפגזה כבדה, התעטף אבא בטליתו לתפילת "כל נדרי". הוא הובהל מייד אל הקברניט של האוניה והוזהר, בצורה חריפה, שיפסיק להמריד את האנשים בלב־ים. אבא הצטדק: "רק להתפלל רציתי. הערב יום־כיפור ושומה על כול יהודי להתפלל ביום קדוש זה"...

בהגיעו לעיר סמרקנד, התחיל אבא בחיפושים אחר אשתו זלאטה והבן יענקל — אחי. אבל לשווא. הוא לא נלאה מלכתוב אל מישרדים שונים גם בעניין אחותי דבורה, אשר הייתה כלואה במחנה־עבודה בסיביר. באחד הימים נודע לו באקראי כי גם היא וגם בעלה ברוך — חיים.

בימים הראשונים לשהותו בסמרקנד סבל אבא חרפת־רעב איומה; הוא היה מלקט קליפות של תפוחי־אדמה, היה מנקה אותם באולרו ומכין מהם מרק. כמו כן היה מבשל תבשילים משיירי־אוכל שהיה מוצא באשפה. מצבו השתפר מאז התחיל להתפרנס משחיטה בהסתר. — — —

דבורה אחותי הייתה כלואה במחנה אסירות בעיר פנזה, שם רוכזו נשים שפוטות על מעשים פליליים שונים. תנאי־המגורים היו בלתי־נסבלים. מאות אסירות ישנו על מישטח קרשים של עשרות מטרים בלבד. חצי שעה, במשך היממה, הוקצתה לטיול היומי באוויר הצח וכן לעשיית צרכים. מי שלא היה סיפק בידה לבצע את הכול, הייתה נאלצת לחכות עד למחרת היום באותה שעה. דבורה סבלה ממחלות שונות, ומיום ליום אזלו כוחותיה. הטיפול הרפואי היחיד במחנה היה בצל צלוי, אך גם זה לא הועיל לה.

בלילה אפל וקר, כשרוח־זלעפות נושבת מכול העברים, שומעת דבורה תוך כדי שינה: "קומי, לכי לך מפה. את משוחררת!" היא יוצאת מן הצריף, זוחלת על ארבע ובקושי מצליחה להחזיק מקל בידיה החלשות. לאחר שעזבה את שטח המחנה, בעזרתם של שומרי המיגדלים, היא גיששה באפילה שעות רבות עד שהיגיעה אל בית בודד. בבית זה גרה אישה יהודיה, אשר השתחררה מאותו מחנה ואשר, לא־פעם, ניחמה את דבורה והזמינה אותה לבוא אל ביתה כאשר תשוחרר. דבורה זכתה לקבלת־פנים לבבית וכעבור זמן־מה, לאחר ששבה במיקצת לאיתנה, היא המשיכה בדרכה אל מישרד לחיפוש קרובים.

באחד הימים, כאשר עננים כבדים כיסו את פני השמיים ורוח סוערת נשבה — התדפקה דבורה על דלת ביתה של גיטל דודתה. זו הצליחה להכיר אותה רק לאחר שהזדהתה. ברור, ההתרגשות הייתה רבה. שם התבשרה דבורה כי בעלה ברוך חי ונמצא במחנה־עבודה בסיביר. היא עברה לגור איתו ובמשך הזמן הצטרפו אליהם גם הבנות. —

אריה קופרוב

הפארטיזאן אליהו קובינסקי



בין היהודים, אשר נלחמו בנאצים במיסגרת התנועה הפארטיזאנית, בשנות מילחמת העולם השנייה — היה אליהו קובינסקי, יליד העיר זשעטל (בילורוסיה), כעת תושב פתח־תקווה.

בהיותו בעלה של סימה ורזוב מ־קאפרשט, ובהיותו ראשון התורמים ביד־נדיבה למען "ספר קאפרשט" — מן הראוי להעלות בקצרה משהו מעלילות־הגבורה שלו.

בראש יחידות קטנות של פארטיזא־נים, הוא ערך מדי־פעם גיחות על מוצ־בים וביצורים גרמניים. כמו כן, נזקפות לזכותו עשרות רכבות, אשר הורדו, על ידו, מן הפסים; וכך נגרמו נזקים עצו־מים למאמץ המילחמתי של הצבא הנאצי.

רכבות אלה, אשר היסיעו לחזית הרוסית כוח־אדם, תחמושת וציוד צבאי, חומרי־בניין ואספקה. כתוצאה מהפיצוצים, באחת ההתנקשויות, ניזוקו ונהרסו כליל 14 קטרים,

28 קרונות פתוחים עמוסי טאנקים ומזון לחיילים; האבידות בנפש היו: 420 חיילים הרוגים, 470 אנשי־צבא פצועים. לאחר פעולה זו, הופסקה התחבורה, במסילת־הברזל, למשך ימים מיספר.

בקרבות, שניהל אליהו קובינסקי, הוא קיפח את ידו והמשיך לנקום את נקמת אחינו, אשר נרצחו על ידי הצורר הנאצי. הוא זכה לעיטורים דלקמן: המדאליה הפארטיזאנית, עיטור המולדת דרגה א׳, הכוכב האדום, מילחמת העם וכן עיטור לנין דרגה ב׳, והוכתר בתואר ״גיבור מילחמה״.

פרטים מעודכנים על החומר התיעודי, המובא לעיל, נלקחו מתוך הארכיון של מישרד ההגנה בברית־המועצות. האישור בכתב, שנמצא ברשותו של אליהו קובינסקי, נושא את החתימות של מפקד גדוד ״אוקטיאבר״ — גורלניק, וקומיסאר של גדוד זה — לנסקי.

✡

ישראל פלימן

קאפרעשט אין 1979

פאר מיין אוועקפאָרן קיין ישראל, האָב איך געמאכט א באזוך אין מיין געבורטס־שטעטל קאפרעשט.

דאָס שטעטל איז איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם שכנישן דאָרף ״פראָדאנעשט״ און איצט עקזיסטירט נישט מער דער נאָמען ״קאפּרעשט״. די פארוואלטונג (סעלסאָוועט) געפונט זיך אין צענטער פונעם דאָרף; דער צענטער פון ראיאָן איז נישט מער קאָטיוזשען, נאָר פלאָרעשט.

אין פראָדאנעשט־קאפרעשט איז אויסגעפלאסטערט געוואָרן אנ׳אספאלט־שאָסע, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם גאנצן שטעטל און בינדט צונויף סאָראָקא־אוריוו - קעשענעוו. נעמענדיק אין באטראכט, אז ס׳זענען נישט פאראן טראָטוארן בא די הייזער, ווערט, אין רעגן־סעזאָן, באדעקט דער אספאלט מיט די גוט־באקאנטע בלאָטעס.

בכלל האָט דאָס שטעטל פארלוירן דעם אויסזען פון אנ׳יידישן בעסאראבער יישוב און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א טיפּישן סאָוויעטישן דאָרף. אומעטום שמעקט מיט שאָף און ברינדזע. אויך דער גערוך פון פריאמאָי וויין לאָזט זיך שפּירן פון שיכורע פויערים, וועלכע גייען ארום, שאָקלנדיק־זיך, אין די לײדיקע גאסן.

מענטשן פון די ארומיקע דערפער, פאָרן נישט זער אָפט מיט אווטאָבוסן, און נאָך ווייניקער — מיט דער אייזנבאַן.

די גרעסטע טייל פון די צוריקגעבליבענע יידישע הייזער, זענען איצט באזעצט מיט שטעפאנעשטער פויערים. א גרויסע טייל הייזער זענען רואינירט געוואָרן און ס׳איז צו מערקן אסאך ליידיקע פלעצער צווישן די הייזער.

אין שטעטל וווינען נאָך היינט־צו־טאָג עטלעכע יידישע מישפחות:

1) איציק פעסיעס א זון, יענקל קושניר. זיינע קינדער וווינען אין בעלץ און ער אליין ארבעט אין א "פונקט", וווּ מע קוועטשט וויינטרויבן.

2) ניאמא ביבערמאן — ארבעט אלס סטאָליער אין קאָלכאָז. זיין זון איז לעצטנס עולה געווען קיין ישראל.

דידאָזיקע מישפחות ווייסן נישט פון קיין יידישע ימים־טובים; רעדן די גויעשע שפראך, דענקען און אָטעמען גויעש.

☆

אלע שילן פון שטעטל: די גרויסע שיל, די חסידישע, די דייטשעשע און דאָס תהילים־קלייזל זענען חרוב געוואָרן ביז צום גרונט. סע קלעמט באם הארצן זעענדיק וויאזוי אלעס איז באוואקסן מיט ווילדע גראָזן. אלע הייזער ארום תהילים־קלייזל זענען אָפּגעווישט געוואָרן, און אויף דעם פרייעם פלאץ איז איינגעאָרדנט דער יאריד; אהער פאָרן זיך צונויף פויערים פון אלע דערפער צו קויפן און פארקויפן.

אין דער שולע, וווּ מיר האָבן אמאָל געלערנט, געפונט זיך איצט דער "סעלפאָ" ד. ה. א דאָרפישער מאגאזין פון דער קאָאָפעראציע. אקעגן יואל מער׳ס שטוב איז אויגעבויעט געוואָרן א שפיטאָל. בא שימחה פאָרטנאָי אין שטוב איז א קיך — א סטאָלאָווע, און אויך א קאָמבינאט פון קאָאָפעראציע, וווּ בעלי־מלאכות נייען שיך און קליידער.

דער ברייטער רעאוט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שמאָל ריטשקאלע. קיינער קומט נישט אהין אפילו נישט "אויף א רפואה". באָדן זיך איז נישטאָ ווו. די וואסער קלעקט נאָר אָנצוטרונקען די פייגאלעך.

דער בית־עולם איז געבליבן דאָס איינציקע פלאץ, וווהין יידן קומען אויף קבר־אבות. מע קומט פון רוסלאנד, פון רומעניע און אמעריקע. כאָטש דער פלויט נויטיקט זיך מע זאָל אים פאררירכטן, איז אין אלגעמיין דער בית־עולם אָפּגעהיט. אדאנק משה מאָשקאָוויטש׳ס מי, איידער ער איז עולה געווען קיין ישראל, איז דאָ אויפגעבויט געווארן א קליין שטיבאלע, וווּ סע ווינט א קריסטלעך פאָרפאָלק און זיי היטן אָפּ דאָס הייליקע אָרט. זיי באקומען אויך שפענדעס פון די יידישע באזוכערס און אזויארום לוינט זיך זיי צו וווינען דאָרט. משה מאָשקאָוויטש פלעגט מאכן "אל־מלא־רחמים" פאר די באזוכער; איצט איז דאָס אויך נישט פאראן.

☆

וכל עוד בי ידפוק ליבי
וכל עוד לא אדע על מה ולמה
עוללת כל אשר עוללת —
לשכוח לא אוכל,
לשכוח לא ארצה!

(דוויד שמעוני)

בשואה ולאחריה
פאר און נאך דעם אומקום

שלום סודיט

אויף בעסאראבער שליאכן

1941

עס שווייגט דער וואלד... קיין בלעטער שאָרך.
און עס שטויבט דער לאנגער שליאך.
פארצווייפלטע זיי שלעפן זיך,
דער הימל איצט איז זייער דאך...
פארחלשטע פון הונגער, דאָרשט —
זיי פון דאָרף מע טרייבט.
ווען פארמאטערט עמעץ פאלט,
אויף אייביק דאָרטן ער פארבלייבט...
ביים ראנד פון דאָרף א טייכל פליסט.
אומעט, טרערן אין די אויגן.
דאָס טייכל ווי פארכישופט האָט
צו זיך אלע צוגעצויגן.
מע וויל די דורשט אביסל שטילן.
די רוצחים זידלען זיי און טרייבן.
ס׳שיטן קלעפ זיך, ס׳פייפן קוילן.
פיל ביים טייכל טויטע בלייבן...
עס לאָזט א מאָלדאַוואנקע א טרער:
״גאָט זיי מוחל אונדז די זינד.״
עס פאלט אנ׳אלטער ייד אנידער
לעבן אים גייט אויס א קינד...
נ׳דער הימל שווייגט... די זון זי בריט.
און עס שטויבט דער לאנגער וועג...
געוואָרן הפקר איז מיין פאָלק.
און ס׳ציט די פיין זיך אָן אנ׳עק...

☆

חנה פוטרמן (ויינר)

מתוך הגיהנום בטרנסניסטריה


לתאר את החיים בעיירה קאפרשט אין זה דבר קל כל עיקר. הרבה מאורעות מתרחשים בחייו של בן־אדם בכלל, ובפרט בעיירה קטנה כמו קאפרשט. למרות שהייתה זו עיירה "מבורכת" בבוץ עמוק ברחובותיה, דווקא כאן התפתח נוער ציוני מעולה. אני זוכרת גם כיום, כיצד בילינו בסניף "גורדוניה". אבל השנים חולפות ביעף והיגענו לשנת 1941, כאשר החלה אצלנו השואה ויהודים נאלצו לברוח כדי להציל את נפשם. להיכן בורחים? איש אינו יודע. מוכרחים להשאיר את הכול מאחוריך ולשאת רגליים אל כל אשר ישאו העיניים.

אבי, מרדכי ויינר, עם המחותנים שלנו יהושע שוורץ קנו עגלה רתומה לשני סוסים. מעמיסים את המיטלטלים ואנו כולנו הולכים ברגל לייד העגלה, כולל אחותי הבכורה בלומה ובעלה צבי שוורץ. מגיעים לוואד־ראשקוב ב־11/7/41. פתאום הופיעו 27 מטוסים והשתררה בהלה עצומה. כמה נורא להיזכר בהפצצה איומה זאת. הפצצה הראשונה פגעה באחי היחיד חנא ויינר ז"ל — הקורבן הראשון מבין הקאפרשטאים. תענוג רב שאבנו ממנו, כאשר היה מנגן בכינור; אבל כמה מזעזעת העובדה שהינה עמרנו ושוחחנו, ודקות מיספר לאחר מכן מוטלת גופתו לפנינו. כדוריהם של המרצחים הניבזים פגעו בו, ובאותו זמן גם באיטה שמולביץ ז"ל, בעיירה ראשקוב אשר מעבר לדנייסטר.

כך עזבנו את הכול והמשכנו לנדוד. דרך סיניטיבקה, כ־15 ק"מ מוואד־ראשקוב, חצינו את הנהר. העגלה מובילה את המיטען ואנו מלווים אותה ברגל כ־50 ק"מ ליום עד שהיגענו לזאפורוזיה. שם ניתקלנו בחוליית־מישמר של צנחנים גרמנים, אשר גירשו חזרה את הפליטים, אלפי אנשים, נשים וטף עם עגלותיהם וסוסיהם. אנו חוזרים, כאשר מלפנינו ומאחורינו — הגרמנים. עייפים, רעבים וצמאים, כשפחד נורא מקנן בלבבות לקראת הבלתי־ידוע. ברגע זה, שאני כותבת שורות אלה, קשה לי להאמין כי אומנם נשארתי בחיים.

בשארית כוחנו אנו ממשיכים לנוע. איתנו נמצאים גם ברל שוורץ, פייגה שוורץ ותינוק בן מחצית השנה. כאשר התינוק בוכה, סותמים את פיו למען לא יישמע קולו. בין שדות והרים הצלחנו להסתתר, אולם הרוצחים מצליחים לגלות אותנו; ואנו ממשיכים עד שמגיעים לכפר "ניי לעבן", מושבה גרמנית בפלך קירובוגורוד. כאן עלינו לעבד את האדמה. קיבלנו עבודה זו ברצון והיינו מרוצים שאנו עודנו בחיים, מכיוון שכל רגע ציפינו למוות. אבל האושר לא האריך. ביום השלישי, היגיעו הנה רוצחים גרמנים וגירשו אותנו מן הכפר; והדמעות זולגות, שעה שאני נזכרת כיצד נאלצנו לצאת משם עירומים ויחפים בלא שהיניחו לנו לקחת שום דבר. כל המיטען שלנו, יחד עם העגלה והסוסים, נשארו בכפר. ברל שוורץ פושט את הכותונת, קורע אותה לפסים כדי לעטוף את תינוקו וכך הוא הולך גם בלא כותונת לעורו.

בקצה הכפר תקפו צירי־לידה את אחותי הבכירה. אנו מתחננים בפני הרוצחים שיאפשרו לנו להישאר איתה עד שתלד את ילדה הראשון: אולם הם מרשים רק לבעלה הרשל כי יוותר איתה, ואותנו מגרשים הלאה. ההורים שלנו משאירים בדרך את ילדם השני. פתאום מתחילים הרוצחים לירות. אלה שלא נפגעו מצליחים להגיע לקובריניץ,



נרות־נשמה לזכר הקדושים

ИЗВЕЩЕНИЕ № 15.

Ваш муж красноармеец Ивчер Зальмана Давидовича уроженец К-Ординской обл. г.К-Орда ул.Мурадбаева д.№ 14 за социалистическую родину верный воинской присяге проявил геройство и мужество погиб в пути следования с В/с поездом № 1024 из г. Калуги в г.Рязань похоронен 5 сентября 1942 года от язвы пищевода. Похоронен г.Рязань Скорбашенское кладбище.

Настоящее извещение является документом для возбуждения ходатайства о пенсии (приказ НКО СССР №).

политрук подпись

Начальник в/части подпись

הודעה של מיפקדת "הצבא האדום" על מותו של מינה איבצ'ר

УРСР

Чечельницька селищна рада

12 сентября 44

№

Справка.


Дана исполкомом Чечельницкого поселкового Совета депутатов трудящихся в том, что гр. Вайнер Анна Марковна действительно проживала на временно-оккупированной территории в пгт Чечельнике с 1 июня 1941 года по 14 марта 1944 г. и ничем себя не скомпрометировала.

Справка дана для предъявления по месту требования.

Пред. пос. Совета

Секретарь пос. Совета

אישור על שהותה של חנה ויינר (פוטרמן) במחנה־עבודה


LEGIUNEA JAND. BALTA
Poliția orașului

BILET de IDENTITATE №

Evreul


de ani 17 născut în com.
Balta judeţul Balta
este internat în ghettoul Balta.
Acest bilet de identitate este valabil pînă la retragere şi numai pe raza oraşului Balta.
Orice bilet de circulaţie nu este valabil fără acest act de identitate.
Deplasarea în afară oraşului, în interes de serviciu al autorităţilor, se va face cu autorizaţie specială.

Primarul Ghetoului
BALTA

SEMNALMENTE
Statura
Părul
Fruntea
Ochii
Nasul
Gura
Barba
Semne particulare
Infirmităţi

находящийся
разре-
сматривается
ШПИОН и
согласно
Тран-

תעודת־זיהוי של דווידליידרמן בגיטו באלטה



"צום מיין געבורטס טאג",

היינט דעם "24 פעברואר" איז דער טאג פון מיין געבורטס־טאג. היינט איז דער טאג פון מיין 17 יאר געבורטסטאג.

וואלט איך [illegible] אין מיין היימלאנד
אין דער שטאט באלטא, אין דער גאס [illegible] און
אין [illegible] האוז,
און מיין פאטער און מיין ברודער מיט מיין מוטער אליין
און [illegible] פון מיין צימער, מיט אויך פענסטער
איז בעשיינט,
נאר די צייט איז פאר אונדז פארגאנגען,
וויל ניט אונדזער וועג בעשיינען,
און ניט אויסטריקענען די טרערן
וואס זיי נעמען דריי יאר [illegible]
נאר דאס האבן מיר און ליידן
אויך די צייט וועט אויך פאר אונדז דאס האפונג
אויך די צייט וועט פאר אונדז [illegible],
און מיט אונדז דאס בעפרייטונג
דעמאלט וועט מען אונדזער [illegible] פארטרייבן,
צו דעם פיינד [illegible],
נאר היינט זיצן מיר און טרויערן
וואס דער [illegible] קען אונדז ברענגען,
אויף צו אונדזער [illegible] שטרייבונג
וועט צו דעם פיינט פריי דערגרייכן
ווייל צו דעם איז אונדזער שטרייבן
צו דעם פיינט פריי דערגרייכן
און צו קומען צו מיין היימלאנד
אין דער שטאט וואס איך בין געבוירן.
לשנה [illegible] ארץ מולדתי,
[illegible] מגורתי, עיר מגורתי.

24/II 1944

ליידערמאן דאוויד
Leiderman David
Лейдерман Давид

מיכתב של דוויד ליידרמן לפני הירצחו (יידיש)

"ליום ההולדת שלי"

היום, 24 בפברואר, הוא יום ההולדת שלי,
היום ימלאו לי 17 שנה.

במרחקים, מעבר לנהרות, שם ארץ מולדתי.
כאן, בעיר באלטה, ברחוב קוזניעטשנה, הבית זר לי.
בלי אבי, בלי אחי — רק עם אימי בלבד.
חדרי מצטמצם לפינה יחידה
כאשר חלונו מואר,
אולם אור השמש
כלל אינו מגיע אלינו.
השמש מסרבת להאיר לנו דרכנו
ואינה מוכנה למחות דמעותינו
הזולגות מעינינו במשך שלוש שנים רצופות.


למרות הכול, אנו מקווים ומאמינים שאור החמה
יזרח עלינו ונזכה ליום השיחרור.
אז יגוז הייאוש מליבנו
ויועבר אל נשמת האוייב.

כעת אנו יושבים ומהרהרים :
מה מסוגל יום־המחר להביא בכנפיו
להגשמת מישאלות ליבנו
ולהשגת יום־השיחרור ?
שאיפותינו מרוכזות בנקודה אחת
של תקווה —

לצאת מן המצרים
ולשוב אל ארץ מולדתי —
אל העיר בה נולדתי.
"לשוב לארץ, ארץ מולדתי —
לעיר מכורתי, לעיר מכורתי"

ליידרמן דוויד

תרגום מיכתבו של דוויד ליידרמן לעברית



Write in Block Capitals — In grossen Druckbuchstaben auszufuellen.

From:
WAR ORGANISATION OF THE BRITISH RED CROSS AND ORDER OF ST. JOHN
Postal Message Scheme

To:
Comité International de la Croix Rouge Genève

P.O.B. 1085, David Building, Jerusalem, Palestine.

ENQUIRER
Fragesteller

Name [illegible]
Christian name [illegible]EHAI
Vorname
Address [illegible]
P.O. Box 701,
[illegible] / PALESTINE

Message — Mitteilung.
(Message not to exceed 25 words, family news of strictly personal character).
(Nicht über 25 Worte, nur persönliche Familiennachrichten).

Mordehai, Buses, Droric, Srul gesund. Wir sind besorgt über Euch. Was machen Mutter, Benusch, Rachel, Betea, Schama, Dawid, Tscaka, und Kinder. Grüsse und Küsse, Mordehai.

Date 28 - 11 - 41.

מיכתב שנשלח על ידי מרדכי, באמצעות "הצלב האדום" (28.11.1941) אל המישפחה בקאפרשט. התשובה של "הצלב האדום" (4.2.1942) בוקארשט, "הנמענת נסעה מרצונה הטוב לברה"מ" (שם ניספו בידי הנאצים).



הנערה ידידה איצקוביץ, בתם של ניורה ואסתר נספתה יחד עם דודה ברל ודודתה שרה; כאשר האונייה "מפקורה" טובעה על ידי הגרמנים.



תצלום של צביליידרמן ב"צבא האדום", לפני שהתעוור בשעת פינוי מוקשים.



ספר־תורה לזכר ההרוגים הקדושים מקאפרשט.

שם שהינו שלושה ימים לרגליו של הר, מאות אנשים עד שהחלטנו למסור את גורלנו בידי המיפקדה שיעשו איתנו כרצונם. ביקשנו שיחסלו אותנו ביריות, כי אין לנו עוד כוח לסבול את העינויים. שם הלבישו על זרועו של כל אחד פיסת בד לבן ועליו רקום מגן־דוד צהוב.

שם הועמד לרשותנו בית. הגברים הלכו לעבוד ואנו ישבנו והתפללנו שנזכה לראותם חוזרים בריאים מן העבודה. מזוננו היחיד, באותם הימים, היה בצל. זה מה שהיה בבית שם שהינו. אולם לאחר יומיים, ביום שישי לפנות־ערב, ניתנה פקודה שכל היהודים יעזבו את המקום וילכו אל מעבר לבוג. נאלצנו ללכת בשדות ולא בדרכים, שם נסעו הגרמנים; וכך המשכנו ללכת עייפים ורדומים, רצוצים מעייפות 40—50 ק״מ ליום, עד שהיגענו למקום אחד שם ראו אותנו ילדים אשר רעו את בהמותיהם בשדה. הם רצו אל המיפקדה והודיעו שמתקרבות כנופיות. מיד הקיפו אותנו, העמידו אותנו בשורה וערכו חקירה. היינו בטוחים שבא קיצנו.

היתה איתנו אישה זקנה, פייגה גאמר, אימו של הרשל גאמר. אבדה לה נעל אחת בדרך. היא פחדה להרים את הנעל. ראשית, היא פחדה להתכופף ושנית — הרי בין כך עומדים לירות בנו, נעל — למה? כך היא הלכה, ברגל אחת יחפה, עשרות קילומטרים. הרגל הייתה נפוחה ומלאה פצעים.

היו שמועות כי כנופיות של יהודים מזויינים מסתובבות באיזור. על כן נערך עלינו חיפוש מדוקדק ומאחר שלא גילו דבר, שיחררו אותנו והירשו לנו ללכת לכל מקום שנרצה. אבל, לאן אפשר ללכת? ובכן, המשכנו ללכת לכיוון נהר הבוג. כאשר ישבנו לנוח, לא הרחק מקאדעמע, לרגלי אחד ההרים, הופיעו מאי־שם שתי נשים וסיפרו לנו כי באותו המקום נקברו חיים 160 יהודים וכל השטח היה בתנועה במשך שעות מיספר. שם היתה גם מישפחה אחת מקאפרשט, חייקה לרנר עם הוריה. אילצו אותם לחפור בעצמם בור, אליו נזרקו חיים.

המשכנו ללכת עד שהיגענו לטשיטשלניק באיזור ויניצה. שם מצאנו יהודים מקאפרשט: צבי גאמר אותו הפגשנו עם אימו הזקנה; אישתו של אלתר פרידמן, פאני, עם שני ילדים קטנים וכן נערה אחת ממשפחת וסרמן. בקבוצה שלנו היו ההורים שלה, אחותה חייה ואחיה ליפא. עם הגיענו לצ׳יצ׳לניק, שמחנו שיהודים חיים שם ויש אפשרות להימצא תחת קורת־גג. מישפחה אחת מתושבי המקום. רבקה הויכברג, הזמינה אותנו לגור בביתה. איתי גרו הוריי מרדכי ורחל ויינר וכן אחותי פייגה. מה גדול היה התענוג להתרחץ, לאחר זמן כה רב, לנשום לרווחה.

בעת שהותי בצ׳רנוביץ, ערכתי ביקור אצל הרב דוויד קפליבצקי. הוא קיבל אותי בזרועות פתוחות וסיפר לי כי במיכתבים, שהגיעו אליו מקאפרשט, נמסרו לו פרטים על המיבצע שלי שם. הוא אמר לי: ״בני, אני מאחל לעצמי כי אהייה רשום באותו ספר־המצוות, בו יירשמו מעשי־החסד שלך״. ביום, שברלין נכנעה, נפל אחי הרשל. חייל, אשר היה יחד איתו בצבא, שלח אליי את התצלומים שלו. בעת ביקורי בקאפרשט, סופר לי על גורלה המר של משפחת אוקשטיין; אספו את יענקל אוקשטיין, עטייה, ריקל, גיטל ובני המשפחה — הפשיטו אותם ערומים, היכו אותם והביאו אותם לכפר הורטופ — שם ניספו.

באותם הימים נודע לי, כי מרדכי פק חולה ושוכב בבית־החולים בקוטוז׳ני. נסעתי לבקר אצלו. ראיתי אותו מבעד לחלון שהכיפה לראשו וקורא עיתון. הוא שמח לקראתי וסיפר לי כי קטעו את רגלו האחת וכי עומדים לנתח גם את השנייה. הוא ביקש למסור לקאפרשטאים מה עלה בגורלו של מרדכי פק.

מה שנוגע לספר התורה. לאחר שזכיתי להישאר בחיים, רציתי להנציח את נשמותיהם של קדושי־קאפרשט. מסרתי את ספר־התורה, שהובא ארצה, לבית־הכנסת הגדול ברמת־גן. על פרוכת המשי, המקושטת בעיטורים רקומים זהב וכסף של מנורת שבעת הקנים ושני לוחות הברית, רשומה באותיות זהב הכתובת כדלקמן ״ספר־תורה זה, נתרם על ידי משה בן יהושע מושקוביץ נ״י, לזכר ההרוגים הקדושים מעיר קאפרשט הי״ד.״ מדי שבת בשבתו, קוראים בספר תורה זה בבית־הכנסת.

וועלוועל כץ, אשר היה בין האחרונים שעזבו את קאפרשט בעת הגירוש, סיפר כי דיומה טורבן הוסתרה על ידי ידידם — איכר מפרודאנשט. אולם כאשר נכנסו הרומנים ואספו את היהודים שנשארו, על מנת לגרש אותם לטראנסניסטריה, הוציאו את דיומה ממיטת־חולייה ואילצוה להצטרף אל ההולכים ברגל לגירוש. בדרך ניספתה ואילו בעלה, מוטל טורבן ובניהם בוריה ואבראשה, נהרגו בסקולני.

זרובבל סקר (סקליאר)

בקשתו האחרונה של ר׳ ישראל גולדנברג

איש היה בעיירתנו ושמו ישראל גולדנברג. עבדקן, תמיר־קוֹמה ובעל עיניים יוקדות. בר־אוריין היה האיש, בקיא ב״אותיות הקטנות״. שמועה הילכה בקרב צעירי העיירה כי זה האיש — שמן הדור הישן, כביכול — כבר סיים את כל כרכי הספרייה כולה; ואם יתקשה מישהו בסוגייה מסוגיות המישנה... הסוציאליסטית, מוטב שיפנה אל הזקן; שכן ר׳ ישראל בן־בית ה א גם בכתבי בורוכוב וז׳יטלובסקי.

כך שנים על שנים. עד שפרצה סופת־האימים.

— — — בימי הבריחה הגדולה אל תוככי רוסיה, מפני הכיבוש הרומני המחודש, מפני הגויים האורבים לשעת כושרם, נטל ר׳ ישראל גולדנברג את אשתו איטה ושם פעמיו אל עבר הר־הכרמים מיזרחה. לא ברור אם מגמת־פניהם הייתה אף היא לעבר הרנייסטר, או אוליי קיוו למצוא מיסתור עד יעבוֹר זעם אצל אחד המכרים הוותיקים שמאיכרי הסביבה.

הם לא הרחיקו לכת, ר׳ ישראל ורעייתו איטה. חבורה של כפריים עצרום עד־מהרה, ועל האיש ציוו לחפור קבר לשניהם במו ידיו. השליכו את הרעייה לחפירה ועל ר׳ ישראל פקדו להשתטח בקבר בעודו בחיים.

שקט הקטל. שרידים שבו לבתיהם החרבים, מנסים להיאחז במשהו. איכשהו. לפי שעה.

ביום מן הימים הופיע בעיירה גוי אחד, מגויי הסביבה, וכל־כולו סערה אין־משלה. הוא נאחז בכל יהודי, שנקלע בדרכו, ותחינה אחת בפיו: חסד שיעשו עימו. שיצילו את נפשו. ״מוש״ ישראל ז״ל, מכרו משכבר, נ קש בלילות על חלון ביתו בכפר, תופש בגרונו בשעת העבודה בשדה. הוא איננו מרפה ממנו. יש להביאו לקבר ישראל. אנא!

עוד סיפר אותו גוי:

כאשר השתטח ר׳ ישראל בבור, ההילונו מייד בשפיכת האדמה, לכסות את שניהם, א.תו ואת רעייתו, משמע.

אז, פתע, זקף ר׳ ישראל את ראשו מתוך החפירה, הסב פניו אלינו בשקט— ואמר בשקט אך בקול צלול: אנא, רבותיי, בקשה אחרונה לי אליכם: את העפר הערימו־נא תחילה מכיוון הרגליים. רוצה אני לחזות עוד רגע בכחול השמיים!

וכך היה.

(את הסיפור, על סופו של הדוד ישראל והדודה איטה, שמעתי בזמנו מפי הוריי. אישר באחרונה מר משה מושקוביץ, המעיד על עצמו, שהוא הוא אשר הביאם לקבר ישראל...).

פרידה דוחובני (ינוביץ)

גורלה של מישפחה

זקני המישפחה שלנו היו מספרים שאבות־אבותיהם היו בין מייסדיה של העיירה קאפרשט; השתרשו בה וכמו עץ ענף הסתעפה המישפחה לכול הכיוונים ונוצרו קשרי־חיתון עם מיספר רב של קאפרשטאים.

הוריי — מרדכי וצ׳ארנה ינוביץ — השתייכו למעמד הסוחרים. היה להם מחסן עצים וקרשים בשותפות עם יונה דוביצקי, אשר היה גיסו של יחיאל פיך — הרוקח הראשון בקאפרשט.

הייתי תלמידה בביה״ס של גורמן, בו למדו יחד איתי בכיתה: דניה גרשטיין, סויבל כ״ץ, איטה מטייביץ, רוח׳צה חייט, איטה מטייביץ, פרל לייבזון, זלדה ורזוב, חווה וורזוב, דורה פרוימצ׳וק ועוד. היינו בין הראשונים שלמדנו לפי השיטה ״עברית בעברית״.

עם כניסתם של הסובייטים לביסאראביה ועם גל הגירושים לסיביר, נפל הגורל גם עליי ועל בעלי — אברהם דוחובני מטלנשט. לאחר מיספר שנים של שהייה בנפרד, במחנות־עבודה, בטייגות בסיביר הרחוקה — שוחררנו ועברנו לגור בצ׳רנוביץ, כשאנו שבורים בגוף ובנפש. כאן נודע לנו על האסון הנורא, אשר פקד את בני מישפחתנו המסועפת, כאשר עשרות מהם ניספו בשואה — אנשים, נשים וטף; ומקום קבורתם לא ידוע. רק אני לבדי נשארתי בחיים.

✡

מתבקש להביא מיספר אימרות־כנף של צ׳ארנה אימי, אשר מצאו מהלכים בעיירה:

1) ״איך דערקען א מענטשן לויט דער פלייצע, וויפיל שכל ער האָט אין קאָפּ״ (לפי גבו של בן־אדם, אני משערת את כמות השכל שבראשו).

2) ״אז מע איז אין דער יוגנט א נאר — איז מען אוף דער עלטער עובר־בטל. (כסיל בצעירותו יהיה עובר־בטל בזיקנתו״.

3) ״אָדער געוואלד, אָדער — שא״ (או שתרעיש עולמות, או שתמלא פיך מים).

4) ״אָדער מיין זון וועט באקומען הונדערט טויזנט לעי נדן, אויב נישט — מעג ער ״באַליען״ בא מיר אפן אויוון״ (אם בני לא ישיג מאה אלף לעי נדונייה, מוטב שייתקע אצלי על התנור).

5) אויף אירע זונען און שנירן פלעגט זי זאָגן: ״איך גיב בריליאנטן און וואָס באקום איך? — גלאָז! (על בניה וכלותיה הייתה טוענת: אני מספקת יהלומים ומה אני מקבלת בתמורה? — סתם זכוכית!).

6) אנשטאט צו זאָגן: ״ווי איז מיר!״ פלעגט זי זאָגן: ״אז ווי איז טשארנען!״ (במקום להגיד: אוי ואבוי לי, הייתה אומרת: אוי ואבוי לצ׳ארנה).

✡

קאפרשטאים באמריקה
קאפרעשטער אין אמעריקע

לבוריס (ברל) ברויטמן,

"ארגון יוצאי קאפרשט", הוועד והעורכים מודים לך על מסירותך הרבה, העמל והמאמצים שהשקעת באיסוף תרומות להוצאת **"ספר קאפרשט".**

על כך תבוא על הברכה ויהייה שמך שמור בליבותינו יחד עם זכר קאפרשט עיירת מכורתנו.

"ארגון יוצאי קאפרשט", הוועד והעורכים מביעים רגשי תודה והוקרה על נדיבות־ליבם של התורמים הנכבדים — צאצאי משפחות ברויטמן וזיגלבוים מקאראקאס (ונצואלה) אשר תרומותיהם איפשרו לנו הוצאה לאור של "ספר קאפרשט".

התורמים : **טוניה ובוריס ברויטמן**
דוריטה (דבורה) ישראל — ברויטמן
איזי זיגלבוים — הבן של חיים זיגלבוים ז"ל ומלכה
בניהם של וועלוועל זיגעלבוים ז"ל ושרה :
משה זיגלבוים
סוזא ואן־דאם־זיגלבוים
בוריס זיגלבוים
יצחק ומרים זיגלבוים
משה ובטי ברויטמן

Para Boris (Berl) Broitman,

La organizacion de emigrantes de Kapresht su Presidencia y sus miembros le agradecen por su contribucion, en tiempo y dinero, invertida en la recoleccion de donaciones para la publicacion del. "LIBRO DE KAPRESHT" y por lo tanto su nombre sera bendito y recordado en nuestros corazones junto con el recuerdo de Kapresht, nuestro lugar de origen.

La organizacion de emigrantes de Kapresht, su presidencia sus miembros, desean expresar sus sentimientos de agradecimiento y reconocimiento por sus contribuciones, las cuales hicieron posible la publicacion del "Libro de Kapresht".

Para los honorables donadores :
Sonia y Boris Broitman
Dorita (Dvora) Yisrael-Broitman
Izy Zighelboim, hijo Jaim Zighelboim (Z'L)
Los hijos de Velvel Zighelboim (Z'L) :
Moshe Zighelboim
Susa Van Dam-Zighelboim
Boris Zighelboim
Izjoc y Miriam Zighelboim
Moshe y Betty Broitman



בוריס (ברל) ברויטמן ורעייתו סוניה

מרדכי רישפי (פייערמאן), עו"ד ברוך (באַריא) יאנאָוויטש

די פאמיליע ברויטמאן

צווישן די חשובע און פיינע באלעבאטים אין קאפרעשט, איז געווען ל י י ב ברויטמאן, וואָס איז געווען באקאנט מיטן נאָמען לייב מריימ׳ס. ער איז געבוירן געוואָרן אין א דאָרף לעבן אוריוו און האָט חתונה געהאָט קיין קאפרעשט מיט מ ר י י ם יאנאָוויטש, וועלכע האָט געשטאמט פון דער מיוחסדיקער פאמיליע יאנאָוויטש. ער האָט אויפגעשטעלט א שיינע מישפחה און געפירט א באלעבאטיש לעבן.

אין יאָר 1918, ווען ס׳האָט אין אייראָפא געבושעוועט די "היספאנקע" (גריפע) — קראנקהייט, איז צווישן אנדערע אויך אויסגעכאפט געוואָרן לייב מריימ׳ס און איבער־געלאָזט א יונגע אלמנה מיט 4 קליינע קינדער.

כאָטש זי איז געבליבן אָן עקזיסטענץ־מיטלען, האָט מריים זיך נישט פארלוירן. זי האָט פארקויפט קאליך און האָט געטון אלעס מעגליכע כדי די קינדער זאָלן באקומען א גוטע דערציונג און האָט זיי געגעבן לערנען אין די בעסטע "חדרים" פון שטעטל. מריים ברויטמאן איז געשטאָרבן ט"ו בשבט תש"ב (2.2.1942).

די טאָכטער ש ר ה האָט חתונה געהאָט מיט אייזיק, דער זון פון שלמה אָקשטיין. זיי זענען ארויגעשיקט געוואָרן, דורך די סאָוויעטן, קיין סיביר און דאָרט איז שרה אומגעקומען. דער מאן, אייזיק, איז באפרייט געוואָרן און איז געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ



עם ראש הממשלה גולדה מאיר
מצד שמאל משה ברויטמן ומצד ימין — רעייתו בעטי

אין 1966 יאָר. אויך זייער זון ליאָווא אָקשטיין איז געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ אין 1977. זייער טאָכטער, חנה, איז עולה געווען קיין ישראל מיט איר מאן שמעון, פיני קאפראָוו׳ס זון.

דער עלטסטער זון יענקל איז געשטאָרבן אין טשילע. זיין פרוי, זינא, פון דער בעלצער פאמיליע צעפלמאן, איז דערהרגעט געוואָרן אין בעלץ דורך די רומעניש־נאצישע מערדער. זייערע צוויי קינדער זענען פארלוירן געוואָרן בעת די וואנדערונגען אין די רוסישע סטעפעס.

משה ברויטמן, דער מיזינעק פון דער מישפחה, האָט זיך אויסגעצייכנט אלס טאלאנטפולער בחור און זיך אקטיוו באטייליקט אין קאפּרעשטער דראמאטישן קרייז. ער האָט געמאכט הכשרה אין ״החלוץ״ און האָט געוואָרט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אָבער די טויערן פון ארץ־ישראל זענען געווען געשלאָסן דורך די ענגלענדער. ער האָט עמיגרירט קיין טשילע און דאָרט געוווינט אין משך פון יאָרן. ער האָט מיט זיך מיט־געבראכט דעם גייסט פון ״החלוץ״ און, זייענדיק טעטיק פאר ישראל, פלעגט ער ארויסטרעטן מיט רעפעראטן וועגן ציוניזם.

ער איז געווען דער גרינדער פון בעסאראבער פאריין אין טשילע און, אין משך פון יאָרן, געווען סעקרעטאר און אויך פרעזידענט פון דעם פאריין. נישט איינמאָל איז ער ארויסגעטרעטן צוזאמען מיט יעקוב צור, בעת ער איז געווען דער אמבאסאדאָר פון ישראל אין ארגענטינא. זייענדיק איינער פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאפטלעכע טוער אין טשילע, האָט ער זיך באגעגנט און אויפגענומען פראָמינענטע פערזענליכקייטן פון ישראל, צווישן זיי אויך גולדה מאיר — פרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל.

משה ווערט גערעכנט אלס איינער פון די רייכספארביקע, גוטהארציקע בעסאראבער געזעלשאפטליכע טוער. צום באדויערן, האָט ער געמוזט, צוליב געזונטצושטאנד, איבער־פאָרן קיין ווענעצועלא און אויפגעבן זיין באטייליקונג אין אלע געביטן, ווו ער האָט זיך אזוי הארציק באטייליקט.

משה און זיין פרוי בעטי האָבן אנ׳אויסגעגעבענע טאָכטער און א זון — אנ׳אויגנדאָקטאָר.

אונדזער הייסער אָנהענגער פון ״ספר קאפרשט״ און איבערגעגעבענער פאָרשטייער אין דרום־אמעריקע, בערל ברויטמאן, איז אביסל קארג אָף ווערטער, ווען סע רעדט זיך וועגן זיין פערזענליכקייט. דאָך איז אונדז געלונגען ארויסצופרעסן אייניקע פרטים וועגן זייניקע און וועגן זיין טעטיקייט.

אין יאָר 1927, אלס יונגער בחור, האָט ער עמיגרירט קיין פערו, אדאנק דעם וואָס זיין חבר וועלוועל זיגעלבוים האָט אים ארויגעשיקט א שיפס־קארטע. אין 1930 איז ער צוריקגעקומען קיין קאפרעשט און אין 1933 חתונה געהאט מיט סאָניא אָדעסקאיא פון קעשענעוו. געוווינט א שטיקל צייט אין קאפרעשט און צוריקגעפאָרן קיין פערו מיט א מיידאלע פון 6 חודשים. מיט דער צייט, איז ער אריבערגעפאָרן קיין טשילע, ווו ער האָט געוווינט 3 יאָר, געהאָט א פאבריק און... זיך גוט געמוטשעט. אין 1940 זיך איבערגעפירט קיין קאראקאס — ווענעצועלא, ווו ער וווינט שוין 40 יאָר.

בערל ברויטמאַן ווערט גערעכנט אלס איינער פון די באוווסטע כלל־טוער אפן ידישן געביט אין קאראקאס, נעמענדיק אָנטייל אין יעדער אקציע וואָס שמעקט מיט ידישקייט. ער איז רעליגיעז געשטימט און האָט געהאָלפן צוזאמענשטעלן דעם ערשטן מנין, זייענדיק אויך א שליח־ציבור.

אין דער צייט פון אייראָפעישן ידישן אומקום, האָט ער געהאָלפן זאמלען פאר די געהעריקע הילפס־פאָנדן. אין יאָר 1948, ווען די אראבער זענען באפאלן ישראל, איז ער געווען צווישן די וועלכע האָבן הויך געטראָגן די ידישע פאָן אין ניו־יאָרק און אויך זיך באטייליקט דאָרט אין דער שימחה ווען די מדינה איז אנערקענט געוואָרן אין נאָוועמבער 1947. אין משך פון אלע יאָרן געארבעט וועגן קרן־הקיימת, קרן־היסוד און באָנדס.

בערל ברויטמאַן האָט געהאלפן גרינדען די "הערצל־ביאליק" — שול. ער איז היינט צו טאָג דירעקטאָר און דער פאָרשטייער פון דער סאָציאלער הילף אין דער ידישער קהילה; אויך דער איניציאַטאָר פון "בית־אבות" וואָס מע גייט בויען.

בערל ברויטמאַנס פאמיליע באשטייט:

זיין פרוי ס אָ נ י א — אַן אשת־חיל, וועלכע העלפט מיט איר מאַן אין זיין געזעלשאַפטליכער טעטיקייט.

צוויי טעכטער: ד אַ ר י ט א און ל י ד י א, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט פּרעכטיקע ידישע יונגעלייט:

דער עלטסטער איידעם — ד ו ו י ד א י ז ר א י ל — א טיף־רעליגיעזער, איז פרעזידענט פון "באַ״דס פאַר ישראל", ווו עס ווערן פארקויפט יערליך פאר 3 מיליאָן דאָלאר. ער איז באקאנט אין די הויכע ספערן אין ישראל, ווו ער איז אַן אָפטער גאַסט.



סוניה ובוריס ברויטמן עם הילדים והנכדים

דער צווייטער אידעם — כאַסע (יוסף) קוטשער — שוועסטערקינד פון הרב מיימון ז״ל, אין טעטיק אין דער קהילה און איז פּרעזידענט פון בענעפיסענסיא פון סאָציאַלן לעבן אין קאַראַקאַס.

סע איז צו באַצייכענען, אַז אַלע 7 אייניקלעך רעדן אַ פּערפעקטן עברית און אייניקע פון זיי לערנען אין אוניווערזיטעט אין ישראל.

פאַר אונדז, קאַפּרעשטער לאַנדסלייט, האָט בערל ברויטמאַן אויסגעפולט אַ באַזונדער וויכטיקע שליחות צום אַרויסגעבן אונדזער ״ספר קאַפּרעשט״. דאָס דערשיינען פון בוך איז דערמעגליכט געוואָרן אַדאַנק די וויכטיקע סומע, וואָס ער, זיין טאָכטער און משה האָבן געשפּענדעט; באַזונדערס — ווירקענדיק אַף רב שמואל זיגעלבוים׳ס אייניקלעך זיי זאָלן ביישטייערן פינאַנציעל צום דערשיינען פון בוך.

☆

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן בערל ברויטמאַן אַלס מענטש און ייד, ברענגען מיר דאָ אייניקע ציטאַטן פון זיינער אַ רעדע, געהאַלטן געוואָרן אין 24־טן יוני 1979, אין קולטור־צענטער ״שלום עליכם״ קאַראַקאַס, איבער דער נויטווענדיקייט פון אַ ״בית־אבות״.

☆

״איך שטאַם פון אַ קליין שטעטאַלע קאַפּרעשט, פון דער פעטער בעסאַראַביע. איך בין אַ ייד, וואָס מע קען זאָגן — ״פון אַ גאַנץ יאָר״. איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר רעליגיע; אַ ציוני — זינט איך בין צו מיין שכל געקומען; און ווען מע טשעפּעט אַ יידן, אין וועלכן סע איז ווינקל פון דער וועלט, טוט מיר ווי פונקט ווי מע טשעפּעט מיך. צופיל מיט מיין קולטורעלן באַגאַזש — קען איך מיך נישט איבערנעמען. טיבות זענען דאָ נישט נויטיק. וואָס שייך אין דער סביבה, ווו איך ווין, האָב איך אַלעמאָל מיט עפּעס צוגעהאָלפן: שיל, שולע, קרן־היסוד, קרן־קיימת, באַנדס און אַ קליין מיצווה׳לע פון אַ גמילות־חסד — אויך אַריינגעכאַפּט אַמאָל. וואָס שייך מיין ביישטייער אין מאַטעריעלן וועג, ווייזט זיך מיר אויס, אַז אייניקע מאָל האָב איך מיר דערלויבט מער ווי מיינע מעגליכקייטן און, ברוך השם, איך האָב קיין דערלויבעניש פון מיינע קינדער נישט געדאַרפט. איך וואָלט — נאָך בא מיין עלטער, מיט מיינע אויגן — געוואָלט זען פאַרווירקלעכט מיין גרעסטן ווונטש — אַ בית־אבות. עס ווייזט מיר אויס, אַז איך בין באַרופן צו דערדאָזיקער שליחות. — — —

— — — גאָט האט אונדז מזכה געווען מיט דער ירושה, וואָס מיר האָבן פון אונדזערע עלטערן געירשנט די מידות טובות פון מיטפילן די נויטבאַדערפטיקע און פאַרקערפּערט אין אונדז דעם געפיל פון אהבת־ישראל; אויך דער פונק פון ירושה טוט מיך באַגלייטן... — — —

— — — קיינער פון אונדז ווייסט נישט וויאַזוי די עלטער וועט זיך אויף אונדז אָפּרופן; קיינער פון אונדז איז נישט זיכער און באַוואָרנט מיט

דער דערפּאָלגרייכער מיטואַציע, וואָס מיר באַזיצן היינט; און איך וואָלט אפילו פאַר די בעסטע קינדער נישט געשווירן, אַז זיי וועלן שטענדיק אָפּהיטן דעם פינפטן געבאָט "כבד את אביך ואת אימך". און מיינען מיין איך דווקא די, וואָס זענען היינט מאַטעריעל גוט פאַרזאָרגט. דערלויבט מיר, מיינע פריינט, אייך צו פרעגן: ווער וועט זאָרגן פאַר די דורכגעפאַלענע, פאַר די עלנטע, פאַר די אַנטוישטע, פאַר די קראַנקע און צעבראָכענע — ווען די גראָע עלטער באַזעצט זיך מיטאַמאָל; ווען מ'איז עקאַנאָמיש און פיזיש צעבראָכן אָן א היים, אָן א פריינט און, אייניקע מאָל, אָן א קינד, חלילה? — — — און ווען אפילו די אייגענע קינדער, אַזוי צו זאָגן, וועלן ווערן גלייכגילטיק צו זייערע עלטערן, צו זייערע טאַטעס און מאַמעס? — און צי זענט איר אַזוי נאַאיוו צו דענקען, אַז אייערע קינדער — די היינטיקע יוגנט — וועלן פאַר אייך טון דאָס וואָס איר טוט פאַר זיי? — — —

— — — איר, די מזלדיקע, וואָס דער אויבערשטער האָט אייך דערהויבן צו רייכטום און גלאַנץ; איר, וואָס אַסאַך פון אייך האָבן זוכה געווען צו געפונען חן ביי שרים און מלכים — פאַרגעסט נישט אין די עלנטע! נוצט אויס אייער איינפלוס, יעדער אויף זיין שטייגער. אַלעס, וואָס מיר טוען, אַלעס וואָס מיר שאַפן איז וויכטיק און נויטיק; אָבער דאָס נויטיקסטע פון דעם נויטיקסטן איז א וואַרימע היים — א בית־אבות. — — — א בית־אבות מוז געבויט ווערן אויסער דער שטאָט, אין א באַוואַקסענער געגנט, מיט פרייער און פרישער לופט, ריינע לופט פאַר די שוואַכע לונגען פון די עלטערע מענטשן. איך ווינטש א פלאַץ אויף צו פאַריינגערן זייערע יאָרן, פאַרשענערן און פאַרבעסערן זייערע אַלטע יאָרן. — — —

איר מוזט פאַרשטיין, אַז אונדזערע לאָקאַלע ענינים מוזן דורך אונדז אַליין געלייזט ווערן. קיינער פון דרויסן וועט פאַר זיי נישט זאָרגן; מיר מוזן, מיט אונדזערע אייגענע כוחות, אַלעס אַליין דעראָבערן. ווייל א בית־אבות איז פאַר אונדזערע אייגענע עלנטע, פאַר אונדזערע אייגענע נויטבאַדערפטיקע, פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. — — —

— — — קיין שענערן כבוד, ווי צו קענען דינען די נויטבאַדערפטיקע האָב איך מערער — בא מיין עלטער — נישט געקענט ווינטשן. — — —



חיים ז"ל ומלכה זיגלבוים

בערל ברויטמאן (קאראקאס — ווענעצועלא)

ביאגראַפישע שטריכן פון די זיגעלבוימס

רב שמואל זיגעלבוים איז געווען באקאנט אין קאפרעשט אלס "א ייד — א בן־תורה". אסאך יאָרן געווען שליח־ציבור אין דער "דייטשישער שול", ווי אויך א בעל־קורא.

די פאמיליע זיגעלבוים האָט געוווינט אין א שיינער שטוב, הינטער דער "נייער גאס". אז'אנק דער ליבנסווירדיקער באלעבאָסטע האָט אין שטוב געהערשט א ווארימע, גאסטפריינטלעכע אטמאָספערע; חברים, וועלכע זענען געקומען אָפט צו די קינדער, האָבן זיך באלד געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים.

חוץ די עלטערן איז די משפחה באשטאנען פון 3 טעכטער און 3 זון:

ר א צ ע — האט חתונה געהאָט מיט מאיר פיכמאן פון קובילניע. זיי האָבן עמיגרירט קיין קאָלומביא. וווינען איצט אין קאראקאס.

ח נ ה — וווינט היינט צו טאג אין לימא — פערו, צוזאמען מיט איר מאן ברוך טרייסטמאן פון סאַראַקאַ.

ש ר ה — איז געווען זער טאלענטירט און פיל בייגעטראָגן אין דראמאטישן קרייז, אונטער דער רעזשי פון וועלוועל סקלאדמאן און, דערנאָך, באַריא יאנאָוויטש. זי האָט חתונה געהאָט מיט איציק באלאגור פון אוריוו און זענען ארויסגעפאָרן קיין קאָלומביא. שרה איז געשטאָרבן אין 1976.

דער עלטסטער זון איז געווען ל י י ב ו ש, וועלכער האָט געוווינט אין לימא — פערו. ער איז געווען א טיכטיקער כלל־טוער און זיך אָפגעגעבן מיט אלעמען וואָס אנבעלאנגט יידישקייט. לויט זיין איניציאטיווע איז געגרינדעט געוואָרן א ליי־און שפאָר־קאסע, וועלכער ער האָט געווידמעט פיל מי און צייט.

דער צווייטער זון ח י י ם — האָט אויסגעוואנדערט קיין ווענעצועלא און זיך באזעצט אין קאראקאס. ער איז געווען א דערפאָלגרייכער סוחר און פאבריקאנט. ער איז געווען א טיף איבערצייגטער נאציאָנאלער ייד און געטאָן פיל פאר כלל־ישראל און פאר ארץ־ישראל. אין זיינע אָפטע באזוכן אין ישראל, פלעגט ער זיך באגעגענען מיט פירנדע פערזענלעכקייטן פון דער מדינה. אין קאראקאס האָט ער געהאָלפן גרינדן די ערשטע אשכנזישע קהילה.

זיינע קינדער זענען היינט פון די באדייטנסטע פאבריקאנטן אין ווענעצועלא. דער זון א י ז י א האָט געשפענדעט א חשובע סומע וועגן "פאָנד פון ספר קאפרעשט" און דערמיט בייגעשטייערט צום ארויסגעבן פון בוך.

דער דריטער זון ו ו ע ל ו ו ע ל — איז, אין משך פון יאָרן, געווען דער לייטער פון קאפרעשטער דראמאטישן קרייז. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויף דער בינע מיט טאלאנטפולע ארויסטרעטונגען. ער האָט עמיגרירט קיין קאראקאס, וווּ ער האָט אנטוויקלט א פארצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער האט געשאפן די יידישע שולע "הרצל־ביאליק" אין וועלכער סע לערנען איבער 2000 קינדער. האָט אויך געגרינדעט א מקום־קדוש און אויך א בית־חיים. וועלוועל זיגעלבוים איז געשטאָרבן אין נאוועמבער 1978, נאָך א שלאָפקייט פון עטלעכע יאָר. זיינע זון מ ש ה און באַריס האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן ארויסצוגעבן דעם "ספר קאפרשט".

די זיגעלבוימס האָבן זער פיל בייגעטראָגן פאר עם־ישראל און ארץ־ישראל.



מישפחת פערעווערסקי (בלטימור, 18.7.1961)



מישפחת פערעווערסקי (בלטימור, 19.7.1953)



חווה "די ביינושקע" עם כול בני מישפחתה בארה"ב. בחתונת־הכסף איצקוביץ ואשתו מעני.



אברהם בראון (בעלאַצערקאָווסקי).



אברהם בראון (בעלאַצערקאָווסקי) — בנו של ברוך־חיים (ארה״ב).




בת־שבע ינוביץ ובני ביתה (סאן פאולו, ברזיל).



חיים קעלבערט — גיסו של ניורה איצקוביץ', מנהלו לשעבר של בית־הספר "תרבות" בקאפרשט.



יצחק ליבסטוג, אשתו אסתר ובתם חייה (מונטריאל, קנדה).




הארי (חיים הערש) איצקוביץ — בעת ביקורו בארץ.



וועלוועל ושרקע זיגעלבוים.



בית הכנסת הגדול בקאראקאס.



בית־הספר ״הערצל־ביאליק״ בקאראקאס.



װעלװעל זיגעלבױם
געבױרן 4.3.1901 — געשטאָרבן 6.11.1978

עו״ד ברוך (באַריא) יאַנאָוויטש — מרדכי רישפּי (פּייערמאַן)

וועלוועל און שרקע זיגעלבוים

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בר־מיצווה פון איר׳ס אנ׳אייניקל, איז שרקע זיגעלבוים (לייבזאָן) געקומען פון ווענעצועלא קיין ישראל, כדי צו פייערן — צוזאַמען מיט די עלטערן פון בעל־שימחה — די בר־מיצווה באַם כותל־המערבי. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן שרקע׳ס קומען אין לאַנד, האָבן מיר — עטלעכע מיטגלידער פון אונדזער קאָמיטעט אין תל־אביבער געגנט — זיך מיט איר באַגעגנט בא שיפרה שניידער (בורמאַן) אין שטוב. בא דער געלעגנהייט האָבן מיר דערציילט שרקען וועגן אונדזער טעטיקייט ארויסצוגעבן דעם ״ספר קאָפּרעשט״, און זי האָט אונדז דערציילט וועגן איר און איר מאַנ׳ס פאַמיליע.

איר פאָטער, בערל לייבזאָן — אָדער ווי מע פלעגט אים רופן ״בערל עזריאל׳ס״ — אין געווען א געבוירענער א קאָפּרעשטער און זיין פרוי האָט געהייסן — הינדע. בערל איז געווען א פאַרמעגלעכער ייד; געהאַט הייזער צו פאַרדינגען און זיין ״ליאַדאָווניע״ (אייז־קעלער) איז געווען פון די ערשטע און גרעסטע אין שטעטל.

בערל און הינדע האָבן געהאַט 4 טעכטער: פּערל, שרקע, העניע און חייה.

פּערל האָט חתונה געהאַט מיט ברוך וועקסלער פון קאָבילניע. זי איז געשטאָרבן אין הרצליה (ישראל) אין 1979 יאָר.

העניע האָט חתונה געהאַט אין עקוואַדאָר. וווינט איצט אין ישראל (גבעתיים). פּרטים וועגן חייה האָבן מיר נישט.

שרקע האָט חתונה געהאַט מיט וועלוועל זיגעלבוים אין 1923, אין לימא (פּערו).

וועגן זייער קומען קיין דרום־אַמעריקע האָט שרקע אסאַך צו דערציילן.

נישט קענענדיק פאַרטראָגן די באַדינגונגען אין רומענישן מיליטער און די אנטי־סעמיטישע באַציונג צו יידן, איז וועלוועל אוועק קיין פּערו, צוזאַמען מיט זיין ברודער לייבוש. מיט א פּאָר יאָר שפּעטער איז שרקע נאָכגעקומען צו אים.

די באַדינגונגען אין לימא זענען געווען זער שווערע. דאָ האָבן געוווינט דאַמאָלס בסך הכול 15 יידישע פאַמיליעס, נישא־אָרגאַניזירטע. וועלוועל איז געווען דער, וואָס האָט געזאָרגט, אז מע זאָל ברענגען א ספר־תורה פון ארגענטינע. מיט דער צייט, האָט דער יידישער יישוב אין לימא געוואַקסן און מיט דעם האָט זיך פאַרברייטערט אויך זיגעלבוימ׳ס געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע טעטיקייט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון א יידישער נאָכמיטאָג־שולע. אויך איז ער געווען דער איניציאַטאָר פון אויפשטעלן א שיל אין לימא.

נאָך א קורצער צייט וווינען אין עקוואַדאָר, האָבן זיי זיך באַזעצט אין קאַראַקאַס — ווענעצועלא (אין 1934 יאָר). דאָ האָט ער באַלד פאַרנומען א וויכטיקן פּלאַץ אין געזעלשאַפטליכן לעבן. אין יאָר 1946 האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע, אויפגעשטעלט די ״הערצל־ביאַליק״ — שולע, וווּ סע לערנען זיך היינט צו טאָג איבער 2000 קינדער. אין יאָר 1953 האָט ער געגרינדעט א גרויסע שיל, וועלכע דינט אלס גרויסער קולטור־צענטער אין קאַראַקאַס.

אין יאָר 1956 האָט דער פּרעזידענט פון ווענעצועלאַ באַשאָנקען וועלוועל זיגעלבוים מיט אַן אויסצייכענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר ווענעצועלאַ און פאַר די גוטע באַציִונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין זיינע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען.

וועלוועל און שרקע האָבן געבוירן 7 קינדער, וועלכע פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטליכן געביט.

קאַפּרעשטער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין דרום־אַמעריקע, האָבן אין וועלוועל זיגלבוים געפונען אַ ווירקליקע זאָרג און הילף. אויך האָט ער נישט איינמאָל געהאָלפן אונדזער אירגון. זיינע קינדער גייען אויך אויף דעם וועג און האָבן געשפּענדעט צום אַרויסגעבן אונדזער בוך.

באַריאַ יאַנאָוויטש — מרדכי רישפּי

יצחק און מרים זיגעלבוים

אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָבן מיר באַקומען אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון פריינט אַלעקסאַנדער מייליכסאָן — אַ גרויסער סימפּאַטיקער פון "ספר קאַפּרעשט" — אַז יצחק זיגעלבוים און זיין פרוי מרים, פון קאַראַקאַס, זענען אין ישראל און האָבן אויסגעדרוקט זייער ווונטש זיך צו באַגעגענען מיט פאָרשטייער פון אונדזער אירגון.

קומענדיק אין האָטעל "הילטאָן", תל־אביב, האָבן מיר געמאַכט קענטשאַפט מיט יצחק און מרים און באַלד באַקומען אַ זייער גוטן איינדרוק פון זייער היימישער, האַרציקער באַציִונג צו אונדז. מיר האָבן זיי איינגעלאַדן צו אַ זיצונג פון קאָמיטעט, בײַ שיפרה שניידער (בורמאַן), וואָס האָט אַ "שם" מיט איר גאַסטפריינטשאַפט.

בײַ דער זיצונג האָט יצחק אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַר אַרויסגעבן דעם "ספר קאַפּרעשט". אַלס פּראַקטישער כלל־טוער, האָט ער אונדז געגעבן אייניקע עצות וויאַזוי צו לייזן עטלעכע נישט־לייכטע פּראָבלעמען פון אונדזער טעטיקייט, פאַר וועלכע מיר זענען אים דאַנקבאַר אַלעמאָל ווען מיר שטויסן זיך אָן אין זיי.

לויט דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון פריינט באָריס ברויטמאַן, שטאַמט יצחק פון דער פאַמיליע זיגלבוים, זיין פאָטער איז געווען רב שמואל זיגעלבוים'ס ברודער. ער האָט געוווינט אין פּערעוואָל־קאָרנעשט און, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנגעקומען קיין קאַראַקאַס צוזאַמען מיט דער פרוי מרים און מיט צוויי קליינע קינדער.

ניש קוקענדיק אויף זיין שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס יעדער עמיגראַנט מאַכט דורך, האָט יצחק תיכף אַרויסגעוויזן זיין פאַרבונדנקייט צו אונדזער פאָלק און זיך אידענטיפיצירט מיט אַלעמען, וואָס האָט אַ שייכות צו ייִדישקייט. היינט צו טאָג איז ער איינער פון די דערפאָלגרייכסטע סוחרים און ציט דעם פאָדים פון די בעסאַראַבער ייִדישע גבירים, וועלכע פּלעגן נישט לעבן נאָר פאַר זיך אַליין און אויך מיגעפּילט די נויטבאַדערפטיקע.

יצחק זיגעלבוים איז טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן אין ייִדישן געזעלשאַפטליכן לעבן אין קאַראַקאַס. ער איז וויצע־פּרעזידענט פון דער אַשכנזישער קהילה און אויך וויצע־פּרעזידענט פון קאָמיטעט צו בויען דעם "בית־אבות".

כאָטש ער אליין שטאמט נישט פון קאפרעשט, האָט יצחק נישט נאָר זיך ווארים אָפגערופן וועגן "ספר קאפרעשט", נאָר אויך מיטגעהאָלפן פריינט באָריס ברויטמאן צו זאמלען פאר דעם פאנד ארויסצוגעבן דאָס בוך. פאר דעם אלעמען זענען מיר, אים און זיין פרוי, גאָר דאנקבאר.

● ☆ ●

ישראל וציפורה רשף

מזיכרונותיה של דודה ברטה איצקוביץ

בעת ביקורנו בלוס־אנג׳לס, ניסינו לתהות על קנקנה של דודתנו ברטה בת ה־81 — מה זכור לה על קאפרשט מתקופת הילדות שלה. הראיון נמשך, בהפסקות, ימים מיספר ומדי־פעם העלתה עניינים שונים, אשר נזכרה בהם תוך כדי שיחה ולאחר מכן. כאשר חזרנו ארצה הכנסנו סדר בחומר הרשום והמוקלט; והרי הראיון לפניכם — מזכרת לעיירתנו כפי שנראתה בראשית המאה.

בימים ההם . . .

— "רצונכם, ילדים, לדעת מה התרחש בקאפרשט לפני הרבה שנים? עליכם לזכור שהרבה מים זרמו מאז בריאוט. ובכן, אנסה.

קאפרשט בזמנכם לא הייתה כרך גדול, בזמני היא הייתה עוד יותר קטנה. חשמל לא היה שם וגם לא מידרכות. בימי־החורף היה שם בוץ נורא, ואני זוכרת שהיו נושאים אותי על הגב למען לא אשקע בבוץ. אני זוכרת את הריאוט. היה שם סלע קרוב למים, עליו היו הנשים מכבסות ואחר־כך היו פורשות את הכבסים על העשב או על הסלעים לייבוש. מתחת אחד הסלעים היה מפל חלש ומשם קיבלנו מים לשתייה. היו בעיירה הרבה עיזים שקפצו על הגגות ואכלו מן הקש.

יהודים חיו בשלום עם לא־יהודים. הכומר של הכפר היה ידיד שלנו וצבט לנו בחיבה על הלחי. ביום שוק אחד חדר ברק לתוך בית והרס אותו. בעל־הבית נפגע והתפחם.

גרנו על יד בית־הכנסת הגדול. שם נערכו החתונות. אני זוכרת שהיינו מטפסות על הגדר, שהייתה שם, כדי לראות את החתן והכלה מתחת לחופה. כאשר נודע הדבר לאבא הוא כעס מאוד, אבל אימא הצדיקה אותנו.

סבא שלי, מוטיל דרנבוים, היה חייט. הוא היה בין הראשונים שהיגיעו למקום. הוא הפר שוחה, לא הרחק מבית־הקברות (הערה: מאוחר יותר הוקם שם ביתו של ברוך־משה כ"ץ). סבתא שלי מתה בגיל צעיר. סבא היה נוסע לעיתים קרובות לאוריוו, שם חיו בני מישפחתה של סבתא. באחד הימים, כאשר נפגש עם ידידו איצקוביץ — אבא של אבי — הם הסכימו ביניהם לשדך את חווה בת ה־11 עם ביינוש בן ה־12; והזוג לעתיד אפילו לא הכירו זה את זו. המחותנים אישרו את ההסכם בתקיעת־כף וסבא מוטיל נתן לחתן שעון עם שרשרת. באחד הביקורים של החתן ביינוש אצל כלתו לעתיד, הם שיחקו באגוזים ופרצה ביניהם מריבה. החתן משך לכלה בצמותיה, ולקול צעקותיה בא סבא מוטיל, השכיב את החתן על ברכו והצליף לו, שיידע . . .

אחרי הנישואין גרו הוריי בבית הסמוך לבית־הכנסת הגדול. זה היה בית קלוע מענפים, אשר חיזקו אותם בחימר מעורב בתבן, ומטוייח מבית ומחוץ. כל שבוע היינו מטייחת את הריצפה לקראת שבת. היינו 5 ילדים (הילד הבכור נחנק בשעת ההנקה): יוסף־לייב, חיים־הערש, רוזה, אנוכי וחנה־רחל אימכם. נוסף לכך אימצה אימא ילדה בשם רחל. אימה של הילדה מתה בלדתה אותה (ילד שביעי במישפחה). התינוקת נמסרה לטיפולה של נזירה, אולם זו התייחסה אליה ברישעות. דודו של אבינו הביא את התינוקת לאימא וזו היניקה אותה יחד עם אימא שלכם. מאז נקראה אימא שלכם בשם "חנה" בלבד, כדי שלא יהיו באותה מישפחה שני שמות "רחל".



חווה דרנבוים־איצקוביץ ז"ל



ברטה בראווין (איצקוביץ) ז"ל

אבא שלי היה צורף ופחח. הוא היה נוסע הרבה בכפרים, שם היה עוסק בשיפוץ גגות על מיסגדים, איקונין של כנסיות ועוד עבודות מסוג זה. אבא האמין כי הכמרים, בהיותם אנשים דתיים, לא יקפחוהו בשכר; אולם לא־פעם היה חוזר בסוף השבוע בלא פרוטה. פעם הזדמנה לו עבודה שצריך היה לסיים אותה בדחיפות. הוא שהה שם 3 חודשים ורק באמצעותו של הכומר, הידיד שלנו, נודע לנו שהוא קיים. הכמרים דיברו, לא־פעם, על ליבו שיתנצר ואז יעשירו אותו עושר רב. הוא החליט להפסיק לנסוע אל הכפרים. הוא חלה ומת בגיל צעיר, בהשאירו את אימא אלמנה עם 6 ילדים רכים, אשר כדי לפרנס אותם מכרה לחם שאפתה.

אנחנו, הילדים, אהבנו מאוד את אימא, יותר מאשר את אבא. השתדלנו לעזור לה כמה שאפשר, מכיוון שחייה היו קשים מאוד. למרות זאת, היא הסתפקה במועט והייתה שמחה בחלקה. היא הייתה אומרת: "אם אני יכולה לעמוד על הרגליים — זה כבר טוב!" למרות שהייתה בעצמהענייה, היא הייתה עוברת, בכול יום שישי, בעיירה

ואוספת חלות ונרות לשבת בשביל עניים. היא הייתה עוזרת לחולים ומביאה להם תבשילים מיוחדים. הכול העריצו אותה כצדקת.

אחותי חנה מתחתנת

אני זוכרת את אימא שלכם, אחותי חנה, כנערה יפת־תואר. יום אחד, לאחר שחזרה מחתונה בוואד־ראשקוב, היא סיפרה שהיכירה שם בחור בשם אהרון פייארמן. הוא ביקש להיפגש איתה, אולם היא דחתה אותו. כעבור ימים אחדים, ביום שוק, כאשר עמדה על יד אחיה יוסף, אשר מכר כלי־בית מפח, מעשי־ידיו, הופיע אהרון. הוא אמר לה כי התאהב בה ורוצה לשאתה לאישה. חנה סיפרה זאת לאימא. אהרון חזר לוואד־ראשקוב והביא את אימו בריינה־לאה כי תראה גם היא את בחירת־ליבו. חנה מצאה חן בעיני אימו והיא היציעה כי בשבוע הקרוב יכתבו "תנאים". אימא שלנו, חווה, שאלה: "מה החיפזון?" התשובה הייתה: "אני רוצה להיות בטוחה שלא יחטפו אותה". אימא טענה שאין לה כסף לנדוניה, אז הוציאה בריינה־לאה מאה רובל: "את סכום הזה אני מבקשת לרשום ב"תנאים" שזוהי הנדונייה, שאת נותנת לחנה".

החתונה הייתה יפה מאוד. בשנת 1904, חודשים מיספר לאחר החתונה, נסענו לאמריקה. דודנו שמעון מאוריוו הוציא את אחינו יוסף־לייב לארה"ב, וכעבור זמן־מה אחי הוציא אותנו לשם. חנה לא הצטרפה, מכיוון שאביכם לא רצה להינתק מבני־המישפחה שלו.

אנו באמריקה

בראשית צעדינו בארה"ב היה לנו קשה מאוד; היה יותר עצוב מאשר בקאפרשט. אבל אימנו קיבלה הכול באהבה וראתה רק את הצד היפה בחיים. היא מתה בגיל 81. לפני מותה היא אמרה: "באתי לעולם הזה בחוסר־כול; עכשיו שיש לי ילדים ונכדים אהובים, אני מאושרת". היא ביקשה לפתוח את החלון, השעינה ראשה על יוסף (גו') וכך נרדמה לנצח. הייתי אז בת 16.

התחלתי לעבוד בגיל צעיר ולא הייתה לי אפשרות ללמוד. רק מאוחר יותר, כאשר הייתי פעילה ביוניון, התחלתי להשתלם בלימודים. חינכתי את ילדיי שיהיו אנשים ישרים ויעזרו לזולת. לא הסכמתי שדבורה (בי) בתי תעבוד בבית־המישפט, מכיוון שבאים שמה כל מיני פושעים.

הערה:

דודה ברטה האמינה בגילגול־נשמות. היא חלמה, כול השנים, שעוד תחזור לחיות בעיירה הקטנה קאפרשט, שם תוכל להתרחץ בריאוּת. אם עכשיו נבצר ממנה הדבר, לפחות חשוב שנשמתה תזכה לחזור לקאפרשט, מכיוון ששם החיים פשוטים ולא ברעש וחיפזון — כמו באמריקה. היא הייתה בטוחה כי דברים, עליהם חולמים בחיים, מן הדין שיתגשמו לאחר המוות.

תהא מנוחתה עדן.

✡

ברוך (באַריא) יאנאָוויטש

קאפרעשטער — אוועק קיין אמעריקע

קאפרעשטער ידן זענען צעזייט און צושפּרייט איבער דער גאָרער וועלט; ספּעציעל אין צפון און דרום אמעריקע.

די גענויע דאטן, ווען קאפרעשטער ידן זענען אָנגעקומען קיין אמעריקע, איז נישט מעגליך פעסטצושטעלן; אָבער לויט די ידיעות, וואָס כ׳האָב באקומען, האָבן די ערשטע קאפרעשטער ידן עמיגרירט קיין אמעריקע ענדע 19־טן יאָרהונדערט און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט.

אמעריקע האָט געהאלטן ברייט אָפן אירע טויערן און מ׳האָט אריינגעלאָזט יעדן איינעם וועלכער איז צוגעקומען צו די ברעגן; מע האָט נאָר באדארפט דורכגיין א מעדיצינישע אונטערזוכונג.

נישט פאר ווילטאָג האָט מען פארלאָזט טאטע־מאמע און מישפּחה, אין קאפרעשט, און מע איז אוועק אליין אין דער פרעמד — וווהין סע האָט זיך געלאָזט: ווער קיין צפון און ווער קיין דרום.

פיל זענען די סיבות פון דער עמיגראציע.

אין צייטן פון עקאָנאָמישן קריזיס, זענען א טייל יונגע בחורים געקומען צו דער איבערצייגונג, אז פאר זיי איז נישטאָ, און סע וועט נישט זיין, קיין אויסזיכטן צו באקומען די נויטיקע עקאָנאָמישע און געזעלשאפטלעכע דערגרייכונגען. זיי האָבן פארלאָזט דאָס שטעטל מיטן געדאנק אָפּצושפּאָרן אביסל געלט און זיך צוריקקערן, נאָך עטלעכע יאָר, אין דער אלטער היים — צו דער סביבה און מישפּחה.

אייניקע זענען אוועק קיין אמעריקע כדי נישט צו דינען אין דער צארישער און שפּעטער — אין דער רומענישער ארמיי. א טייל האָבן געמוזט עמיגרירן, ווייל זיי האָבן געהאלטן בא אַנזעצן, אָדער זענען געקומען אין קאנפליקט מיט רעגירונגס־בעאמטע.

זעלבסטפארשטענדליך, אז יעדער עמיגראנט האָט צו דערציילן זיין ספּעציפישע געשיכטע וועגן זיין אויסוואנדערונג. אסאך אינדיווידועלע פּרטים, וועלכע האָבן געצווינגען מענטשן אויסצוואנדערן פון קאפרעשט, זענען מיר נישט באקאנט. וויל איך באשרייבן די סיבות וואָס האָבן געבראכט דערצו, אז מיין פעטער משה יאנאָוויטש — דער זון פון תנחום און קונציע, איז אוועק פון קאפרעשט.

☆

משה, א געבוירענער אין יאָר 1900, איז געווען דער מיזינעק צווישן 6 קינדער. אין 1918, ווען דאָס רומענישע מיליטער האָט פארנומען בעסאראביע, זענען אָנגעקומען קיין קאפרעשט די ערשטע רומענישע סאָלדאטן. זיי האָבן ארויסגערופן אלגעמיינע געלעכטערס צוליב די "פּאָסטאלעס", וואָס זיי האָבן געטראָגן אף די פיס אנשטאט מיליטערישע שיך. פּאָסטאלעס זענען געמאכט געוואָרן פון חזירישער פעל, אָן אָפּצאָסן

און אָן פּאַדעשוועס, נאָר ארומגעבינדן אַף די פיס מיט שנירלעך. פּאַסטאָלעס זענען געווען די שיך פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער רומענישער באַפעלקערונג.

קאַפּרעשטער לצים, דערזעענדיק די קבצנישע פּאַסטאָלעס, האָבן זיי זיך באַצויגן צו די סאָלדאַטן מיט גרינגשעצונג און שפּאָט. זיי פלעגן זיך אויסדרוקן: „די "ציגיינערס" זענען געקומען צו אונדז מיט פּאַסטאָלעס". אָט די אויסדרוקן האָבן דערגרייכט צו דער קאָמאַנדאַטור פון רומענישן מיליטער. קיין אנטיסעמיטישע געפילן, צו יידן, האָבן בא זיי נישט געפעלט; האָבן זיי זיך נוקם געווען אין דער באַפעלקערונג: ארעסטירט מענטשן אָן שום סיבה, פאַרבאָטן ארויסצוגיין אַף דער גאַס נאָך 7 אזייגער אויפדערנאַכט און אפילו דערשאָסן — אָן א פּאַרוואָס.

אין א באַנאַכט, איז דער אַכצן־יעריקער משה יאַנאָוויטש ארויסגענומען געוואָרן פון בעט און געבראַכט געוואָרן צום "שעף־דעפּאָסט" פון דער זשאַנדאַרמעריע. אין משך פון א גאַנצער נאַכט האָט מען אים געפּאָרשט און געצווינגען זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט זיך אויסגעדרוקט וועגן דער רומענישער אַרמיי: "זיי זענען אַריין צו אונדז מיט די פּאַסטאָלעס און זיי וועלן פון דאַנען אַנטלויפן באָרוועס". טראָצדעם וואָס ער איז געפּייניקט געוואָרן אָן אויפהער, האָט משה געלייקנט דאָס אַלעס. מע האָט אים געהאַלטן אין א פּייכטן און פינצטערן קעלער און צומאָרגנס געפירט אים צופיס פון איין קאָמאַנדאַטור צו דער צווייטער. יעדער שעף־דע־פּאָסט האָט געפּרוּווט, מיט אַלערליי אַכזריות־דיקע מיטלען, ארויסצובאַקומען בא משה׳ן אַז ער זאָל זיך מודה זיין; אָבער ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.



עומדים: ד"ר אברהם, מוריס (משה) ינוביץ, יצחק ליכטמן
יושבות: פרל — אשתו של ד"ר אברהם, הניה ינוביץ עם בתה בעטי ושרה ליכטמן

ווען משה עלקיס האָט זיך דערוויסט, אז זיין שוואָגער משה יאַנאָוויטש געפינט זיך ביים שעף־דע־פּאָסט אין א דאָרף נישט ווייט פון סאַראַקאַ, און סע ערוואַרטעט אים א מיליטערישער מישפּט, איז ער באלד געפאָרן צום שעף־דע־פּאָסט. ער האָט אים געבראכט עטלעכע פלעשער בראַנפן, געבראָטענע קאטשקעס און גאָלדענע פינעפערלעך. סוף־סוף האָט ער געפועלט, אז מ׳זאָל משה׳ן ארויסלאָזן באנאכט פון דער תפיסה. הייסן זאָל עס, אז עס איז אים געלונגען צו אנטלויפן. דער תנאי איז געווען, אז ער זאָל זיך נישט צוריקקערן קיין קאפּרעשט.

ביידע שוואגערס האָבן זיך באנאכט אומגעקערט קיין קאפּרעשט. מע האָט משה יאַנאָוויטש אויסבאהאלטן און אין א קורצער צייט ארום איז ער אוועק, צוזאמען מיט זיין שוועסטער שרה קיין אמעריקע. ער וווינט אין מיאַמי ביז היינט צוטאָג.

אפרים אויערבאך

הערי שעילפן (פראגמענטן)

וואָס איז א מענטש ?
און אז דער מענטש, וואָס איז א ייד, קומט פון קאָפּרעשט, —
וואָס איז ער ? א, וואָס איז ער ?
נעהייסן האָט ער הערשל. פשוט, הערשל פון קאָפּרעשט.
ס׳איז גוט צו הייסן הערשל, ווען פון איין זייט לויפן סטעפּעס
מיט ברויטן, דערפער, און מיט שניטערשען געזאנג,
און פון דער צווייטער זייט דער דניעסטער
ווי א שווארצער סאמעטענער גארטל.
און אז מע הייסט נאָך הערשל נטע חלפנ׳ס,
איז אודאי און אודאי גוט.
קאָפּרעשטער יידן ווייסן ווער ס׳איז נטע חלפן.
דער ערשטער חכפן איז געווען דער ערשטער אין קאָפּרעשט
און זיין מצבה איז שוין האלב פארזונקען אין דער ערד.

— — — —

די פנים׳ער בא יידן אין קאָפּרעשט
קוקן אָפן ווי דער הימל אין א תמוז־טאָג.
די אויגן זוכן נאָר א וואָלקן אפן הימל :
די ברויטן זאָלן אף די פעלדער ניט פאר׳שרפ׳ען.
די צווייטע וואָך אין חודש זוכן זיי דעם האלב־רונד
פון דער ליכטיקער לבנה.
און ווייטער זענען אויגן רואיק.
זוכן גאָרנישט.
די גאנצע וועלט איז אויסגעשפרייט פאר זיי מיט רחבות
און הינטער ד ע ר וועלט
איז דאָ אן אנדערע.
פארמאכסט די אויגן, עפנט זיך די וועלט די אנדערע
מיט ליכטיקע קאָלירן.
מיט זיידעס, עלטערזיידעס, מיט באָבעס, עלטערבאָבעס.

די גוים אפן ברעג קאַפּרעשט
וואָס וואוינען אין די ערדענע בורדייען
מיט הינט קודלאטע, גויעס רויכיקע רויכיקע
און לוזשעס פאר חזרים,
קומען אין די געסלאך יידישע
צו קלאפן זיך מיט שווערע פויסטן אין די ברוסטן
און וויינען שיכור, שעלטן די זשידאנעס, —
אז פרומע יידן זאָלן זיך דערמאָנען אינם גלות
און קצב־יונגען זאַלן זיי מיט העק פארטרייבן.
דעם זומערטאָג
עפנט אויף די טשערעדע
און פארמאכט אים מיט די פולע דאָינעצעס.
פּאַסעסאָרן אין די ברייטע לייוונטענע מאנטלען
שפּאנען רייטוועגעלאך און בריטשקעס
צו שטויבן וועגן און צו קוקן ווי די זאנגען
ווערן אָנגעפילט מיט קערנער,
פארנאכט אהיימצוקומען און זיך זעצן אף די גאניקעס
טרינקען טיי מיט זאנגענהערעלאך צעווישן פינגער.
— — — —
בא דער בריק, —
איידער נאָך דער ערשטער רויך
שליינגלט זיך פון א קאַפּרעשטער קוימען,
שטייען יידן מיט פארהארטעוועטע פּנים׳ער
און וואַרטן אפן גוי
צו קומען פונם דאָרף
מיט א זעקל ברויט,
מיט א ביסל רעטשקע,
מיט א צענדליק אייער
אין א ציצענער פאטשיילע מיט פאפּשוימעל.
אז הערשל, פשוט הערשל, הייסט אצינדערט הערי,
אז חלפן זיבן דורות הייסט אצינדערט שעילפן,
איז ווידער דאָך: וואָס איז ער? א, וואָס איז ער?
א מענטש אן אָפּגעריסענער.
א בוים, וואָס טריקנט אויס פון זיך דאָס לעצטע ביסל חיות.
— — — —
באוואקסן איז א מענטש מיט האָב און גוטס
ווי א קרעציקער מיט וואונדן.
דאָס וויב טראָגט שעילפן׳ס רייכקייט
מיט מידער איינגעשפּארטקייט.
די קינדער טאנצן דזשאז
און ווייסן נישט אז שעילפן האָט צעריסן
די זיבנדורותדיקע חלפן־קייט.

און אז זיי וואַלטן שוין געוואוסט:
זיי וואַלטן זיך געוואָרגן מיט דעם "כעס":
קאלפן. טשאלפן. אָבער חלפן, פשוט חלפן.
אז שעילפן קוקט אף זיינע קינדער,
דאכט זיך אים, אז פון די אויגן זייערע
ווײנט ארויס א גרויסער עלנט.
פארפרעמדטע קינדער.
פלייש פון זיין פלייש,
בלוט פון זיין בלוט,
זיי גייען אף דער וועלט אליין,
די גאס האָט זיך זיי איינגעגעסן אין די ביינער.
און פרעמד, פרעמד, פרעמד.
ווייל הינטער זיי קיינער נישט.
ווייל שעילפן האָט געבראכט זיי אף דער וועלט
און אָפּגעלאָזט.
די שטוב איז גאָר א טיר און שוועל,
א קרעטשמע אפן וועג פון גאס.
די בריק פון טאטן צו דעם זון
איז נאָר דער טשעק.
דער קוק פון קינד איז קאלט.
פארשלאָסן איז זיין הארץ.
דזשעיקעלע, דיין טאטע האָט געזאמלט אוצרות
און האָט פארלוירן דיך — א חלפן.
אָ, פאפ, אוי דאָנט אָנדערסטענד יו.
און דזשעיק הייבט אָן צוווארפן מיט די פיס
און פייפן שטיקער גאס.
און נעטי האָט דער באָבע ביינע'ס אויגן,
נאָר מיט קליינע שדים'לאך אין זיי.

גייט אוועק א מענטש פון הויז
און ווייסט אז קיינעם לאָזט ער נישט אין הויז.
קומט א מענטש צוריק אין הויז
און ווייסט אז קיינעם האָט ער נישט אין הויז.
ווייסט א מענטש
אז אפן וועג פון אָרטשארד סטריט צו ריווערסייד
האָט ער פארלוירן זיך
און ווייב און קינד.
פארלוירן דורות הינטער זיך
און דורות פאר זיך.

פילט א מענטש אז ווענט פון אייגן הויז
זענען זיינע שונאים.
זוכט א מענטש א ווארעם אויג

און אויגן שטעכן אים.
שרייט א מענטש צו זיך אליין :
גאָרנישט, קיינער וועט נישט הערן.
איך ווידער דאָך דאָס אייגענע :
א מענטש אן אָפּגעריסענער.
א בוים אָן וואָרצלען
און צווייגן — פרעמדע, דארע, שטעכעדיקע.
אז הערשל חלפן האָט געוואָלט,
האָט ער צוגעלייגט א הונדערט שינדלען אפן דאך.
פארקלאפט די שפאלטן.
די שטוב שטייט ווייטער.
פון קוימען דרייט זיך ווייטער דער שווארצער רויך
ארויף צום הימל —
קאָפּוּעשטער הימל.
און אז הערי שעילפן וויל,
בויט ער אויס א גאנצע שטאָט.
גאסן. עוועניוס. בולווארן.
שיקט ער מויערן ארויף צום הימל
צו לעסטערן זיין בקויקייט.
צו שניידן פאסנווייז זיין ברייטקייט.
איז הערי שעילפן. דאָך א כישופמאכער.
א וואָרט — א הויז.
א מורא אזש צו רעדן אז ווערטער בויען הייזער.
פון איינסן און פון נולן וואקסן שטעט.
אַ חשבון נאָך געמאכט —
מיט בלייפעדער אף פראָסט פאפיר.
אַ מוסיקל נאָר אונטערגעצויגן
און דינאמיט רייסט שטיינער.
מאשינען גראָבן און שפּייען אויס די ערד.
מאשינען רייבן שטיינדלאך אין ציינערדיקע בייכער
און ליידיקן זיך אויס מיט שיטערן צעמענט.
— — — —
איך נאָכאמאָל דאָס אייגענע :
וואָס איז א מענטש ?
פאפיר, בלייפעדער, איינסן, נולן.
א מענטש קאָן טרייבן מענטשן מיטן קוק.
א מענטש קאָן מיט דינאמיט דאָס הארץ פון בערג צערייסן.
באפעלן קאָן ער און פון טייכן מאכן טריקעניש
און טריקעניש צעשניידן מיט קאנאלן.
א מענטש דארף הייסן הערי שעילפן
און ויסן ווי אזוי אף פראָסט פאפיר
צו איינסן צוצושטעלן נולן.

איז וואָס זשע דארף א מענטש, וואָס ווערט דערשטיקט
אין יאָך פון הייזער ?
א מענטש דארף הייסן הערשל חלפן,
פשוט : הערשל פון קאַפּרעשט.
א מענטש דארף אומקערן זיך צוריק צו זיבן דורות חלפן
און שטעלן זיך מיט זיי :
דער אכטער חלפן.
און אז א מענטש האָט שטעט געבויט,
שטעט, וואָס מאכן פון אים חוזק,
שפּעטן אָפּ פון אים, זייער באשעפער, —
פארוואָס זאָל ער נישט בויען זיין קאַפּרעשט ?
פאר זיך אליין קאַפּרעשט ?
די שטיבלאך וועלן ווי אמאָל אף געסלאך רוען
און געסלאך וועלן גייען אין דער ווייט
צו סטעפּעס, צום דניעסטער. צום בית עלמין.
דער עמער וועט זיך הוידען איבער דער קערניצע
און שפּיגלען זיך אין קלאָרן וואסער.
די אלטע שיל וועט בייגן זיך צו בארג־אראָפּ
און שרעקן מיט איר אלטקייט. רופן מיט איר היימישקייט.
די שטוב, די אייגענע, די חלפן־שטוב,
וועט טראָגן אונטער דער סטרעשענע
למדנות. פארטראכטקייט. מרה־שחורה.
און זיבן דורות חלפן וועלן אומשפּאצירן
אין זיידענע געבלומטע שלאָפרעק
איבער די חדרים.
די פריזבע וועט זיך ווארעמען באטאָג אף דער זון,
א שטילע, א געבויגענע, ווי די עלטער־באָבע.
די פענצטער וועלן זאָגן צו דעם געסל :
א גוט־מאָרגן. א גוטע־נאכט.
א גוט־מאָרגן. א גוטע נאכט.
איז וואָס זשע דארף א מענטש ?
א מענטש דארף הייסן הערשל חלפן.
א מענטש דארף אף דער עלטער בויען זיך א ניי־קאַפּרעשט
פאר זיך אליין קאַפּרעשט.
און איבער הערי שעילפּנ׳ס גרויען קאָפּ
איז אויסגעוואקסן נאָך א קאָפּ,
א יונגער, בלאנדער, קרעפּטיקער,
וואָס לייכט האָט ער געטראָגן דעם געדאנק :
ניי־קאַפּרעשט.
פון ווענט באשאָטנטע מיט הויקערס
האבן ווייסע טויבן מיט די פליגעלאך געפּאָכט.

— — — —

א שטראָם פון ווארימקייט פארפלייצט דאָס הארץ
ווי אינעווייניק וואָלט אויפגעשיינט א זון.
די אויגן קוקן ליכטיק.
א קאָפּ און נאָך א קאָפּ.
ווייטן שפּרייטן זיך פאר זיי.
א הארץ און נאָך א הארץ.
אנו, ווי האָט געזונגען דער אלטער חזן אין קאָפּרעשט?
כבקרת רועה עדרו.
מיט א קנייטשעלע אף עדרו.
און אלע חלפנס האָבן זיך געציקלט:
עדרו.
האָט אויסגעבויט א מענטש פאר זיך א ניי־קאָפּרעשט
מיט קרומע געסלאך ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט וואוהין צו גיין.
ליימענע, פארטראכטע שטיבלאך.
דעכלאך שינדלענע, וואָס גליטשען זיך ארונטער.
דעכלאך שטרויענע ווי פעלצן.
די אלטע שול מיט קיילעכיקע שויבן.
און חלפנ׳ס שטוב
מיט ברייטע צעשפּאָלטענע, פארשמירט מיט ליים,
וואָס קוקן אויס ווי אָדערן אף מענערישע הענט.
ניי־קאָפּרעשט.
האָט אויסגעזוכט א מענטש חברים פון קאָפּרעשט
די שמואל־סעמס און מענדל־מאיקס.
אנו, חברה,
אראָפּ פון בארג. ארויף דעם בארג.
מיר שפּילן איצט אין בלענדעניש
אין הויף פון אונדזער שול.
האָט אויסגעזוכט א מענטש חברים פון קאָפּערשט
און צאָלט פאר יעדער שעה זיך שפּילן אין קאָפּרעשט.

ז׳אן ארנולד

התפילה: ״כיצד להזדקן כחכם״...

חוכמת ההזדקנות הוא הנושא של תפילה, אשר נמצאה בין ניירותיו של אדם, הזכור כידיד על ידי רבים מלקוחותיו ואנשי העיר אלבאני (ארה״ב).

התפילה נכתבה על ידי ד״ר אירווינג ויקס, ונשלחה אלינו על ידי בנו, ד״ר ג׳עס ויקס, אשר הלך בעיקבות אביו כאופטומטריסט. בגלל ערכה, של תפילה זו, למניעת תיסכולי גיל־הזיקנה ובגלל המבט החייכני על ההזדקנות אנו מפרסמים אותו עבור כל אלה שנעשים יותר ויותר זקנים:

☆

״אלוהיי, אתה יודע יותר טוב ממני שאני נעשה יותר זקן, וכי יום אחד אהייה ממש זקן. שמור־נא עליי שלא איהפך לפטפטן, ובמיוחד — שלא אחשוב שאני מחוייב להביע דיעה על כול נושא ובכול הזדמנות.



אויגן דאָקטאָר אירווינג וויקס און זיין פרוי אסתר — זיכרונם לברכה.

שחרר אותי מן הפיתוי לנסות להסדיר את ענייניו של כול אחד ואחד.

עשה אותי בעל־מחשבות, אבל לא בעל מצבי־רוח; שאהייה עוזר לאחרים אך לא משתלט עליהם.

עם מלאי החוכמה שאגרתי, נראה כי חבל שלא לנצלה עד תום. הרי ידוע לך, אלוהיי, שאני רוצה שיישארו לי לפחות חברים אחדים בימיי האחרונים.

שחרר את מחשבתי מהרצאת פרטים אינסופיים; תן לי כנפיים כדי שאגיע אל עצם העניין.

חתום את שפתיי על כאביי הרבים, למרות שהם מעניינים ובמשך השנים האחרונות נעשית החזרה עליהם יותר ויותר מתוקה.

למד אותי להיות נעים במידה סבירה; אינני רוצה להיות קדוש — קשה לחיות עם אחדים מהם — אבל זקן ממורמר הוא אחד ממעשי השטן.

עזור לי לשאוב את כול השימחה מן החיים; אינני רוצה לוותר עליה!"

☆

ד"ר ויקס הזקן, אשר פעל במשך 40 שנה בעיר אלבאני, — היה המייסד והמנהיג של הרבה אירגונים קהילתיים. פעם הוא טען כי יש באפשרותו לקבוע את מינו של הוולד, שטרם נולד, על ידי בדיקת העיניים (של האם); רבות מתחזיותיו היו נכונות.

בנו ג'עס, אשר עבד יחד איתו בשנות השישים, עובר עכשיו על כול כיתבי אביו לקראת איסופם בקובץ.

פורסם בעיתון "טיימס־יוניון", אלבאני — 29 במארס 1979

באמערקונגען פון דער רעדאקציע:

פריינט באָריס (בערל) ברויטמאן מיט זיי פרוי סאָניא זענען געקומען דאָס יאָר אין מדינת ישראל, כדי צו פייערן דעם פסח און דעם 32־טן יום העצמאות. ער האָט געמיינט, אז דער "ספר קאפרעשט" וועט אין דער צייט דערשיינען און ס'וועט פאָרקומען אנ'אלגעמיינער צוזאמענטרעף פון אלע קאפרעשטער אין ישראל, ביי וועלכן ס'וועט פארטיילט ווערן דאָס "ספר קאפרעשט". ער האָט געפלאנעוועט ארויסצוטרעטן, בא דעם צוזאמענטרעף, מיט באגריסונגס־ווערטער.

צו אונדזער אלעמענס באדויערונג, איז דאָס בוך — צוליב פארשידענע טעכנישע סיבותת — נישט דערשינען, ווי מיר האָבן געהאָפט. געמענדיק אין באטראכט, אז פריינט ברויטמאן האָט געמוזט צוריקפאָרן קיין ווענעצועלא, האָט ער אונדז איבערגעלאָזט זיין נישט געהאַלטענע רעדע.

באָריס (בערל) ברויטמאן

א נישט-געהאלטענע רעדע

חשובע, טייערע פריינט און באקענטע,

איך קום זיך דאָ פאָרשטעלן פאר די קאפרעשטער, וועלכע געדענקען מיך נישט פון אונדזער שטעטל. איך הייס בערל ברויטמאן; מע פלעגט מיך אויך רופן: "בערל לייב מרימ'ס". איך קום צו אייך פון א ווייט לאנד אין דרום אמעריקע — קאראקאס־ווענעצועלא. איך באטייליק מיך אין אייער שמערץ אין דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט אונדזער פאָלק געטראָפן; ווי אויך אין דעם ביטערן גורל, וואָס אונדזער שטעטאלע קאפרעשט איז אויס־געשטאנען אין צייט פון שרעקליכן אומקום.

כאָטש ס'זענען שוין פאָריבער כימעט 50 יאָר, זייט כ'האָב פארלאָזט קאפרעשט, דאָך באגלייטן מיך מיינע יוגנט־יאָר מיט ווירדע און שטאָלץ, אין אלע מיינע נע־ונד־וועגן. דווקא אין דער פרייער וועלט, ווו די נעמען פון קוזא און קאָדריאנו זענען זיי געווען פרעמד, האָב איך קיין איין מאָמענט נישט פארגעסן אין אייך.

מיינע בראווע ברידער, חלוצים און חלוצות, וואָס קאפרעשט האָט ארויסגעגעבן! איך בין שטאָלץ אויף אייך, וואָס מדינת ישראל האָט אייך אָנערקענונג געגעבן. אלע מיינע פריינט פון דרום אמעריקע, וועלכע האָבן באזוכט ישראל, האָבן מיט דרך־ארץ גערעדט וועגן דעם קאפרעשטער עלעמענט אין ארץ ישראל. אלס זון פון אונדזער שטעטל, וואָס מיר באוויינען היינט, בין איך שטאָלץ צו זיין א געבוירענער א קאפרעשטער.

ניש נאָר חלוצים פאר ישראל האָט קאפרעשט געגעבן; דאָס שטעטל האָט אויך פארמאָגט לאָקאלע קעמפער: אָט די וועלוואלעך און צדוקלעך, אָט די זין פון נחום בעקער, פון בנימין סאָטסקי, וועלכע האָבן פארטיידיקט דעם יידישן כבוד און געוואָרפן א מורא אף די שונאים, וועלכע האָבן געוואגט צו טרעפן אָדער צו באליידיקן דעם יידישן כבוד.

אויך תורה און ייחוס האָבן אין קאפרעשט נישט געפעלט. נישט יעדער שטעטל האָט געהאַט די זכייה צו פארמאָגן אזעלכע רבנים ווי קאפליוואצקי און אזוינע שוחטים ווי אהרון ליבסטאג; אויך אזעלכע פערזענליכקייטן ווי מרדכי גאָלדענבערג, ניאָרא איצקאָוויטש און אנדערע.



סאָניא און באָריס (בערל) ברויטמאן

אויך די זין, וואָס קאפרעשט האָט קיין דרום אמעריקע געשיקט, האָבן זייער אָפטאם נישט פארלייקנט. אויך אין זייער נייער היים האָבן זיי געש־פילט א וויכטיקע ראָל אלס חלוצים אויף פארשידענע געביטן .אזוי ווי איך ווייס אסאך וועגן אייך, וועט זיין נאטירלעך, אז איר זאָלט אויך באקומען אנונג וועגן קפרעשטער לאנדסלייט אין דרום אמעריקע.

